פרייז $1.00

# הקריה

Hakiryah

טבת תשע"ד לפ"ק

בס"ד

142

קרית יואל יצ"ו

**בעת מיר גייען צום דרוק:**

# היסטארישע "אנעקסעישאן אפליקאציע" אריינצונעמען פרישע 800 אקער-לאנד אין קרית יואל אריינגעגעבן געווארן

**אריין געגעבן דורך ועד הקריה צום טאון אוו מאנרא און ווילידזש אוו וואודבארי - בלויז דאס צווייטע מאל אין די היסטאריע פון קרית יואל, נאך איבער דרייסיג יאר פונעם פריערדיגען "אנעקסעישאן" פראצעדור - נייע שטחים וועלן האבן פלאץ צו פארטאפלען בעז"ה די צאל פון משפחות אין קרית יואל**

עס איז שוין אריבער א קיילעכדיגען יאר פון ווען דער "הקריה" האט געבראכן די נייעס איבער די פלענער אנצוהויבן מיט אן היסטארישען פראצעדור וואס איז באקאנט אלס "אנעקסעישאן", ווען עס האבן זיך בשעתו פארמירט א פארבאנד פון לאנד-אייגנטומער ארום די גרעניצן פון קרית יואל אין שפיץ פון ועד הקריה, אריינצוגעבן א געמיינזאמען אפליקאציע צו די ארומיגע טאון אוו מאנרא און ווילידזש אוו וואודבארי, און צו די קרית יואל ווילעדזש באאמטע, מיט א פארלאנג אריינצונעמען זייערע שטחים אין די גרעניצן פון קרית יואל.

יעצט קומט אריין די פריילינכע בשורה, אז מ'האלט שוין אט אט ביי די פרשה פון כי ירחיב ה' את גבולך, ווען דער מעגא-אפליקאציע איז געווארן אריינגעטראגן צום טאון אוו מאנרא/ווילידזש אוו וואודבארי, און צום ווילידזש אוו קרית יואל, פארלאנגדיג פון די טאון/ווילידזש באורד'ס צו אויטאריזירן און אריבערפירן ארום אכט הונדערט אקער-לאנד, וואס איז יעצט אונטער די דרויסענדע מוניציפאליטעטן, אריינצוקומען אינערהאלב די גרעניצן פונעם ווילעדזש פון קרית יואל.

*

אינעם דערמאנטן הקריה חודש טבת-שבט תשע"ג העעל"ט, האבן מיר געברענגט פאר די חשוב'ע ליינער א לענגערע און היסטארישע איבערזיכט, פונעם גרינדונג און שאפונג פון די "ווילעדזש אוו קרית יואל" בשנת תשל"ז בעידודו ובברכת קדשו פון רבינו הקוה"ט זי"ע, און שפעטער בשנת תשמ"ג עטליכע יאר נאכדעם וואס רביה"ק בעל ברך משה זי"ע האט איבערגענומען דעם שבט ההנהגה,

(פארזעצונג אויף זייט 24)

# העפטיגע ארבייט אויף נייעם "מירון-רימאנוב קאנעקטאר ראוד" צו לינדערן שווערן טראפיק אויף די הויפט-גאסן אין די שטאט

**ארבייט אפשטעל דורך "ניו יארק סטעיט ענווייראמענטאל דעפארטמענט" ווערט האפנטליך בקרוב געלעזט ווערן צו קענען איבערדעקן דעם ראוד מיט קוילן אינעם קומענדיגען קאנסטראקשאן-סעזאן - אימפאזאנטער זיצונג צווישן ווילעדזש באורד און די שכנים ברענגט געוואונטשענע רעזולטאטן**

ווי דער "הקריה" האט שוין געמאלדן מיט א צייט צוריק, האט דער ווילעדזש אונטערגענומען גאר א וויכטיגען פראיעקט, צו העלפן לינדערן דעם שווערן טראפיק פארקער אויף די הויפט גאסן פון די שטאט דאס זענען די גאסן פון פארעסט, עיקרס און בעיקרטאון ראודס, דורכן אהערשטעלן א שפאגל-נייעם ראוד, וואס וועט באהעפטן די צוויי עקן פון די שטאט.

דער צוקונפטיגער "קאנעקטאר ראוד" וואס ווערט געפלאנט אדורכצולויפן פון מירון דרייוו. ביז צו רימינוב ראוד, אקעגן איבער ישיבת עצי חיים, וועט רעדוצירן דעם וועג אנצוקומען פון איין זייט פון שטעטל ביזן אנדערן, מיט אריבער אכציג פראצענט, און צו דער זעלבער צייט וועט עס אראפנעמען א געשאצטע פופציג פראצענט פון קארס און באסעס, פון די הויפט גאסן ארום די שטאט ווי; בעיקרטאון, עיקערס, און פארעסט ראודס, וואס וועט דראמאטיש לינדערן די אנגעלייגטע טראפיק סיטואציעס אויף די דערמאנטע גאסן.

באלד ווען די נייעס איז געבראכן

(פארזעצונג אויף זייט 10)



קרית יואל בלאק וואוט

אויספירליכער אפשאצונג אויף דעם שטארקן סוקסעס און סיעתא דשמיא ביי די פארלאפענע קריטישע "נאוועמבער וואלן" אין ארענדזש קאונטי

זעט נייעס און דיאגראמס אויף זייט 5

# אויסגעשפראכענע ליבעראלע "אמעריקאנער סיוויל ליבערטיס יוניאן" קלאגט אן דעם קרית יואל ווילעדזש אין געריכט

**נאך אומבאגרינדעטע אינפארמאציע פארלאנגען פונעם ווילעדזש אפיס און טאון אוו מאנרא איבער דעם נאבעלן "רוח החיים - קינדער פארק" - וועלט בארימטע אדוואקאטן דרוקן אויס זייער פולסטע שטיצע אז תושבי קרית יואל זענען בארעכטיגט זיך צו פירן עפ"י דרכי וגדרי הצניעות**

מיט גרויס צער און ווייטאג האבן תושבי קרית יואל אויפגענומען די נייעס, אז די טרויעריג בארימטע "סיוויל ליבערטיס יוניאן", האט אריינגעטראגן א פארלאנג אינעם "ניו יארק סטעיט סופרים קאורט", פאדערנדיג אז דער געריכט זאל אינטערוועניר אז דער ווילעדזש זאל פארעפנטליכן פארשידענע רעקארדס, איבער דעם הערליכן נייעם "רוח החיים – קינדער פארק".

ווי עס איז שוין היינט ברייט באקאנט איבער די גאנצע וועלט, האט דער הנהלת הקריה געפייערט דעם פארגאנגענעם יו"ט פסח תשע"ג העעל"ט, די עפענונג פונעם דעם מאיעסטעטישן שפאגל-נייעם שפיל-פלאץ, באקאנט אלס דער "רוח החיים – קינדער פארק", צושטעלנדיג א

(פארזעצונג אויף זייט 15)

# העפטיגע ארבעט ביי בנין התלמוד תורה החדש טרעט אריין אין פרישע פאזע

**דאך פון געביידע פולקאם פארענדיגט - אנגעהויבן איבערדעקן געביידע מיט פראכטפולע ציגל, לפאר ולרומם בית ד'**

פאר תושבי קרית יואל וואס ס'קומט אויס אדורך צו פארן אויף די בעיקערטאון גאס איז א באזונדערע שמחה מיטצוהאלטן פערזענליך דעם בליה און וואוקס פון די הייליגע שטאט קרית יואל, ביים זען די כסדר'דיגע פארשריט ביי די נייע פרעכטיגע תלמוד תורה געביידע, און וועט בע"ה לינדערן כאטש פאר א וויילע דעם ענדלאזן מאנגל פון פלאץ וואס פעלט זיך אויס אין אלע יארגענג אין די מוסדות הקדושים.

ווי ס'איז שוין געווען באריכטעט אין "הקריה" עטליכע מאל, האט די הנהלת המוסדות אונטערגענומען דעם גראנדיעזן פראיעקט טראץ אלע שוועריקייטן און די פילע מיליאנען דאלארן מיט וואס דאס איז פארבינדן, נאך וואס יעדעס יאר שטייגט בלעה"ר דער ציפער פון תינוקות של בית רבן אין די מוסדות הקדושים פון קרית יואל, און די אלע גרויסע בניני הת"ת פון ביז היינט זענען שוין היינט איבערגעפולט עד אפס מקום, וואס האט געצווינגען אריינצושפרינגען אין די אונטערנעמונג וואס האלט אינמיטן אויפבויען די סאמע גרעסטע תלמוד תורה געביידע אין קרית יואל'ס היסטאריע! וואס וועט אפקאסטן די פאנטאסטישע סומע פון העכער צען מיליאן דאלער.

די פארשריט אין די געביידע רוקט זיך פאראויס מיט יעדן פארבייגייענדן טאג, און צוליב דעם אויסערגעווענליכן דרוק עס צו פארטיגן וואס שנעלער, האט די הנהלת המוסדות געטון מערערע פעולות צו פארזיכערן אז די ארבעט זאל קענען אנגיין אויך דורכאויס די ווינטער טעג, ווען ס'איז געווענליך שווערער צו בויען און רוב בוי-ארבעט קומט צו א גענצליכן אפשטעל.

צוערשט איז אויסגענוצט געווארן עטליכע טעג ווען ס'איז נישט געווען אזוי שטארק קאלט צו ענדיגן ארויפלייגן די גאנצע אינסולאציע אויפ'ן דאך, צו פארזיגלען אז די קעלט זאל נישט קענען אריינדרינגען פון אויבן, און אויטאמאטיש העלפט דאס היפש צו אז ס'זאל נישט זיין אזוי שטארק קאלט אין די געביידע. דערנאך האט מען אינדרויסן פון די געביידע ספעציעל ארומגענומען דעם בנין אויף א וועג וואס זאל ערלויבן צו ארבעטן טראץ די קעלט.

אין די איצטיגע טעג האט מען ווירקליך אנגעהויבן בשעה טובה ומוצלחת דאס ארויפלייגן די פראכטפולע ציגל אויף די דרויסנדיגע זייט פון די געביידע, וואס וועט בע"ה געבן פאר'ן בנין דעם ריכטיגן מאיעסטעטישן אנזען ווי ס'פאסט זיך פאר אזא הייליגן בית מקדש מעט, לכבוד התורה ולומדיה.

באזונדער וועט די קאסטבארע און פארצווייגטע ארבעט פון אריינציען פלאמבינג און עלעקטריציטעט אריינגיין אין פולן טעמפא אין די קומענדיגע וואכן בע"ה, ווי נאר מען ווערט פארטיג ארויפצולייגן די ציגל אויף די גאנצע געביידע.

לויט'ן איצטיגן פלאן ארבעט מען איבער די כוחות אז די גיגאנטישע געביידע מיט אירע פולע 48 קלאסן זאל בעז"ה שטיין גרייט אויפ'ן קומענדיגן שנת הלימודים תשע"ה צו פולקאם אקאמאדירן די תינוקות של בית רבן, און דערמיט ערלויבן אפצואטעמען — ווייניגסטנס פאר א קורצע צייט... — אין די ענגשאפט וואס הערשט יעצט אין פילע קלאסן.

און אגב איז דא אין פלאץ צו מפרסם זיין די עושי מצוה, די נוטלים חלק בראש, די חשוב'ע נדבנים אדאנק וועמען ס'איז ערמעגליכט געווארן דאס אהערשטעלן די קריטישע און ריזיגע אונטערנעמונג, בראש וראשון הרבני הנגיד המפורסם מוהר"ר מאיר הירש הי"ו, מחברי ההנהלה, וועלכער גיבט זיך אוועק א גאנץ יאר לייב און לעבן פאר די הצלחה פון מוסדותינו הקדושים און יעצט שטייט ער בראש פון דעם גראנדיעזן פראיעקט; ואתו עמו הרבני הנגיד המפורסם מוהר"ר מרדכי לאנדא הי"ו ובניו החשובים שיחיו; ווי אויך הרבני הנגיד המפורסם מוהר"ר אברהם יודא גאלדבערגער הי"ו.

יהי משכורתם שלימה מעם ה'.




## מודעה משמחת

מיר זענען צופרידן צו מעלדן אז דער 'הקריה' וועט זיין צובאקומען אין אנדערע געגנטן אינדרויסן פון קרית יואל.

שמשים אדער מקוה-אידן וועלכע זענען פאראינטערעסירט צו פארקויפן די 'הקריה' זאלן זיך פארבינדן צו די רעדאקציע

Tel: 845-418-6834
Fax:845-774-7945
Email: hakiryah@gmail.com

אזוי אויך איז דער הקריה דא צו באקומען
ביי 'וואלעראו געז סטעישאן'
נעבן קרית יואל ביים אריינגאנג צום 17


# וויכטיגע אינפארמאציע איבער טוישונגען אין מעדיקעיד און העלט אינשורענס ארויסגעשיקט דורכ'ן ווילעדזש קאמיוניטי סאשעל סערוויסעס דעפארטמענט

דעם פארגאנגענעם אקטאבער 1 איז געווען דער ערשטער טאג וואס ס'איז געלאזט געווארן אין גאנג די מאסיווע אונטערנעמונג צו רעפארמירן גענצליך דעם "העלט קעיר סיסטעם" אין די פאראייניגטע שטאטן פון אמעריקע. אן אונטערנעמונג וואס האט זיך אנגעהויבן ווען פרעזידענט אבאמא און דער קאנגרעס האבן דורכגעפירט דעם "עפארדעבל קעיר אקט" (ACA), און וועמענ'ס נאכפאלגן וועלן האבן טיפע קאנסעקווענצן איבער דעם גאנצן ריזיגן העלט קעיר סיסטעם פון אמעריקע, האפנטליך צו פארבעסערן דעם סיסטעם.

### העלט קעיר רעפארם אין די פאראייניגטע שטאטן

"העלט קעיר רעפארם" איז שוין גאר אן אלטע טעמע אין די פאראייניגטע שטאטן, וואס גייט צוריק אזוי ווייט ווי 1854' למספרם, קנאפע 160 יאר, ווען עס איז ארויפגעברענגט געווארן דער ערשטער פארשלאג אז די פעדעראלע רעגירונג זאל אנהייבן טון עפעס אין צושטעלן געזונטהייט קעיר פאר'ן אמעריקאנער פאלק. יענער געזעץ איז אדורך אין ביידע הייזער פון קאנגרעס אבער געווארן וועטאאירט דורך פרעזידענט פרענקלין פיערס.

פון די ערשטע מינוט ווען די טעמע איז אויפגעקומען האט עס אנגעצינדן גאר היציגע דעבאטעס צווישן די ליבעראלע און קאנסערוואטיווע

(פארזעצונג אויף זייט 19)

# ווילעדזש באורד באשטעטיגט וואסער ראטע העכערונגען צו דעקן שטייגנדע וואסער אויסגאבן

**20 יאר אריבער זינט דעם לעצטן וואסער ראטע העכערונג - "וואסער קאנעקשאן אפצאל" פאר נייע דירות אין קרית יואל וועט איינגעשטעלט ווערן אין איינקלאנג מיט'ן ניו יארק סטעיט פארלאנג פון דעקונג פארן פייפליין באנד**

תושבי קרית יואל זענען כסדר געוואוינט צו ליינען איבער די פארשידענע אקטיוויטעטן פון די קרית יואל וואסער דעפארטמענט, צוצושטעלן וואסער פארן טעגליכען געברויך, ביז היינט האט מען גערעדט איבער גרובען און מעינטעינען די קוועלער; בויען און מעינטעינען די ריזיגע וואסער טענק; אויפהאלטן און באגלייטן דעם פילטערינג פלענט אויף בארדיטשוב ראוד, און אנדערע טייערע ארבייט וואס ברויך כסדר ווערן געטאן פאר די וואסער געברויכן. און די לעצטע פאר יאר הערט מען שוין אויך איבער דעם ריזיגען מאנומענטאלער "פייפליין פראיעקט" וועלכע איז שוין טיף אינמיטן די קאנסטראקשאן ארבייט, און וועט האפנטליך זיין דער ענדגילטיגער לעזונג צום וואסער פראבלעם אין קרית יואל.

וואס עס איז אפשר נישט גענוג ברייט אויסגעשמועסט געווארן ביז היינט, איז דער חלק פון די שווערע אויסגאבן אין וועלכע דאס שלעפט אריין, וואס ברויך ווערן גדעדעקט דורך די וואסער טשארזשעס וואס קרית יואל'ער איינוואוינער באצאלן פער גאללאן. די וואסער ראטע שטייט היינט אין קרית יואל ביי 2.75 דאלער פער טויזנט גאללאן פון וואסער באנוץ, וואס די ראטע האלט שוין אן זינט דאס יאר 1994 למספרם, ווען די ראטעס זענען דאן געהעכערט געווארן פון 2.50 צו 2.75 פער טויזנט גאללאן.

דורכאויס די יארן זענען די וואסער אויסגאבן כסדר געשטיגן, סיי ווען מאטריאל און ארבייטס קראפט זענען נאכאנאנד ארויפגעגאנגען אין פרייז, און בעיקר ווען דער ווילעדזש איז געווען געצווינגען אונטערצונעמען פארשידענע גרעסערע פראיעקטן, וואו גרובען פרישע קוועלער אדער קאסטבארע אונטערנעמונגען איבערצופרישן אלטע קוועלער, אלעס צו פארשטערקערן דעם וואסער סופליי צוליב דעם וואקסנדען געברויך.

בייגעוויסעפעלעראיזדערווילעדזש געווען געצווינגען אריינצוברענגען וואסער מיט טאנקער-טראקס צוליב א מאנגל אין לאקאלע סופליי, דאס האט שטענדיג אריינגעשלעפט די וואסער אויסגאבן אין ריזיגע דעפעציטען, אזש אז אין די לעצטע עטליכע יאר האבן די יערליכע וואסער איינקנופטען מער נישט געדעקט די אויסגאבן, און דער ווילעדזש האט זיך געטראפן מיט א נייעם יערליכען וואסער דעפעציט.

די שטייגנדע אויסגאבן, האט יעצט געצווינגען אז דער ווילעדזש באורד זאל איינשטעלן וואסער העכערונגען אין די קומענדיגע חדשים, די וואסער ראטעס וועלן ווערן צוטיילט אין צוויי קאטעגאריעס; איין פרייז וועט זיין פאר רעזידענשאל באנוץ, ד.ה. פאר געווענליכע היים-אייגנטומער און פאמיליע געברויכן, און א באזונדערע ראטע וועט ווערן איינגעשטעלט פאר קאמערציאלע באנוץ ווי בתי מדרשים

(פארזעצונג אויף זייט 11)


״הקריה״
HAKIRYAH
51 Forest Rd. Unit 390
Monroe, NY 10950
**Fax:** 845-774-7945
**Email:** hakiryah@gmail.com


**אריינצושיקן בריוו צו די רעדאקציע, ווי אויך פאר סיי וועלכע פארשלאגן, עצות און קאמענטארן וויאזוי צו פארבעסערן אונזער/אייער אויסגאבע, ביטע שיקט אריין אויף דעם אויבנדערמאנטן אדרעסס. אייער נאמען וועט געהיטן ווערן אין די רעדאקציע אויף אייער פארלאנג.**


Not responsible for typographical errors or opinions expressed by the writers or advertisers. No part of this publication may be reproduced in any form without written consent of the publisher.

# קרית יואל צייכנט אפ ענדע פונעם ערשטן קאנסטראקשאן סעזאן אויף מעכטיגן "קרית יואל וואסער פייפליין" פראיעקט

**נאנט צו 22 טויזנט פיס פון מעכטיגע פייפס שוין ב"ה אריינגעצויגן אונטערערדיש - ווייטערדיגע פלאנירונגס ארבייט גייט אן מיט'ן פולן טעמפא צוצוגרייטן די קומענדיגע פאזעס פונעם מאנומענטאלן פראיעקט - ארבייט וועט ווייטער פארזעצן בעזהשי"ת קומענדיגן פרילינג אויף פארבליבענע 11 טויזנט פיס פייפס צו פארענדיגן ערשטע פאזע**

אין גאר א פריילינע שטימונג האט דער ווילידזש אפגעצייכנט אין די פארגאנגענע וואכן, דער אפיציעלער ענדע פונעם "קאנסטראקשאן סעזאן" אויפן קאלענדער יאר, ווען די ריזיגע בוי-פירמא "טאמקא" האט איבערגעלאזט די סצענעס אויף קאונטי רוט 44 און סטעיט רוט 32, נאכן פארענדיגען צוויי דריטל פונעם ערשטן פאזע, פון דעם גיגאנטישן "פייפליין פראיעקט".

די שווערע ארבייט וואס האט זיך אפיציעל אנגעהויבן געציילטע טעג פאר פסח שנת תשע"ג העעל"ט, איז אנגעגאנגען העפטיג דורכאויס דעם פארגאנגענעם זומער אריין אין הערבסט, ווען די שווערע מאשינעריע האבן אומאויפהערליך געארבייט, אריינצוציען די ריזיגע 24 אינטש'יגע פייפס וואס וועט לויפן פון קרית יואל, ביז צו "ניו ווינדסאר" וואו דער פייפליין וועט באהאפטען ווערן צום "ניו יארק סיטי עקוועדאקט", צוצושטעלן וואסער פאר קרית יואל'ס געברויך.

ווי געפלאנט האט אבער די ארבייט געמוזט ווערן אפגעשטעלט איידער דער ווינטער הייבט זיך אן, און אויפן פארלאנג פון די "ניו יארקס סטעיט" און פון די לאקאלע "אראנדזש קאונטי" הייוועי דעפארטמענטס, איז דער אפשטעל-דאטום באשטימט געווארן אויף פארגאנגענעם פרייטאג פר' וישלח ולמס' נאוועמבער 15, ווען דער "פעיווינג סעזאן" קומט אפיציעל צו אן ענדע, און מ'קען מער נישט איבערפלאסטערן קיין שאסייען, ביז צום קומענדיגען סעזאן.

נאך דעם וואס די ארבייט איז אפיציעל אפגעלייגט געווארן, האט דער ווילעדזש ערהאלטן דעם רעגלמעסיגען "אינזשעניר באריכט", וואו דער ווילעדזש אינזשעניר מאכט דעם סך-הכל פונעם פראיעקט, צוזאמענעמענדיג אלע פאקטן און ציפערן, סיי פון די פארגאנגענהייט, און וואס בלייבט צוטאן אינעם צוקונפט, צו פארפולקאמען דעם לאנג-ערווארטעטן פראיעקט.

אינעם באריכט שרייבט דער ווילעדזש אינזשעניר אז פון די ערשטע פאזע וואס באשטייט פון א טאטאל פון 33,000 פיס, וואס דער פייפליין וועט לויפן פון קרית יואל ביז צום מאונטענוויל געגנט וואו עס געפונען זיך די ריזיגע "רעזערוו קוועלער", האט "טאמקא" שוין אנגעיאגט צו אינסטאלירען 21,900 פיס פייפס, דאס הייסט אז צוויי-דריטל פייפס פונעם ערשטן פאזע, זענען שוין פולקאם אריינגעצויגן געווארן. דאס לאזט איבער בייליפיג 11,000 פיס וואס ברויך פארענדיגט ווערן קומענדיגען פרילינג, דערפון איז ארום 1,500 פיס אויף רידזש ראוד/קאונטי רוט 44 ביז צום סטעיט ראוד 32, און די איבריגע נאנט צו 10,000 איז אויף סטעיט רוט 32 ביז צו די מאונטענוויל קוועלער שטח.

טראץ דעם וואס די דערמאנטע דערגרייכונגען זענען שטארק באגריסנסווערט, איז עס פארט נישט דאס וואס איז אריגינעל געווען אין פלאן צו דערגרייכן דעם פארלאפענעם ארבייט-סעזאן, א גרויס חלק דערפון האט צוטאן מיט דעם וואס די אויספלאסטערונג אויף קאונטי רוט 44 געפונט זיך אין גאר א שוואכן צושטאנד, וואס דאס האט פאראורזאכט שטארק צו פארלאנגזאמען די ארבייט, וויבאלד דער ווילעדזש איז געווען פארפליכטעט צוריקצושטעלן אלע ראודס צום געווענליכען באנוץ, האט דער שוואכער צושטאנד פונעם קאונטי רוט פארלאנגט אסאך מער ארבייט דאס איבערצופלאסטערן און אהערשטעלן פאר'ן געהעריגן באנוץ, אסאך מער ווי מ'האט פאראויסגעזעהן איידער מ'האט אנגעהויבן די ארבייט.

פארן קומענדיגען סעזאן איז אויך איבערגעבליבען אביסל פון די מער קאמפליצירטע ארבייט, ביי עטליכע פלעצער וואו דער פייפליין ברויך אריבערגיין פארשידענע שווערע פונקטן, צו איז דאס ביי "ראוד אינטערסעקשאנס" אדער ביי אנדערע האקעלע שיידפונקטען, וואו עס פעלט אויס צו טאן וואס ווערט גערופען אויף ענגליש "זשעק ענד באור", ד.ה. ווען מען ברויך אדורכבויערן א גרוב און צו דער זעלבער צייט אונטערהאלטן דעם איבערפלאך ביים אדורכציען די ריזיגע פייפס אונטערערדיש, די דערמאנטע ארבייט וועט אי"ה אויך פארקומען דורכאויס די קומענדיגע פרילינג און זומער חדשים הבעל"ט.

*

טראץ דעם וואס קיין אקטיווע ארבייט אויף די שאסייען וועלן טאקע נישט פארקומען אין די קומענדיגע עטליכע ווינטער חדשים, טוט דאס ווייט נישט באדייטן אז דער פראיעקט איז אויף א פולקאמער ווינטער-שלאף. אין די צייט וועלן פארקומען אינטענסיווע ארבייט אויף צוצוגרייטן די ווייטערדיגע פאזעס פונעם פראיעקט, דאס נעמט אריין פארשידענע ארבייט פון; אינזשענירען, אדוואקאטן, ארכיטעקטן און אנדערע ספעציאליסטען.

ווי מערערע מאל באריכטעט איז די ביז-יעצטיגע ארבייט נאר געווען קאנצענטרירט ארום דעם ערשטן פאזע פונעם "פייפליין פראיעקט". אויסער דאס עצם אריינלייגן די פייפס אויף וועלכע די ארבייט איז ביז יעצט אנגעגאנגען, נעמט די ערשטע פאזע אויך אריין אויפצובויען צוויי מעכטיגע "פאמפ סטעישאנס", די סטעישאנס וועלן דינען אלס שטויס-קראפט צו פאמפען די וואסער, סיי פון די

(פארזעצונג אויף זייט 9)

# היסטארישער פארשריט פון "פידיעטריקס מעדיצין" אין קרית יואל גאלאפירט פאראויס יעדן איינציגן טאג

**- העפטיגע ארבעט ביים נייעם פראכטפולן "פידיעטריקס שטאק" אין "עזרת חולים העלט צענטער" אריין אין די לעצטע פאזעס -**

**- גוואלדיגע גריסן פון נייעם אויסגעצייכנטן פול-טיים קינדער-דאקטאר ר' אליעזר פראומער הי"ו שטייגן איבער אלע ערווארטונגען -**

**- הערליכע אילוסטראציע פון נייעם שטאק רופט ארויס וואונדער און התפעלות איבער די שטאט -**

**- "פידיעטריקס" אפטיילונג ווערט שוין יעצט געעפנט פאר מער שעות נאכצוקומען אומגעהויערן געברויך -**

**- ערשטע רינגעלע פון מאסיווער פארשריט אין אלע אפטיילונגען פונעם "עזרת חולים העלט צענטער" -**

צופרידענע תושבי קרית יואל האלטן מיט טאג טעגליך די אומאויפהערליכע פארשריט וואס ווערט דורכגעפירט ביים שפאגל-נייעם "פידיעטריקס שטאק" אין אונטערשטן שטאק פון "עזרת חולים העלט צענטער", וואס האלט אצינד אין די לעצטע פאזעס צו ווערן פארטיג, גרייט צו באדינען די צענדליגער טויזנטער קרית יואל'ער קינדערלעך בלעה"ר אויף א פארנעם פון פידיעטריקס מעדיצין וואס איז נאך קיינמאל פריער נישט געזען געווארן אין קרית יואל.

עס איז שוין מער ווי איינמאל באריכטעט געווארן איבער די לעצטע מאנאטן אויף די שפאלטן פון "הקריה" וועגן די גראנדיעזע אונטערנעמונג דורך די אימערמידליכע הנהלה פון עזרת חולים אויסצובררייטערן גאר גרויסארטיג דעם פארנעם פון די געזונטהייט סערוויסעס, סיי אין קוואליטעט און סיי אין מאס, צו קענען נאכקומען דעם וואקסנדן געברויך וואס פעלט זיך אויס לויט דער פענאמענאלער וואוקס פון די שטאט קרית יואל.

דער ערשטער שטאפל פון די פארברייטערונג איז דאס אויפבויען דעם גרויסן פראכטפולן פידיעטריקס-שטאק, אויסגעשטאט מיט די מאדערנסטע און פארגעשריטנסטע צוגעהערן, וואס וועט צושטעלן א געוואלדיגע רחבות און באקוועמליכקייט פאר די אויסגעצייכנטע "פידיעטריקס קעיר" אפטיילונג, און באזונדער וועט עס ערמעגליכן צו פארטאפלען אויך דעם "דענטאל קעיר" אפטיילונג וואו עס הערשט א שרעקליכער מאנגל, און אומצאליגע קרית יואל'ער איינוואוינער קוקן ארויס צו קענען באדינט ווערן ווי געהעריג דורך דעם בארימטן דענטאל שטאב פונעם עזרת חולים. פון דארט וועט מען זיך קענען רוקן ווייטער אויסצוברייטערן אויך אלע אנדערע אפטיילונגען פון עזרת חולים וואו דער געברויך פאר געזונטהייט סערוויסעס שטייגט ווייט איבער די באגרעניצטע מעגליכקייטן פון די איצטיגע 'קליינע' [...] פליגלען.

במשך די לעצטע מאנאטן איז ווירקליך אריינגעלייגט געווארן אומגעהויערע כוחות, צייט און געלט דורכ'ן עזרת חולים צו קענען דורכפירן די גראנדיעזע אונטערנעמונג, און בעת די שורות ווערן געשריבן שטייט מען אין די פאזעס פונעם פארטיגן די אפטיילונג אז עס זאל זיין פולקאם גרייט אויפצונעמען פאציענטן ביז עטליכע מאנאטן בע"ה. דער "גריד" אויפ'ן דאך איז שוין פארטיג, און די טיילס פאר'ן דאך קומען אן אין די איצטיגע טעג; דער סטים איז שוין געווארן אנגעצינדן; מ'ענדיגט לייגן די טיילס אויפ'ן פלאר; די וואָל-פעיפער איז שוין אנגעקומען און וועט ווערן ארויפגעלייגט ווי נאר דער פלאר ווערט פארטיג; די ערשטע פון די זיבעצן צימערן איז שוין געווארן פולקאם אויסשטאפירט מיט די קעבינעטס און אנדערע צוגעהערן אלס א סעמפל, און בקרוב וועלן די אנדערע צימערן ווערן אויסשטאפירט; און אזוי ווייטער מארשירט מען פאראויס מיט'ן פולן גאלאפ צוצוענדיגן די לעצטע געברויכן און אלע 'טאָטש-אָפּס' וואס פעלט זיך אויס.

לויט'ן פלאן וועט מען בע"ה בקרוב זיין פיקס פארטיג מיט די בוי-ארבעט און צוגרייטונגען, וואס דערנאך וועט די ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט אראפקומען באשטעטיגן אז מ'קען עפענען דעם שטאק בשעה טובה ומוצלחת. האפנטליך וועט דער שטאק זיין פולקאם גרייט באלד נאך פסח אי"ה צו קענען אויפנעמען די טויזנטער קרית יואל'ער איינוואוינער מיט דעם פאסיגן רחבות און הויכער קוואליטעט, דאס בעסטע און שענסטע פאר קרית יואל'ס רבבות קינדערלעך בלעה"ר צו קענען האבן דעם בריאות השלימות און הרחבת הדעת אויסצושטייגן מעלה מעלה על במתי התורה והיראה.

*****

א וויכטיגער שליסל אין אויסברייטערן די אפטיילונג איז זעלבסטפארשטענדליך דאס צושטעלן גענוג אויסגעצייכנטע דאקטוירים וועלכע זאלן קענען באהאנדלען דעם ברייטערן פלוס פון פאציענטן, און ווי שוין געמאלדן אין "הקריה" פארגאנגענעם חודש תשרי העעל"ט האט עזרת חולים באוויזן א היסטארישן דורכברוך אין דעם הינזיכט ביים אויפנעמען דעם

(פארזעצונג אויף זייט 27)

# בוי־ארבעט פון גיגאנטישן 50,000 פיסיגן אודיטאריום גאלאפירט פאראויס

**ריזיגער 20 פיסיגער "ריטעינער וואנט" שוין פארטיג, אנגעהויבן לייגן פונדאמענט - געביידע וועט זיין זיבעטע רינגעלע אין גאלדענע קייט פון "בית רחל געביידעס" אין קרית יואל - וועט זיין גרעסטער זאל פון מלכות סאטמאר איבער דער גארער וועלט, מערערע שמחות בבית מרן רבינו הגה"ק שליט"א און מאורעות בחצרות קדשינו וועלן דארט קענען געפראוועט ווערן, ווי אויך דינער פון מוסדותינו הקדושים**

**ערמעגליכט אדאנק פלייסיגע ארבעט פון געטרייע "לעידיס אקזילערי" אין שפיץ פון הרבנית הצדיקת תליט"א**

יעדן אינדערפרי ווען די פילע טויזנטער תלמידות פונעם בית רחל כ"י שפאנען אראפ פון די צענדליגער באסעס וועלכע פירן זיי אין שולע אריין, קוקן זיי צו מיט שפאנענדער אינטערעסע איבער די אנגייענדע פארשריט וואס ווערט דורכגעפירט ביים ארט וואו עס ווערט געבויט די נייע גיגאנטישע "אודיטאריום" געביידע, וואס וועט בע"ה שטיין צו דער באדינונג פון אומצאליגע תלמידות אין די קומענדיגע יארן.

עס פעלט נישט אויס צופיל מאריך זיין אין שילדערן די אומגעהויערע וויכטיגקייט פון צושטעלן א געהעריגן אודיטאריום פאר די חשוב'ע תלמידות פון בית רחל, וועלכע פארמאגן נישט היינט קיין געהעריג צוגעפאַסטן ארט וואו דורכצופירן סיי וועלכע גרעסערע אדער קלענערע פארזאמלונג, און עס

(פארזעצונג אויף זייט 17)

# שוין אנגעהויבן ב"ה צו אינסטאלירן די ערשטע פאזע פון סמאוק דעטעקטארס

## עטליכע הונדערט דעטעקטארס טוען שוין זייער ארבעט אין פילע קרית יואל'ער הייזער

אין די איצטיגע וואכן האט מען אנגעהויבן אינסטאלירן די ערשטע פאזע פון די סמאוק דעטעקטארס אין די הייזער פון תושבי קרית יואל.

ווי עס איז געווען געמאלדן אין "הקריה" דעם פארגאנגענעם זומער איז ארויסגעשיקט געווארן דורכ'ן ווילעדזש פאר אלע קרית יואל'ער איינוואוינער א פראגע בויגן אויסצופילן און צוריקצושיקן צו קענען געניסן פון א רעגירונג'ס פראגראם וואס שטעלט צו אומזיסט סמאוק דעטעקטארס.

למעשה איז דער אפרוף געווען אויסטערליש שטארק, אסאך מער ווי גערישט. און אויסער דעם האט די סטעיט רעגירונג נאכ'ן באקומען די אויסגעפילטע בויגנס פלוצלונג גענומען איינציען דעם פאסיק און געצוימט די פאנדן וואס ווערן באשטימט פאר דעם פראיעקט, אזוי אז מ'האט זיך דערזען אז מ'וועט בשום אופן נישט קענען צושטעלן אויפאמאל דעם גאנצן געברויך, און מ'האט עס בלית ברירה געמוזט איינטיילן לויט א סדר פון וועמען עס קומט וויכטיגער, און היי יאר וועט קודם קומען די ערשטע רונדע, דערנאך וועט עס קומען צוביסלעך לויט ווען עס וועט ווערן עוועלעיבל די רעגירונג'ס געלטער.

די קריטעריע אריינצוגיין אין די ערשטע רונדע לויט'ן סדר פון וויכטיגקייט איז געווען: 1) געביידעס וועלכע זענען אויפגעשטעלט געווארן בעפאר יאר 2000 למספרם; 2) פון די דאזיגע געביידעס וועט מען עס קודם געבן פאר די וועלכע האבן בכלל נישט קיין סמאוק דעטעקטאר אין שטוב; 3) אין די יעצטיגע ערשטע רונדע וועט מען באקומען א מאקסימום פון דריי דעטעקטארס פער דירה.

נאך וואס עס איז באשטימט געווארן וועלכע איינוואוינער גייען אריין אין די דאזיגע קריטעריע האט מען אנגערופן די דאזיגע איינוואוינער און זיי געלאזט וויסן אז זיי זענען אויסגעקליבן געווארן פאר די ערשטע רונדע. דערנאך האט דער ווילעדזש אויפגענומען א היימישן עלעקטרישאן פון קרית יואל וועלכער גייט ארום אין די הייזער לויט א באשטימטע רייע, און ביז ווען די שורות גייען צום דרוק זענען שוין אינסטאלירט געווארן עטליכע הונדערט סמאוק דעטעקטארס.

לויט'ן פלאן וועט מען בע"ה ביז עטליכע וואכן האבן אינסטאלירט די ערשטע 2,000 דעטעקטארס, און ווי נאר די פרישע פאנדן וועלן ווערן עוועלעיבל וועט מען גייט ווייטער אין די רייע.

# באלערנדער "מעינטענענס קאנפערענץ" איבער נייע הייבריד ווילעדזש באסעס צוגעשטעלט דורך באס מעכאניקער פון קאליפארניע

תושבי קרית יואל האבן זיך שוין צוגעוואוינט צו זען די שפאגל-נייע פארגעשריטענע הייבריד ווילעדזש באסעס קורסירן אויף די גאסן פון קרית יואל, וואס אדאנק די נייע באסעס איז אין די לעצטע מאנאטן גאר שטארק געוואקסן דער צאל פאסאזשירן וועלכע באנוצן זיך מיט די געשמאקע און באקוועמע פאבליק טראנספארטאציע.

די נייע הייבריד באסעס זענען אזוי פראדוצירט אז דער באס פארט בעיקר אויף באטערי קראפט, און בלויז פון צייט צו צייט ווערט גענוצט דער גאזאלין מאטאר. דאס העלפט שפארן אסאך גאזאלין, און איז אויך אסאך בעסער פאר די ענווייראמענט, אבער וויבאלד די סארט מאטארן זענען ניי אויף די מארקעט, האט זיך ארויסגעשטעלט אז אפילו פראפעסיאנאלע אויטא מעכאניקער האבן זיך נישט אויסגעקענט גענוג מיט די מעינטענענס און פארריכטונג ארבעט פון די סארט מאטארן.

פאר דעם צוועק האט די פירמע אין קאליפארניע וועלכע פראדוצירט די באסעס ספעציעל אראפגעשיקט 2 פון זייערע געלערנטע מעכאניקער וועלכע האבן זיך אויפגעהאלטן אין קרית יואל פאר דריי טאג, דינסטאג מיטוואך און דאנערשטאג שמות העעל"ט, און זיי האבן די גאנצע דריי טאג געגעבן גרונטליכע לעקציעס איבער די אויפהאלטונג און מעינטענענס פון די באסעס.

די לעקציעס זענען פארגעקומען אין די פייער סטאנציע פון "חברה מצילי אש" אויף חברון ראוד, וואו עס זענען אנוועזנד געווען פארשטייער פון די K&J Auto פירמע, די M&S באס ריפעיר פירמע, און די "Satisfaction repair" פירמע, וועלכע זענען באאויפטראגט זיך אפצוגעבן מיט די ווילעדזש באסעס איבער'ן יאר, אזוי אויך איז אנוועזנד געווען הר"ר וואלף פארקאש הי"ו אלס מענעדזשער פון די ווילעדזש באסעס, און זיי האבן גוט אויסגענוצט די צייט זיך צו באקענען מיט אלע דעטאלן און דעם גאנצן הלוך ילך פונעם נייעם מאטאר, צו פארזיכערן בע"ה אז די באסעס קורסירן ווייטער ארום די שטאט און שטעלן צו די וויכטיגע טראנספארטאציע סערוויסעס אן קיין שום שטער.







**אין פאל פון א שניי אדער שווערע וועטער - ונשמרתם מאוד לנפשותיכם:**

# קרית יואל ווילעדזש'ס עמערזשענסי אגענטורן בעטן זיך: בלייבט אינדערהיים!

## חברה הצלה, פאבליק סעיפטי, מצילי אש, פאבליק ווארקס, חברים ווארענען:

**מ'פוצט טאקע די שניי, אבער זיך ארומדרייען אינדרויסן**
**ביי א שניי איז א סכנה! סיי אין א קאר, סיי גיין צופוס**

## נעמט עס נישט פאר לייכט!

די ווינטער טעג זענען שוין אנגעקומען אין דער פולער קראפט ב"ה. קרית יואל האט שוין אפילו זוכה געווען צו 2 גרויסע שנייען אין איין וואך, אבער א שניי מיינט נישט נאר א צייט ווען קינדער האפן אז מ'וועט קענען בלייבן אינדערהיים פאר א גאנצן טאג...

פרעגט סיי וועלכן וואלונטיר פון סיי וועלכע עמערזשענסי ארגאניזאציע וועט איר אלעמאל הערן אז דער בלוט דרוק גייט זיי ארויף ווען אימער דער וועטער-נביא מעלדט פון פאראויס אז עס קומט א שניי. נישט נאר דערפאר וואס זיי וויסן שוין צו ערווארטן עמערזשענסי רופן דוקא אין א צייט ווען ס'איז אזוי שווער ארויסצוגיין אויף דער גאס און לויפן צו אן עמערזשענסי קאל, נאר בעיקר דערפאר וואס א גרויסע צאל פון די עמערזשענסיס וואלטן געקענט אויסגעמיטן ווערן אויב מענטשן וואלטן געווען מער פארזיכטיג.

ס'איז ב"ה טאקע איינגעשטעלט א קאמפלעטער סיסטעם וויאזוי צו שארן די שניי איבער די גאנצע שטאט. אנדערש ווי אין אנדערע געגנטער אין אפסטעיט, אדער ווי אמאל, ווען יעדע שניי האט געמיינט כאטשיק 1-2 טאג אן קיין חדר/שולע, און אז דאס שטעטל איז געלעגן באגראבן עטליכע טעג אין שניי, ווערט א שניי היינט אסאך בעסער אנטפאנגען און ביז א קורצע צייט נאך די שניי וועט בדרך כלל די קאר און פיסגייער טראפיק זיין צוריק צו א כמעט געווענליכן שטאפל.

(ס'מיינט נישט אז ס'וועט מער נישט זיין קיין שניי אויף די גאס... שניי בלייבט שניי, און דאס בעסטע פוצן קען נישט מאכן אז יעדע שניי ברעקעלע זאל פלוצלונג ווערן פארשווינדן, אזוי אויך איז יעדע שניי אנדערש און מיט יעדע שניי דארף מען זיך אנדערש אפגעבן, ווי צב"ש א 'נאסער' שניי איז אסאך שווערער צו פוצן ווי א 'טרוקענער' שניי, אד"ג. אבער קעגן אמאל, און אפילו קעגן אנדערע געגנטער, איז קרית יואל היינט ב"ה זייער גוט אפגעווארט ווען ס'קומט צו שניי פוצן).

ביי יעדע שניי קומט אבער נאך אלץ אויס זיך אנצושטויסן אין די סארט לייכטזיניגע עלעמענטן וועלכע מיינען אז די זאכן זענען א קינדער שפיל, און נישט נאר גיבט מען נישט אכטונג אויף זיך אליין, טוט מען אויך אזוינע זאכן וועלכע שטערן אלע נאנט צו 25,000 נפשות כ"י פון קרית יואל, און זייער אפט ברענגט דאס ממש צו סכנת נפשות, אן קיין שום גוזמא!

### אזוי צום ביישפיל:

- פארן מיט א קאר אינמיטן א שניי מיינט נישט נאר אז מ'קען זיך נעמען גליטשן און שעדיגן זיך אדער אנדערע חלילה; ס'מיינט נישט נאר אז מ'שטערט די שארער טראקס פון טון זייער ארבעט אויפצופוצן די שניי; ס'איז נישט נאר א פראבלעם אויב די קאר וועט ח"ו ווערן סטאק אינמיטן די שניי און בלאקירן דעם טראפיק פאר לאנגע שעה'ן, נאכדערצו אויב ס'איז אויף א הויפט גאס; נאר דאס עצם פארן אויף די גאס מיינט אז ווען ס'קומט אריין אן עמערזשענסי קאל וועלן די וואלונטירן נישט קענען אנקומען גענוג שנעל צו די סצענע צוליב וואס אייער קאר איז זיי געשטאנען אין וועג. און ליידער איז קיינער נישט פארזיכערט אז דער עמערזשענסי קאל זאל נישט קומען פון זיין אייגענע הויז ה"י!
- דאס פארקן א קאר אינדרויסן אויפ'ן שאסיי שטערט נישט נאר דעם שניי-שארער טראק אויפצוקערן די שניי אין די גאנצע פלאץ ארום די קאר, וואס מיינט אז פאר לאנגע טעג נאכ'ן שניי וועלן נאך אלע איינוואוינער און דורכגייער נעבן דעם פלאץ זיך דארפן מוטשען מיט א בארג שניי, נאר ס'מיינט אויך אז יעדע קאר וואס גייט דארט אדורכפארן אין די פאלגנדע טעג וועט דארפן פארן ארום דעם בארג, און אפט אריינפארן אין די טראפיק לעין פון קעגנאיבער, פירנדיג צו ווער ווייסט וויפיל עקסידענטן, אזוי אויך וועלן פיסגייער מוזן אריינשפאצירן אינמיטן די גאַס טראפיק חלילה.
- גיין אויף די גאס ביי א שניי מיינט נישט נאר זיך גוט אנפעלצן און אנטון ווארימע שטיוול. ס'מיינט אויך כמעט אלעמאל אז איר וועט מוזן אראפגיין אויפ'ן שאסיי און שפאצירן הארט נעבן די קארס, וואס יעדעס מאל דורכגיין נעבן א פארנדיגע קאר ביי א שניי און נישט ווערן אראפגעקלאפט, קען אריינגיין אין כלל פון א קליינער נס! ווייל ווען ס'שנייט איז יעדער דרייווער אנגעצויגן, ער קען נישט ארויסקוקן געהעריג פון פענסטער; די שאסיי איז גליטשיג און יעדע סעקונדע קען ער כאפן א גליטש אדער קען דער פיסגייער זיך אויסגליטשן גראד אונטער די קאר רח"ל; און ס'איז אויך היפש טונקל אפילו אינמיטן טאג.

אלע עמערזשענסי הילף אגענטורן אין קרית יואל בעטן און ווארענען יעדן איינציגן קרית יואל'ער איינוואוינער: האט רחמנות אויף אייך און אויף אונז, בלייבט אינדערהיים אין צייט פון א שניי! גארנישט איז נישט אזוי קריטיש וויכטיג אז מ'זאל מוזן ארויסגיין פון שטוב, סיי אויב מ'וויל פארן מיט די קאר און סיי אויב מ'וויל גיין ערגעץ צופוס. אויב איז עס ממש אן עמערזשענסי, לאזט עס איבער פאר אונז!

# שטארקער סוקסעס פון די פארלאפענע "נאוועמבער וואלן" אין אראנדזש קאונטי ווערט אפיציעל באשטעטיגט דורך די "באורד אוו עלעקשאנס"

## - אלע אנ"ש אינדארסירטע קאנדידאטן אין קאונטי און אין די טאון זיגן אין זייערע פארמעסטן -

## - קרית יואל'ער פריינט אין טאון אוו מאנרא געווינען מיט עטליכע הונדערט שטימען, אדאנק מאסיווע אנשטרענגונג פון אחריות'דיגע תושבי קרית יואל זיך צו באטייליגן אין די וואלן -

## - איבערוויגנדע 66% מערהייט פאר אנ"ש אינדארסירטע קאנדידאטן אינערהאלב קרית יואל - 4,250 קעגן 2,201

דעם פארגאנגענעם מאנטאג פר' ויגש זענען ענדגילטיג באשטעטיגט געווארן די רעזולטאטן פון די היציגע וואל-פארמעסטן אין אראנדזש קאונטי ביי די פארלאפענע וואלן פון דינסטאג ויצא העעל"ט, נאוועמבער 5 למספרם, ווען דער "באורד אוו עלעקשאנס" האט סערטיפייד דעם אויסגאנג פון אלע פארמעסטן אינערהאלב אראנדזש קאונטי.

ווי תושבי קרית יואל זענען גוט באקאנט האבן זיך היי יאר אפגעשפילט גאר היציגע פארמעסטן, סיי פאר די קאונטי רעגירונג און סיי פאר די טאון אוו מאנרא רעגירונג, ווען א רייע פאליטישאנס האבן פאר פערזענליכע פאליטישע אמביציעס באשלאסן אנצוצינדן א פייער פון האס און שנאה קעגן קרית יואל. ספעציעל האט זיך עס אויסגעשפילט ביים פארמעסט פאר'ן הויכראנגיגן אמט פון אראנדזש קאונטי עקזעקוטיוו, און ביי די וואלן פאר סופערווייזער און 2 באורד מיטגלידער אין טאון אוו מאנרא.

עס וועט זיין איבריג דא איבערצו'חזר'ן אלע דעטאלן פון דעם פארמעסט וואס זענען שוין גוט באקאנט פאר תושבי קרית יואל, ווי אויך די אומגלויבליכע העצערייען מיט זינלאזע השמצות וואס זענען פארשפרייט געווארן אין טאון קעגן קרית יואל בכלל און אירע טויזנטער איינוואוינער בפרט. אבער תלי"ת, אדאנק וואס תושבי קרית יואל האבן דערהערט דעם פארצווייפלטן רוף פון די געטרייע און איבערגעגעבענע הנהלת הקריה און זענען ארויסגעקומען אין פרעצעדענטלאזע הויכע ציפערן צו די שטים-בודקעס, האט מען באוויזן אפצושלאגן די העסליכע אטאקעס און פארזיכערן אז תושבי קרית יואל ווערן נישט באקריוודעט ח"ו פון א פיינטליך געשטימטע רעגירונג וואס זוכט

(פארזעצונג אויף זייט 29)

## מאכטפולע אראנדזש קאונטי עקזעקיוטיוו פאזיציע:

# קרית יואל דער מכריע

א קלארער דיאגראם פונעם וואל אויסגאנג דעמאנסטרירט וויאזוי די קרית יואל'ער שטימען זענען געווען די וועלכע האבן איבערגעוואויגן דעם גאר נאנטן פארמעסט צווישן די רעפובליקאנער און דעמאקראטישע קאנדידאטן, געבנדיג פאר'ן רעפאבליקאנער קאנדידאט א באקוועמע אויבערהאנט צו געווינען די וואלן.

דאס האט געשיקט א געוואלדיגן מעסעדזש אז דער קאמפיין מיטל פון די העצער צו לויפן אויף אן אנטי קרית יואל פלאטפארמע איז בעז"ה נישט קיין מיטל וויאזוי צו געווינען וואלן אין אראנדזש קאונטי.




| | | |
|---|---|---|
| ערווייילטער קאונטי עקזעקיוטיוו ניוהאוז אויסער ק"י | 33,015 | 46% |
| ערווייילטער קאונטי עקזעקיוטיוו ניוהאוז אין ק"י | 6,469 | 9% |
| דעמאקראטישע קאנדידאט דאנערי | 30,860 | 43% |
| ווארקינג פעמילים קאנדידאט ראו | 861 | 1% |
| ס"ה שטימען אינעם קאונטי עקזעקיוטיוו פארמעסט | 71,205 | |

*גאסט עדיטאריעל*

# זעקס טויזנט טאון וויילער פארשלאפן די וואלן!..

## די פארלאפענע וואלן - מיט א ניכטערן בליק

יעדעס יאר נאך די ימים נוראים זענען שוין תושבי קרית יואל צוגעוואוינט צו זעהן און הערן איבער די קומענדיגע וויכטיגע "נאוועמבער וואלן", ביי מיינסטענס שטים-בארעכטיגטע קרית יואל'ער איינוואוינער, ווערט באטראכט דאס גיין שטימען אינעם טאג פון די וואלן, ווי א יערליכע פריוועלעגיע און זאגאר אן התחייבות, צו טאן וואס איז אין אונזער יכולת און השתדלות, פארן עקזיסטענץ און צוקונפט פון אונזער שטאט.

אין דער אמת איז טאקע אזוי, עס איז נישט קיין ספק, אז היינט צוטאגס ווען מ'צייכנט אפ פערציג יאר פון ווען די ערשטע משפחות האבן זיך ארויסגעצויגן קיין קרית יואל, אינאיינעם מיט מרן רביהקוה"ט זי"ע, דער מייסד ומחולל פון די הייליגע שטאט, איז זיכער אז ווען נישט דאס וואס מיר נוצן אויס יערליך, דעם גאלדענעם רעכט פון גיין שטימען פאר די פאלטיקאנטן און ערווייילטע פירער, סיי לאקאל אין די ארומיגע רעגירונגען, און אפי' אויף סטעיטווייד און פעדעראלע אמטן, וואלט דער הייליגער שטאט קרית יואל נישט געשטאנען אויפן שטאפל אין וועלכע מיר געפונען זיך היינט.

דאס ארויסגיין שטימען איז דער פשוט'ער חובת ההשתדלות, און דער פליכט וואס עס ליגט אויף אונז צו טאן בדרך הטבע, געגוי ווי דאס וואס מיר אלע גיין ארויס ברענגען פרנסה, נאכן מתפלל זיין א הייסע בקשה פון "והכן פרנסתינו מתחת ידך והרחבה והמלאה" פארלאזנדיג זיך אויף נותן לחם לכל בשר,

(פארזעצונג אויף זייט 29)

## אנדערע וואל פארמעסטן אין קרית יואל:

# אנ"ש בלאק וואוט

נאכדעם וואס אנ"ש תושבי קרית יואל קומען ארויס יאר נאך יאר אויף דעם רוף פון די אחריות'דיגע הנהלת הקרי' צו שטימען אין די וויכטיגע נאוועמבער וואלן, צייגט א קלארער דיאגראם פונעם וואל אויסגאנג וויאזוי אנ"ש תושבי קרית יואל האבן פארשטאנען דעם אחריות נישט נאכצולאזן פון דעם שוואונג, און האבן ארויסגעברענגט א פאראייניגטן כח פון 66% פון די קרית יואל'ע שטימען פאר די אנ"ש אינדארסירטע קאנדידאטן.

דאס צייגט נאכאמאל דעם אחריות וואס אנ"ש תושבי קרית יואל פארמאגן אוועקצוגעבן יערליך די פאר מינוט ארויסצוגיין שטימען אויפ'ן רוף פון די איבערגעגעבענע הנהלת הקריה, און דערמיט העלפן זיך און די קינדער באפעסטיגן דעם עתיד פון רבי'נס שטאט בס"ד.




| | | |
|---|---|---|
| אנ"ש אינדארסירטער ריכטער קאנדידאט דילאן | 4,209 | 66% |
| אלייענס ריכטער קאנדידאט מעלאון | 2,196 | 34% |
| אנ"ש אינדארסירטער קאונטי קלוירק קאנדידאט רעביט | 4,250 | 66% |
| אלייענס קאונטי קלוירק קאנדידאט מאלקווין | 2,201 | 34% |
| ס"ה שטימען אין קר"י פאר די ריכטער/קלוירק פארמעסטן | 6,451 | |

## טאון אוו מאנרא סופערווייזער פאזיציע:

# היכי דמי הכרת הטוב

טראצדעם וואס עס איז געלונגען פאר די העצערישע "יונייטעד מאנרא" גרופע אויפצוטרייבן גאר א גרויסע צאל שטימען פאר זייער קאנדידאט, מיט די לעכערליכע טענה אז דער קרית יואל אינדארסירטער קאנדידאט 'העלפט צופיל פאר קרית יואל', האבן די אחריות'דיגע שטימען פון הכרת הטוב פון תושבי קרית יואל אפגעשלאגן די זינלאזע העצערייען.

דאס האט געשיקט א געוואלדיגן מעסעדזש אז תושבי קרית יואל פארלאזן נישט די קאנדידאטן וואס העלפן זיי, אפילו ווען זיי זענען אין אן ענגן צושטאנד, ווען זיי שטייען אויס צו פארלירן די וואלן ח"ו.




| | | |
|---|---|---|
| ערווייילטער טאון סופערווייזער דאולס | 6,790 | 52% |
| יונייטעד מאנרא קאנדידאט קאנווערס | 5,996 | 46% |
| רעפאבליקאנע קאנדידאט לענארד | 296 | 2% |
| ס"ה שטימען אינעם טאון סופערווייזער פארמעסט | 13,082 | |

# EZRAS CHOILIM HEALTH CENTER

49 Forest Road • Monroe, NY 10950 • ***Tel.*** 845.782.3242 • ***Fax:*** 845.783.7133

***Chairman***
Abraham Wieder

***Board of Directors***
Moses Goldstein
Martin Schlesinger
Israel Sofer
Chaim N. Werczberger
Chaim N. Weinstock
Pinchas Kish
Ronald J. Cohen
N. R. Weiss
E. Srugo
E. Rubinstein

***Executive Director***
Joel Mittelman




DESIGN & PRINT / 845.782.3382

# זעלטענער קידוש השם ביי הערליכן באזוך פון מיליטערישע אפיצירן אין הייליגן מוסד "שערי חמלה" פונעם קרית יואל סקול דיסטריקט

**20 הויכראנגיגע קאפיטאנען דרוקן אויס שעצונג און התפעלות נאכ'ן זיך נאנטער באקענען מיט'ן חסידי'שן לעבנסשטייגער**

דער הילכיגער קידוש השם וואס האט אפגעקלינגען דעם פארגאנגענעם דינסטאג פ' וישב אין די קארידארן פונעם הייליגן מוסד "שערי חמלה" פונעם קרית יואל סקול דיסטריקט האט איבערגעלאזט א טיפן רושם ביי אלע וועלכע האבן עס מיטגעהאלטן.

יענעם דינסטאג אינדערפרי, אינדערצייט ווען דער גרעסטער טייל פון תושבי קרית יואל איז אנגעגאנגען מיט'ן טאג טעגליכן רוטין, האט זיך אין איין ווינקל פון שטאט אפגעשפילט א גאר זעלטענע סצענע, עפעס וואס איז ווארשיינליך נאך קיינמאל בעפאר נישט פארגעקומען על אדמת אמעריקע.

נישט ווייט פון קרית יואל געפינט זיך די מיליטערישע "וועסט פוינט" אקאדעמיע, וועלכע איז די עלצטע מיליטערישע באזע פון די פאראייניגטע שטאטן און גייט שוין אן זינט 1776 למס'. וועסט פוינט איז ביז'ן היינטיגן טאג די סאמע פרעסטיזשפולסטע מיליטערישע אקאדעמיע פון די אמעריקאנער ארמיי, און א גרויסער טייל פון די הויכע ראנגען אין די מיליטערישע היערארכיע פון די פאראייניגטע שטאטן, ווי אויך א היפשע צאל גענעראלן, האבן אלע שטודירט אין די וועסט פוינט אקאדעמיע.

יעדעס יאר קומען אריין אין וועסט פוינט ארום 1,300 מיליטערישע קאדעטן וועלכע גייען דורך די שווערע טרענירונגען, און דערפון גראדואירן ארום 1,000 קאדעטן צו פארשידענע ראנגען אין די ארמיי, אבער וויבאלד אין וועסט פוינט ווערן אנגענומען בלויז די עליטע סאלדאטן, ווערט א וועסט פוינט קאדעט בדרך כלל גראדואירן באלד צום הויכן אמט פון "צווייטער לויטענאנט", וואס באדייט אז ער פירט אן א "פלאַטאָן" וועלכעס אנטהאלט צווישן 26 און 64 סאלדאטן.

זעלבסטפארשטענדליך אז אויך אינערהאלב וועסט פוינט ווערן די סאלדאטן טרענירט אין פארשידענע ראנגען, און די סאלדאטן וועלכע צייכענען זיך מער אויס ביי די טרענירונגען און אויפ'ן שלאכטפעלד ווערן טרענירט פאר העכערע פאזיציעס. אלס טייל פון די דאזיגע העכערע טרענירונגען ווערט אויך פארלאנגט אז די אפיצירן זאלן זיך באקענען מיט פארשידענע קולטורן וועלכע זענען אנדערש פונעם טיפישן אמעריקאנער לעבנסשטייגער, וויבאלד פאר אמעריקאנער סאלדאטן קומט אפט אויס זיך צו געפינען אין מיליטערישע באזעס אדער אויף מיליטערישע מיסיעס אין אלע ווינקלען פון דער וועלט, און ס'איז וויכטיג פאר זיי זיך אויסצוקענען מיט די אלע פארשידענע קולטורן כדי צו וויסן וויאזוי זיך אומצוגיין מיט די ארטיגע איינוואוינער.

די דאזיגע טייל פונעם טרענירונג רופן זיי "לידערשיפ טרעינינג" [פירערשאפט טרענירונג], וויבאלד די וועלכע טרענירן זיך אויף דעם העכערן שטאפל ווערן פארגעברייט צו זיין די צוקונפטיגע פירער פונעם אמעריקאנער מיליטער, און זיי דארפן האבן די קוואליפיקאציעס צו קענען שטיין אין שפיץ פון די גרויסע און ריזיקאלישע מיסיעס סיי וואו אין דער וועלט.

פאר דעם צוועק האט מען זיך פארבינדן פון וועסט פוינט מיט די הנהלה פונעם קרית יואל סקול דיסטריקט, אז זיי ווילן ארגאנזשירן אהערצוברענגען א צאל פון די אפיצירן וועלכע טרענירן זיך צו ווערן קאפיטאנען, כדי יענע זאלן זיך באקענען פונדערנאנט מיט'ן ערליכן חסידי'ישן לעבנסשטייגער, און אז זיי

(פארזעצונג אויף זייט 31)

# גייסטרייכער "פרישטאג" אינערהאלב הנהלת מוסד הק' "שערי חמלה" ברענגט רירנדע געפילן ביי אלע אנוועזנדע

**"טרערן אין די אויגן, פרייד אין הארץ" - אויסטערליש עמאציאנעלע פרעזענטאציע צייגט די אומבאשרייבליכע אויפטוען פונעם הייליגן מוסד שערי חמלה - אינהאלטסרייכע דרשה פון באגאבטן פרינציפל הר"ר לייבוש האלפערין הי"ו שילדערט געוואלדיגע אויפטוען אינערהאלב דעם מוסד, ברוחניות ובגשמיות**

פארגאנגענעם זונטאג פ' ויחי איז פארגעקומען א גאר רייכע און הארציגע מסיבה אינעם זאל פונעם הייליגן מוסד "שערי חמלה" פון קרית יואל סקול דיסטריקט, וואו עס האבן זיך פארזאמלט די באורד מעמבערס און אדמיניסטראציע פונעם סקול דיסטריקט אינאיינעם מיט די הנהלה פון שערי חמלה צו באקומען א פולקאמען באריכט איבער אלע אקטיוויטעטן אינערהאלב דעם הייליגן מוסד, וואס איז זיך צעוואקסן אויף אן אומגלויבליכן פארנעם אין די לעצטערע יארן.

באמת איז שווער אויסצודרוקן פרייד ווען מ'רעדט איבער דעם 'וואוקס' פונעם מוסד שערי חמלה. די עבודת הקודש וואס זי טוט איז ווירקליך אומבאשרייבליך, די שענסטע ווערטער און געבלימלטע פראזן קענען נישט אנהייבן צו שילדערן די אומשאצבארע זכותים פון די אלע עוסקים במלאכת הקודש באמונה, אבער נאך אלעם איז שערי חמלה נישט דער סארט מוסד אויף וועמענ'ס וואוקס כלל ישראל קוקט ארויס.

פון די אנדערע זייט אבער, ווען מ'טראכט צוריק וויאזוי דער מצב האט אויסגעקוקט אין די יארן בעפאר דער הייליגער מוסד איז אויפגעשטעלט געווארן, וויאזוי די ערשיינונג פון אזא הייליגע נשמה פלעגט אויפגענומען ווערן אין אידישע הייזער, וויאזוי די ספעציעלע קינדערלעך פלעגן אויסקוקן ביים אויפוואקסן, ביים וואלגערן זיך אין די טריפה'נע גוי'אישע פאבליק שולעס אדער גאר ביים זיצן איינגעשפארט אינדערהיים, איז אוממעגליך אז דאס הארץ זאל נישט קווען פאר פרייד ווען מ'קוקט אן די הייליגע נשמה'לעך היינט צו טאג, ווי שיין זיי מאכן א ברכה, זאגן א אידיש ווארט, זענען א גליקליכער טייל פון די גרויסע אידישע משפחה, און לייכטן פשוט אויף די שטיבער וואו זיי געפינען זיך. ס'איז בכלל נישט איבערגעטריבן צו זאגן אז דער מוסד "שערי חמלה" האט גראטעוועט הונדערטער אידישע שטיבער ממות לחיים ממש.

אבער נישט נאר בלויז דער עצם באגריף פון א אידישע פאבליק-שולע פאר די קינדערלעך איז וואס עס האט צושטאנד געברענגט די שטוינענדע רעוואלוציע אין די וועלט פון היימישע "ספעשל עדיוקעישאן", נאר דוקא דאס וואס דער מוסד הק' ווערט געפירט דורך א זעלטן געלונגענע און העכסט איבערגעגעבענע שטאב האט ערמעגליכט צו ברענגען דעם מוסד אויף דעם אויסטערליש הויכן שטאפל וואס זי געפינט זיך היינט, אזש זי איז א מוסטער נישט נאר פאר היימישע מוסדות פון דעם סארט, נאר אויך אין די דרויסנדיגע גוי'אישע גאס באוואונדערט מען די דערגרייכונגען פונעם מוסד אין אלע שטאפלען פון חינוך פאר די טייערע קינדערלעך שיחיו.

און טאקע פאר דעם צוועק איז פאררופן געווארן די אסיפה, אז די געטרייע באורד מעמבערס פונעם סקול דיסטריקט, וועלכע זענען די וואס טראגן אויף זייערע פלייצעס די ריזיגע פינאנציעלע לאסט וואס דאס קאסט אפ, צו צייגן די פירות פון זייער שווערע ארבעט און איבערגיין אלעס וואס איז אויפגעטון געווארן אין משך פונעם פארלאפענעם יאר און די פלענער פאר'ן צוקונפט נאכמער צו הייבן דעם הויכן ניוואו פונעם מוסד הקדוש.

### ווער איז דער ריכטיגער "מלמד"?!

צוערשט האט זיך אויפגעשטעלט דער לאנגיעריגער געטרייער מנהל פון שערי חמלה הרה"ח ר' ידידי' פישער הי"ו, וועלכער האט באגריסט די חשוב'ע חברי הנהלה הרה"ח ר' בערל פאלאטשעק הי"ו, הרה"ח ר' משה אליעזר ניימאן הי"ו, הרה"ח ר' שמעון משה קעפעטש הי"ו, הרה"ח ר' משה יודא בר"מ הירש הי"ו, הרה"ח ר' אליעזר דוד איצקאוויטש הי"ו [וועלכער האט נישט געקענט זיין אנוועזנד צוליב די לוי' פון זיין חשוב'ע באבע ע"ה], און אין שפיץ פונעם איש האשכולות דער ראש הקהל וראש העיר הרה"ח ר' אברהם ווידער שליט"א, אזוי אויך די אדמיניסטראציע פונעם דיסטריקט הר"ר יצחק מאיר פעטלין הי"ו סופעראינטענדענט, הר"ר יושע בערל קאמענעצקי הי"ו דעפיוטי, הר"ר ישעי' ווערצבערגער הי"ו טרעזשורער, וואס זיי געבן זיך אוועק בלב ונפש פאר די הצלחה און סוקסעס פון דעם הייליגן מוסד.

(פארזעצונג אויף זייט 32)

# אויסטערלישער סוקסעס ביי רייכע "עלטערן אוונט" צוגעשטעלט דורכ'ן מוסד "שערי חמלה"

**- וועלט בארימטער עקספערט דר. ברוקס פון באסטאן איבערראשט די פארזאמלטע עלטערן מיט מייסטערהאפטע רעדע -**

## באזונדערע גאר געלונגענע סעסיע מיט סקול איינגעשטעלטע אין שעראטאן האטעל

פארגאנגענעם מאנטאג פר' ויצא איז אפגעראכטן געווארן די ערשטע פון א רייע רעגלמעסיגע "עלטערן אוונט", צוגעשטעלט דורכ'ן הייליגן מוסד "שערי חמלה" פונעם קרית יואל סקול דיסטריקט פאר עלטערן פון די חשוב'ע ספעציעלע קינדער וועלכע לערנען אין דעם מוסד, און דער געוואלדיגער סוקסעס איז ב"ה איבערגעשטיגן אלע ערווארטונגען.

די "עלטערן אוונט" איז א פרישע אונטערנעמונג דורך די אימערמידליכע סקול אדמיניסטראציע, וועלכע ארבעטן טאג און נאכט מיט א שטארקע איבערגעגעבנקייט כסדר נאכמער צו פארבעסערן און אויפארבעטן די סערוויסעס צום העכסטן ניוואו, דאס בעסטע וואס איז שייך אז עס זאל זיין צוגעפאסט פאר די הייליגע נשמה'לעך, און צו פארזיכערן אז זיי דערגרייכן דעם מאקסימום פאטענציאל פון די כשרונות און מעגליכקייטן וואס דער רבש"ע האט זיי געשאָנקען.

פאר דעם צוועק האט די אדמיניסטראציע אנערקענט אז עס וואלט זיך שטארק וויכטיג אויסגעפעלט איינצושטעלן חודש'ליכע צוזאמקונפטן צווישן די חשוב'ע עלטערן און איבערגעגעבענע מלמדים און געהילפן שיחיו פון די טייערע קינדערלעך, צו פארבעסערן דעם קשר צווישן די עלטערן און די איינגעשטעלטע, ווי אויך צו ערמעגליכן פאר די חשוב'ע עלטערן צו באקומען א שלל פון עצות, חיזוק, און הדרכה פון אויסגערופענע

(פארזעצונג אויף זייט 32)

# EZRAS CHOILIM HEALTH CENTER

49 Forest Road • Monroe, NY 10950 • **Tel.** 845.782.3242 • **Fax:** 845.783.7133

***Chairman***
Abraham Wieder

***Board of Directors***
Moses Goldstein
Martin Schlesinger
Israel Sofer
Chaim N. Werczberger
Chaim N. Weinstock
Pinchas Kish
Ronald J. Cohen
N. R. Weiss
E. Srugo
E. Rubinstein

***Executive Director***
Joel Mittelman

# וה' ברך את אברהם

א הארציגער מזל טוב פאר'ן אויסגערופענעם דאקטאר וועלכער באדינט יעדן אזוי געטריי
בײ אלעמען געשעצט פאר זיין זעלטענער געטריישאפט און איבערגעגעבנהייט עד בלי די
רוהט נישט ביי טאג און ביי נאכט, באגלייט יעדן פאציענט קליין ווי גרויס במסירות נפלאה
האט אויפגעהויבן ניווא פון גאנצן "פידיעטריקס" אפטיילונג צו גאר הויכן שטאפל, ועוד ידו נטויה
מיט זיין העכסט פראפעסיאנאלע אומערמידליכע ארבעט אלס דירעקטאר, בכל עת ובכל שעה

## ה"ה דער איבערגעגעבענער און ערפארענער קינדער-דאקטאר

# דר. ר' אברהם פאלינזשער הי"ו

## Avraham Polinger, MD
## Director of Pediatrics

# לרגל הולדת בתו שתחי' למזל טוב

פון טיפן הארצן ווינטשן מיר אים א ברכת מזל טוב. השי"ת זאל אים געבן כח און
געזונט אויף לאנגע יארן צו קענען ווייטער געטריי באדינען אויף דעם זעלבן
פארנעם תושבי קרית יואל, און נאכמער הייבן דעם ניווא פונעם
"פידיעטריקס" אפטיילונג צום העכסטן שטאפל וואס מעגליך,
לטובת די גאנצע שטאט. ויהא רעוא אז ער זאל זען רב ברכות
ושובע שמחות - אינאיינעם מיט די בני בית שתחי' - און זוכה
זיין צו דורות ישרים ומבורכים מיט הרחבת הדעת וכל טוב,
עד כי יבא שילה בב"א.

המאחלים ברכה מעומק לבינו,
בשם כל תושבי עירינו

## הנהלת
# עזרת חולים



# קרית יואל צייכנט אפ ענדע פונעם ערשטן קאנסטראקשאן סעזאן אויף מעבטיגן "קרית יואל וואסער פייפליין" פראיעקט

(פארזעצונג פון זייט 3)

מאונטענוויל קוועלער, און דאס זעלבע עווענטועל פונעם עקוואדאקט, ביז קיין קרית יואל.

די סטעישאנס וועלן ווערן אויפגעבויעט אויף צוויי באזונדערע פלעצער, דארט ווי דער פייפליין גייט אביסל בארג-ארויף, דער ערשטער אזא סטעישאן וועט ווערן אויפגעשטעלט אין מאונטענוויל זעלבסט, אויפן שטח וואס דער ווילעדזש האט אפגעקויפט מיט א צייט צוריק, הארט נעבן וואו עס געפונען זיך די שפרידלענדע וואסער קוועלער, פון דארט וועט דער "פאמפ סטעישאן" שיקען די וואסער ביז צום צווייטן סטעישאן וואס וועט אויפגעשטעלט ווערן אויף רידזש ראוד, דארט ווי עס קומען זיך צוזאם קאונטי ראוד 44 און דער סטעיט רוט 32.

א גרויסער טייל פון די אינזשענירונגס ארבייט אויף די צוויי פאמפ סטעישאנס זענען שוין פארטיג, אין די קומענדיגע חדשים וועלן די ארכיטעקטן ארבייטן ווייטער מיט די אינזשענירען, צו פארענדיגען די פלענער דורכן באזוכען די צוויי דערמאנטע דעזיגנירטע פלעצער, און אדורכפירן דורך עטליכע פראבעס און דיאגנאסטישע אפשאצונגען, און האפנטליך וועלן די פלענער פארטיג ווערן בקרוב, אז מען זאל קענען אנהייבן די ווייטערדיגע ארבייט.

צו דער זעלבער צייט ווערט פלאנירט דאס אויפשטעלן א שפאגל נייעם "וואסער טריטמענט פלענט", גענוי ווי דאס וואס דער וואסער דעפארטמענט פארמאגט היינט אויף בארדיטשוב ראוד, דער נייער פלענט וועט דינען צו פילטערן די וואסער וואס קומט אריין פונעם פייפליין, און וועט געבויעט ווערן אויף סעווען-ספרינגס ראוד, ביים ווינקל פון בעיקרטאון ראוד, די פלענער דערויף זענען נאך דערווייל אין די מיטעלע פאזעס, און אויך דאס וועט אדרעסירט ווערן אין די קומענדיגע חדשים.

*

עס איז וויכטיג צו באטאנען, אז טראץ דעם וואס די ארבייט איז ב"ה אנגעגאנגען אומגעשטערט, זענען פארגעקומען עטליכע פראבעס מצד די העצערישע פארפירער, וועלכע האבן אויף עטליכע אופנים אריינגעטראגן גערעכטליכע קלאגעס אקעגן די בוי-ארבייט פונעם פייפליין, פארלאנגענדיג פון די ריכטער אפצושטעלן די ארבייט, אויב נישט ענדגילטיג כאטש אויף צייטווייליג, וואס בסיעתא דשמיא האבן דערווייל די אלע אקציעס נישט עושה רושם געווען.

אנגעהויבן האט זיך עס באלד ביים אנהויבן די בוי-ארבייט ווען די היץ-קעפ האבן פארלאנגט פונעם ריכטער א "טי. אר. או." וואס באדייט א צייטווייליגע אפשטעל אויף די ארבייט, באזירט אויף האלבע דמיונות און גאנצע ליגענטס איבער די נעגאטיווע ווירקונג וואס דער פייפליין קען האבן, אדער איבער לעכערליכע טענות איבער די פערמיטס וואס דער ווילעדזש האט ערהאלטן פון אלע רעגירונגס ביוראען איידער מ'האט אנגעהויבן די ארבייט.

ווען דער געערטער ריכטער ניקאליי האט נישט אנגענומען די אלע טענות, האבן די אנדרייער פרובירט צו אפעלירן דעם באשלוס, אבער אויך דארט האבן זיי איינגענומען א נידערלאגע. דעמאלס האבן זיך די העצערס גענומען צו א באזונדערע קלאגע, דאסמאל איבער די וואסער קוועלער פון מאונטענוויל אז דער ריכטער זאל אפשטעלן די ארבייט, ווילאנג די דערמאנטע קוועלער האבן נאכנישט קיין ערלויבעניש גענוצט צו ווערן, פארלאנגענדיג דערביי א "טעמפארערי אינזשאנקשאן", א פארלאנג אויף וועלכע עס ווארט נאך א באשלוס.צו דער זעלבער צייט איז דער ווילעדזש געווען געצווינגען אריינצוגעבן א קאנטער-קלאגע קעגן די וואס שטערן די ארבייט, וואס אויך יענער קעיס איז נאך דערווייל אומבאשטימט.

די אלע גערעכטליכע פראצעדורען טוען פארשווערן די ארבייט, סיי פינאנציעל און סיי ווען מ'דארף כסדר זיין פארנומען אויפן לעגאלן פראנט, ווייל מענטשן מיט פריוואטע פאליטישע אמביציעס אדער אנדערע מאטיוען, פרובירן אויף אלע אופנים צו כאפן אביסל פאבליסיטי. תושבי קרית יואל ווייסן אינזין צו האבן ביי די תפלות, אז די אלע זאכן זאלן חלילה נישט האבן קיין השפעה, נישט אין די גערעכטע און נישט אין די פאליטישע קארידארן, נאר פארקערט "ותטה לב המלכות עלינו לטובה".

אזוי זענען נאך פארהאנען פארשידענע דעטאלן און א רייע פון איינריכטונגען וואס ברויך ווערן אונטערגענומען, צו קענען טאקע ברענגען דעם ריזיגען פראיעקט לידי גמר, ווי עס איז דער וואונטש פון יעדן איינציגען איינוואוינער פון קרית יואל, צו פארזיכערן אז די הייליגע שטאט זאל קענען ווייטער וואקסן און בליען לשם ולתפארת. תושבי קרית יואל ווייסן מתפלל צו זיין און אינזינען צו האבן, ווען מ'בעט דורכאויס דעם ווינטער "ותן טל ומטר לברכה", אויף סיעתא דשמיא בכחם ובזכותם של רבותינו הקדושים נשמתם עדן, אז עס זאל טאקע אריינקומען די ברכה במעשה ידיהם פון די געטרייע עסקנים און הנהלת הקריה, ובצדקם חון חשרת מים.








פייפליין פארשריט כסלו תשע"ד, אריינטרעטנדיג אינעם ווינטער סעזאן

# העפטיגע ארבייט אויף נייעם ״מירון־רימאנוב קאנעקטאר ראוד״
# צו לינדערן שווערן טראפיק אויף די הויפט־גאסן אין די שטאט

(פארזעצונג פון זייט 1)

געווארן אין די שפאלטענעס פונעם הקריה פארגאנגענעם חודש ניסן תשע״ג העעל״ט, האט דער פראיעקט ארויסגערופן א גרויסע שמחה ביי קרית יואל׳ער איינוואוינער, ובפרט ביי די פילע דרייווער פאר וועמען עס קומט אויס אדורכצושוויצן שווערע טראפיק גרידלאקס ביי פארשידענע געלעגנהייטן, זעענדיג אז דער ווילעדזש ארבייט אויף אלע געביטן ארויסצוהעלפן און צו פארגרינגערן פאר תושבי קרית יואל.

טראץ דעם וואס דער גאנצער זאנע וואו דער נייער ראוד ווערט געבויעט, איז באצייכנט אין די סטעיט מאפעס אלס ״וועט לענד באפפער״, וואס דאס מיינט אז דער ״ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו ענווייראמענטעל סערוויסעס״ באקאנט אונטער די בוכשטאבן ״די. אי. סי.״, טוט באשיצען און פארבאטן צו ארבייטן אויף דעם באדן, אן קיין ספעציעלע ערלויבעניש. פארט האט דער ווילעדזש נישט פאראויסגעזען קיין שטער דורך די ״די. אי. סי.״, היות דער נייער ראוד איז לכתחלה אויספלאנירט צו ערזעצן אן עקזיסטירנדע וועג, איבער וועלכע עס זענען שוין פארהאן ערלויבענישען פון די ״די. אי. סי.״ נאך פון בעפאר.

די צייט ווען די אריגינעלע ערלויבענישען זענען ארויסגעגעבן געווארן דורך די ״די. אי. סי.״ גייט צוריק עטליכע יאר, און דאס איז פארבינדען מיט פארשידענע סוער פראיעקטן וואס לויפן אדורך דעם דערמאנטן באדן. בשנת תש״ל ולמס׳ יארע 1970 האט די ״אראנזש קאונטי סוער דיסטריקט״ ארייגעשטעלט אין דעם שטח צוויי הויפט סוער פייפליינס, איינס איז באקאנט אלס די ״וועסט ברענטש אינטערסעפטאר״ און דאס אנדערע איז די ״נארט ברענטש אינטערסעפטאר״ די ריזיגע פייפס פירן אדורך דעם גאנצן אפלויף, פון רוב הויפט גאסן וואס איז שפעטער געווארן קרית יואל, און פון די ארומיגע שטחים, 3 מייל לאנג ביז צום ריזיגען ארצנזש קאונטי סוער פלענט וואס איז סטאנציאנירט אין די ווילעדזש פון הערימאן.

מיט יארן שפעטער ווען קרית יואל האט אויפגעבויעט בשנת תשנ״ח-נ״ט ולמס׳ 1998 דעם ריזיגען סוער פלענט אויף בעיקרטאון ראוד, האט אויסגעפעלט אז דער אפלויף זאל ווערן פארקירעוועט און אנשטאט גיין צום ״הערימאן פלענט״ זאל דער אפלויף גיין צום ״קרית יואל פלענט״, און דאס האט געקענט צושטאנד קומען נאר נאכן ארייזשטעלן א מאכטפולען ״פאמפ סטעישאן״ הארט אינימטן דעם ריזיגען ״וועט לענד״ שטח, צווישן וואס איז היינט מירון דרייוו און רימינוב ראוד, וואס דער פאמפ-סטעישאן גיט דעם טרייב-קראפט פארן אפלויף, הארט נעבן דער ״ניו יארק סטעיט רוט 17״ ביז צום סוער פלענט.

צו בויען דעם פאמפ-סטעישאן האט דער ווילעדזש געברויכט ערהאלטן א ספעציעלן קאנסטראקשאן ערלויבעניש פון די ״די. אי. סי.״ און אלס א חלק פון דעם פערמיט, האט אויך אויסגעפעלט אז דער ווילעדזש זאל באקומען רשות אהערצושטעלן א וועג, צו קענען אנקומען צום ״פאמפ סטעישאן״, אזוי ווי עס ווערט פארלאנגט צוויי מאל א טאג, איבערצוקוקען און זיכער מאכן אז דער פאמפ אפערירט ווי עס געהער צו זיין, און נישט חלילה עס זאל זיך מאכן א ״בעק אפ״, און ווי אויך אדורכצופירן רוטינע מעינטענענס אויפן פאמפ סטעישאן.

מיט עטליכע יאר שפעטער בשנת תשס״ה ולמס׳ 2005 האט אויסגעפעלט אז מ׳זאל ערזעצן טויזנט פיס פונעם אריגינעלן ״וועסט ברענטש אינטערסעפטאר״ פייפליין, מיט נייע 24 אינטשיגע פייפס, האט דער ווילעדזש ווייטער ערהאלטן א ספעציעלן פערמיט פון די ״די. אי. סי.״ אויסער די געוועגליכע סוער-פערמיט וואס פארלאנגט זיך ביי אזא פאל, האט אויסגעפעלט א באזונדערע פערמיט צו קענען אויספירן די ארבייט אינעם וועט-לענד. די ארבייט איז אדורכגעפירט געווארן, און די אלטע 12 אינטש פייפס זענען סוקסעספול געווארן ערזעצט מיט גרעסערע דויערהאפטיגע פייפס.

נאך א שטארקע פראיעקט אין דעם זאנע איבער וועלכע דער ווילעדזש האט ארויסגענומען א פערמיט פון די ״די. אי. סי.״ איז געווען מיט א צייט צוריק, ווען — ווי מיר האבן שוין מיטגעטיילט מיט די ליינער ביי פריערדיגע געלעגנהייטן — עס איז צושטאנד געקומען א געברויך ארייזצושטעלן א ספעציעלן ״גריינדער״ פארן דערמאנטער פאמפ-סטעישאן, וואס דאס זאל פארגרינגערן פארן סוער פלענט, צו פארדייען דעם אפלויף און פארבעסערן די קוואליטעט פון די אומגעבונג ארום די סוער פלענט.

דער ווילעדזש האט בשעתו ערהאלטן ערלויבעניש פון די ״די. אי. סי.״ צו ארבייטן ארייזצושטעלן דעם גריינדער נעבן דעם עקזיסטירנדן פאמפ-סטעישאן, - וואס דער ארבייט קומט שוין בעז״ה אין די נאנטע טעג לידי גמר - און אויף די פערמיטס זענען קלאר געווארן אנגעצייכנט, אז דער וועג אנצוקומען צום גריינדער, וועט זיין פון מירון דרייוו דארט וואו דער יעצטיגער ״קאנעקטאר ראוד״ ווערט געבויעט.

נאך די אלע דערמאנטע ערלויבענישן האט דער ווילעדזש באשלאסן צו נוצן דעם דערמאנטן באשטעטיגטן וועג, וואס איז מתחלה נאר געווען געבויעט אויף א פריוויזארישען פארנעם, בלויז פארן באנוץ פון די סוער דעפארטמענט און דערמאנטע פראיעקטן, און דעם וועג איבערארבייטן און אויספלאסטערן אז דאס זאל אויך קענען באנוצט ווערן דורכן ברייטן פאבליק, אלס א דורכפאר מיטל פון איין זייט שטעטל צום אנדערן.

נאכן אויסארבייטן מיט די אינזשנירען די גענויע דעטאלן און פלענער פונעם ראוד, האט דער ווילעדזש געשלאסן א קאנטראקט מיט א קאסטראקשאן פירמע, און די ארבייט האט זיך אנגעהויבן בשעה טובה. צענדליגע זאמד-טראקס אנגעפילט מיט זאמד, זענען געווארן געליפערט טעגליך איבער די פארגאנגענע וואכן פארן אריינטרעטן אין די ווינטער סעזאן וועטערס, אויסצוברייטערן דעם אריגינעלן שמאלן ראוד, צו שאפן א ברייטן וועג וואס זאל עווענטועל ווערן אויסגעפלאסטערט מיט קוילען, ווען דער ״בלעקטאפ סעזאן״ עפנט זיך צוריק אויף אינעם אפריל קאלענדער מאנאט.

דערווייל האט דער ״די. אי. סי.״ באקומען א רוף פון איינעם אז ער זעהט אז עס קומט פאר קאנסטראקשאן אויפן ״וועט-לענד זאנע״ אין קרית יואל. ווי נאר די ״די. אי. סי.״ איז אראפגעקומען צו די סצענע, האבן זיי קודם אפגעשטעלט די ארבייט, מיט די טענה אז דער ווילעדזש פארמאגט נישט די נויטיגע פערמיטן צו קענען אדורכפירן די ארבייט אויף דעם באדן.

דער ווילעזש האט באלד אויפגעקלערט די אינסטאנצן אז דא איז נישט די רעדע פון קיין נייע קאנסטראקשאן ווערק וואס ווערט אדורכגעפירט, נאר אז מ׳רעדט פון איבערארבייטן די פריער-ערלויבטע וועגן צו א מער דויערהאפטיגען ראוד, א זאך וואס ברויך נישט קיין באזונדערן פערמיט. פארשטייט זיך אבער אז מיט דעם אינספעקטאר אויף די סצענע איז נישט שייך דאס צו באהאנדלען, און איינמאל די ארבייט איז געווארן אפגעשטעלט, מוז דאס אויסגעקלארט ווערן אינעם אפיס פון די ״די. אי. סי.״ אין אלבאני.

עס איז צום האפענונג אז די ״די. אי. סי.״ זאל האבן איינזעעניש אין דעם געביט, און באשטעטיגען אז די ארבייט קען ווייטער אנגיין באזירט אויף די אריגינעלע פערמיטן. צו דער זעלבער צייט האט דער ווילעדזש באלד אנגעהויבן צוצוגרייטן די נויטיגע פאפירען אריינצוגעבן א פרישע פערמיט פארלאנג, אויב זאל דער ״די. אי. סי.״ נישט ערמעגליכען די ארבייט אויף די אריגינעלע ערלויבענישען.

אלענספאל, איז דער פלאן אז היות דער גרעסטער טייל פון די ערשטע פאזע פונעם ראוד, וואס דאס איז דער חלק פון אנפילען מיט זאמד און באפעסטיגען דעם באדן, איז שוין געטאן געווארן, וועט מען בעהשי״ת קענען פארפולקאמען די ארבייט ווען דער סעזאן פון לייגן די קוילען און אויספלאסטערן דעם וועג וועט זיך אנהייבן קומענדיגען פרילינג.

אין א זייטיגע שריט צוצוגרייטן דעם נייעם ״קאנעקטאר ראוד״ האט דער ווילעדזש אויפגענומען ביי א ספעציעלן מיטינג, חשוב׳ע פארשטייער פון די שכנים אויף פראג און יואל קליין בלווד. וועלכע זענען געווען באזארגט אז דער געפלאנטער ראוד זאל נישט חלילה איינשטעלן די זיכערהייט פון די קינדער און פיסגייער, דער ווילעדזש האט אויסגעארבייט ספעציעלע זיכערהייט מאסנאמען, אפצוריקען דעם געפלאנטן ראוד פון די שכינות׳דיגע דירות, און ארומצוימען דעם גאנצן זייט ווי דער ראוד וועט זיך גרעניצען מיט די דירות אויף פראג און יואל קליין בלווד.

די שכנים האבן אויפגענומען די ספעציעלע מאסנאמען אלס א שטארקער פאזיטיווער שריט, אויסדרוקנדיג זייער דאנק פאר די הנהלת הווילעדזש פאר די פילע לייסטונגען לטובת הכלל והפרט. את הדרך אשר ילכו בה



# ווילעדזש באורד באשטעטיגט וואסער ראטע העכערונגען צו דעקן שטייגנדע וואסער אויסגאבן


גמ"ח הצלה אפעלירט צו אייך:
פארט איר
סיי ווען, סיי וואו,
און איר האט פלאץ?
ביטע רופט:
845-782-5376


(פארזעצונג פון זייט 2)

און מוסדות אדער געשעפטן און פאבריקען, די צוטיילונג פון די ראטעס איז אין איינקלאנג מיט די רעגירונגס פארשריפטען און פארלאנגען, צו פארגרינגערן אז משפחות און היים וואסער באנוצער זאלן נישט נעמען דעם גאנצן לאסט פון די וואסער קאסטן.

עס ברויך דא באטאנט ווערן, אז די קאסטן זענען נישט געוואקסן פון איין מינוט אויפן אנדערן, און טראץ דעם וואס דער ווילעדזש האט כסדדר געזעהן דעם שטייגענדען בודזשעט, איז כסדר פארגעקומען שווערע באמיאונגען צו האלטן די ראטעס נידריג, מיט די האפענונג אז די קאסטן וועלן זיך סטאביליזירען, און עס וועט נישט אויספעלן איינצושטעלן קיין העכערונגען. דערווייל האט זיך שטענדיג געמאכט עמערזשענסי וואסער סיטואציעס וואס האט אייביג אריינגעשלעפט אין אומפאראויסגעזעענע קאסטן, ווי אויך האבן טייל קוועלער אריינגעצויגן אין גאר טייערע און קאסטבארע אונטערנעמונגען, אויפצולעבן און אפצוראטעווען די קוועלער פון אויסטריקעניש, און נאך פארשידענע קאסטבארע וואסער פראיעקטן דורכאויס די פארגאנגענע פאר יאר, וועלכע האבן אינאיינעם געפירט צו דעם יעצטיגען באשלוס איינצושטעלן די דערמאנטע העכערונגען.

*

אין די זעלבע צייט וועט אויך אריינגיין אין אפעקט א ספעציעלער "קאנעקשאן אפצאל" פארלאנג, וואס וועט ווערן איינקאסירט פון אלע נייע דירות וואס וועלן געבויעט ווערן אין די צוקונפט. דער אפצאל ווערט ארויפגעשטעלט אלס טייל פון א פארלאנג פון די סטעיט, פארלאנגענדיג פונעם ווילעדזש צו צייגן באווייז אויף מאסגעבנדע פאנדן, וויאזוי דער ווילעדזש פלאנט צו קענען באצאלן דעם לאנג טערמיניגען הלוואה אין פארעם פון א "באנד", וואס דער ווילעדזש האט ארויסגענומען צו דעקן די אסטראנאמישע קאסטן פון בויען דעם ריזיגען "וואסער פייפליין", אויף וועלכע דער "קאנעקשאן אפצאל" וועט זיין אין אפעקט ביז ווילאנג דער באנד וועט בעזהשי"ת אפגעצאלט ווערן.

תושבי קרית יואל געדענקען נאך ווען דער ווילעדזש האט געטאן אן ענליכען שריט, ביים ארויפלייגן א "סוער קאנעקשאן פרייז" מיט אומגעפער 15 יאר צוריק, ביים בויען דעם סוער פלענט, וואס האט אויסגעפעלט אראפצונעמען דעם דעמאלסדיגען דירות מאראטאריום, נישט צו קענען צולייגן קיין איינציגע דירה אין קרית יואל. דער ווילעדזש האט דעמאלס אויך ארויסגענומען א לאנג טערמיניגען באנד פון די סטעיט, און דערמיט האט מען אויפגעבויעט דעם ריזיגען סוער פלענט אויף בעיקרטאון ראוד, דאס צו דעקן האט דער ווילעדזש ארויפגעלייגט א "קאנעקשאן אפצאל" אויף אלע נייע דירות וואס האבן געקענט געבויעט ווערן א דאנק דעם נייעם סוער פלענט.

דאס זעלבע וועט יעצט אונטערגענומען ווערן אויף צו פינאנצירען דעם גיגאנטישען פייפליין פראיעקט, און דאס וועט האפנטליך צושטעלן די נויטיגע באווייז פאר די סטעיט אינסטאנצן אויסצולייגן דאס געלט פארן פארצווייגטען פראיעקט, אויף גרינגע און פארלענגערטע טערמינען, נישט צו באלעסטיגן די משפחות פון קרית יואל.

ווי געזאגט זענען די דערמאנטע רעזאלוציעס באשטעטיגט געווארן דורך דעם ווילעדזש באורד, און וועט אריינגיין אין קראפט אין די נאנטע חדשים.

---

שטייענדיג אין די ווינטער חדשים ווען די ערב שבת טעג זענען גאר קורץ, טוען מיר נאכאמאל מפרסם זיין די תקנה וואס איז איינגעפירט געווארן מיט עטליכע יאר צוריק דא אין שטאט, דורך כ"ק מרן רבינו שליט"א, ווי פאלגענד:

ווען עס קומט אן דער זמן פון הדלקת נרות של שב"ק זאל זיך שוין נישט געפינען קיין איין ארבייטער אין די גרענעצן פון קרית יואל, און סיליגט א פליכט און אן אחריות אויף אלע קאנטראקטארס, זיי זאלן זען אז איין שעה פארן זמן, דארפן שוין אלע ארבייטער אויפהערן ארבעטן און זיך גרייטן צו פארלאזן די שטאט.

RABBI ARON TEITELBAUM
5 Sanz Ct. Kiryas Yoel
Monroe, N.Y. 10950
Tel. (914) 783-0994-5

אהרן טייטלבוים
קרית יואל והגלילות
יצ"ו

ב"ה

על דבר המכשילה שפועלי עכו"ם עושים את מלאכתם - בבנין ותיקון בתים וכדו' - לקבלנים מבני ישראל בערבי שבתות, ומלאכתם יכולה להמשך גם אחר כניסת השבת, - ובפרט בימי החורף שהיום קצר והמלאכה מרובה.

ואחרי משא ומתן עם ידידי הגאון הדומ"ץ דפה שליט"א באנו לידי החלטה שלמיגדר מילתא נצרכה לתקן תקנה לעיר הזאת, שבהגיע זמן הדלה"נ בל יראו ובל ימצאו הפועלים בתחומי עיר קרית יואל יע"א, ושעה אחת קודם זמן הדלה"נ של שבת, צריכין הפועלים להפסיק את עבודתם ולהתכונן לנסוע מהעיר, ודבר פשוט וברור שעל הקבלנים מוטל האחריות שיתקיים התקנה במילואו, ולמזהיר ולנזהר, שלומים תן כמי נהר.

הכותב וחותם למען שמירת שבת קדשינו

הק' אהרן טייטלבוים

אהרן טייטלבוים
רב ור"מ
קרית יואל

DEPARTMENT OF PUBLIC SAFETY
VILLAGE OF KIRYAS JOEL
170 Schunnemunk Rd. • Monroe, New York 10950
Phone: (845) 783-3498 • Fax: (845) 774-2802
**Emergency Phone: 845-782-5577**
Mailing Address: PO Box 566 • Monroe, New York 10949

Abraham Weider
Mayor
Gedalye Szegedin
Adminsitrator
Moses Witriol
Director


# וויכטיגע מעלדונג!

היות אין די לעצטע וואכן זענען פארגעקומען דאהי
אין שטעטל גניבות אויף טייערע שטוב-חפצים

**דעריבער בעטן מיר, אז אויב איר זעהט עפעס פארדעכטיגט**
**אדער אויב איר האט געהאט לעצטנס סיי וועלכע גניבה**

**רופט גלייך**

**די סטעיט פאליס: 845-782-8311**

**אדער**

**די פובליק סעיפטי: 845-782-5577**

**כדי מ'זאל קענען כאפן די שולדיגע**
**און אפשטעלן די גניבות וואס פריער!**

מיט דאנק פאר אייער קאאפעראציע
**די פובליק סעיפטי דעפארטמענט**

## העכערער געריכט שליידערט ארויס וואודבורי'ס וואסער געזעץ אלס אומלעגאל

אין גאר א פאזיטיווער שריט וועלכע קען שטארק צוניץ קומען פאר קרית יואל'ס וואסער געברויכן אין די צוקונפט, האט דער העכערער ניו יארק סטעיט אפעלאט געריכט, צונישט געמאכט א געזעץ וואס דער "טאון אוו וואודבורי" האט געהאט איינגעשטעלט בנוגע אירע וואסער קוועלער.

די רעדע איז דאס מאל געווען פון א פריוואטן וואסער סיסטעם מיט עטליכע קוועלער און פילטערינג אפאראטן, וועלכע געפונט זיך אין די גרעניצן פון וואודבורי, וואס דער אייגנטומער האט געוואלט פארקויפן וואסער פאר ארומיגע געגענטן ארויס פון וואודבארי, נישט געצוימט צו דעוועלאפמענטס און באדנס פון וואודבורי. דער טאון האט דאן אדאפטירט א פרעצעדענטלאזע געזעץ, אז וואסער פון קוועלער וואס געפונען זיך אין די וואודבורי גרעניצן, קענען נאר גענוצט ווערן אין וואודבורי זעלבסט, און איז נישט ערלויבט ארויסגעפירט צו ווערן פאר ארומיגע געברויכן.

דער אייגנטומער האט דאן גערופען דעם טאון אין געריכט מיט א טענה אז דאס איז קעגן די ניו יארק סטעיט געזעצן, און דער נידריגער געריכט האט אים טאקע גערעכט געגעבן, און געאורטיילט אז דער געזעץ איז אומלעגאל, אז דער טאון קען נישט מאכן אזא פאראָרדענונג. דער טאון האט דאן אפעלירט דעם באשלוס, און יעצט האט אויך דער העכערער אפעלאט געריכט באשטעטיגט וואס דער נידריגער ריכטער האט גע'פסק'נט, און אויך זיי האבן באצייכנט דעם געזעץ אלס אומלעגאל.

די נייעס איז שטארק גונסטיג פאר קרית יואל'ס צוקונפטיגע וואסער פלענער, ווען חלילה דער געזעץ וואלט אדורכגעאנגען וואלט דאס געקענט שטעלן א פרעצעדענט פאר אנדערע מוניציפאליטעטן, אז אויך זיי זאלן איינשטעלן ענליכע געזעצן, וואס דאס וואלט געקענט באדייטן אז אלע קוועלער וועלכע געפונען אינדרויסן פון קרית יואל, וואלטן געקענט פאלן אונטער אזעלכע לאקאלע געזעצן, א זאך וואס וועט יעצט בעזהשי"ת נישט קענען פאסירן, נאכדעם וואס די געריכטן האבן דאס אנידערגעשטימט אלס אן אומלעגאלע געזעץ.

## ניו יארק סטעיט אפעלאט געריכט פארלאנגט אז "וואודבורי וואסער טענק" אנקעסעישאן קעיס זאל געשליכטעט ווערן אין נידריגערן געריכט

אין אנדערע אפעלאט געריכט נייעס, איז פארגאנגענעם חודש געקומען די נייעס אז דער אפעלאט ריכטער האט נישט אנגענומען דעם "וואודבורי וואסער טענק אנעקסעישאן" קעיס, איידער עס ווערט נישט קודם אריינגעטראגן אינעם נידריגערן געריכט.

די רעדע איז פון א לאנג פארצויגענעם געפעכט, ווען דער ווילעדזש אינאיינעם מיט לאנד אייגנטומער ארום די צוויי ריזיגע וואסער-טענק אויפן בארג אונטער די חברון-ראָוונע געגנט, וואס עס גיט די נויטיגע וואסער פרעשער פאר אלע איינוואוינער פון די גאנצע אומגעגנט פון עצי תמרים, און וועלכע געפונען זיך אויף לאנד אין די גרעניצן פון וואודבורי, וואס טיילט אויס פארשידענע צרות מיט פלענער אפצושליסן די שטארק וויכטיגע טענק, האט דער ווילעדזש דאן אריינגעגעבן א פארלאנג צו אנעקסירן דעם גאנצן שטח, אריין צום טאון אוו מאנראו, מיט די הסכמה פון די מאנראו טאון באורד.

ווען וואודבורי האט אפגעווארפן דעם אנעקסעישאן פארלאנג, האט דער אייגנטומער אינאיינעם מיט די ווילעדזש גערופן דעם טאון אין געריכט, פארלאנגנדיג געריכטליכע אינטערוועניץ צו צווינגען וואודבורי ארויסצולאזן די דערמאנטע באדנס, פאר די טובה פון קרית יואל און איר עקזיסטענץ. אבער אנשטאט אריינצוטראגן דעם קעיס אין די נידריגערע געריכטן, האט מען קודם פרובירט צו גיין באלד אין א העכערן געריכט, לויט געוויסע געזעצן וועלכע ערלויבן אז ווען צוויי מוניציפאליטעטן האבן א סכסוך, קענען זיי אויסמיידן נידריגע געריכטן און באלד גיין צום אפעלאט שטאפל.

דאסמאל האט אבער דער אפעלאט ריכטער נישט אקצעפטירט די טענה, און יא פארלאנגט אז דער סכסוך זאל קודם אודרכגיין א נידריגערער געריכט הויז, איידער עס ווערט ארויפגעברענגט צום אפעלאט געריכט.

## מאסשטאבליכער "טראפיק פארברייטערונג פראיעקט" רוקט זיך צוביסליך פאראויס ווען "ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו טראנספארטעישן" באשטעטיגן דעם דרעפט דעזיין

דער ברייטפארצווייגטער "טראפיק אויסברייטערונג פראיעקט" אויסצוברייטערן אלע הויפט גאסן פון קרית יואל, איז שוין ברייט באשריבן געווארן עטליכע מאל אינעם "הקריה", און עס קען זיך דאכטן אז יעדעס מאל, ווערן די פאקטן בלויז איבערגע'חזר'ט, און קיין זאכליכע פארשריט. דער אמת איז אבער, אז ביי אזא ריזיגער פראיעקט איז יעדער קליינער פארשריט, א ריזיגער מיילשטיין אפצייכענונג, ווען עס פארלאנגט אסאך סיעתא דשמיא אז דאס זאל קומען צו א שלוס.

דערפאר איז שטארק דערפרייענד צו באריכטן אז אין די לעצטע וואכן האט דער פראיעקט באקומען א שטארקן שטופ פאראויס, ווען די סטעיט אינסטאנצן האבן גענענדיגט באשטעטיגן אלע דעטאלן פון די ערשטע "דרעפט דעזיין" וועלכע שטעלט פאר די אריגינעלע פלענער פונעם פראיעקט, נאך אפאר חדשים וואס זיי האבן דאס שטודירט און עטליכע מאל צוריקגעשיקט מיט פארשידענע שאלות און הערות.

דער שריט בארעכטיגט אז דער ווילעדזש מיט אירע אינזשענירן זאלן קענען גיין פאראויס, און צוטרעטן צו קענען אויסארבייטן דעם ענדגילטיגן דעזיין, און דערנאך נאכאמאל איינמעלדן פאר די אלע לאנד אייגנטומער וועמענס באדנס עס וועלן ענדגילטיג ווערן אפעקטירט פון דעם פראיעקט, דאן וועט האפנטליך נאכפאלגן דער לעצטער פאזע פון ערהאלטן די נויטיגע פערמיטן צו קענען גיין צום "בידינג פראצעדור" און ארויסגעבן די פאקטישע ארבייט פאר די בוי-פירמעס.

**. ווילעדזש באנייט יערליכער קאנטראקט מיט אראנדזש קאונטי רעגירונג, אז זיי זאלן העלפן באצאלן א חלק פון די קאסטן פאר די ווילעדזש'ס "טעם זקנים" פראגראם, וואס העלפט שטארק ארויס די זקני וחשובי העיר שליט"א.**

**. די טאון רעגירונג האט אין די לעצטע וואכן איידערן שניי סעזאן איבערגעפארבט די געלע און ווייסע ליניעס אויף מערערע גאסן אין שטעטל, וואס האט זיך וויכטיג אויסגעפעלט צו קענען האלטן געהעריג ארדענונג אינעם טראפיק · גלייכצייטיג האט די ווילעדזש באזונדער איבערגעפארבט די ווייסע "קראס-וועיס" וועלכע געפינען זיך ביי אסאך ווינקלען פון שטאט צו ערלויבן פיסגייער אדורכצוגיין אינמיטן דעם טראפיק, און אויך איבערגעמאכט א רייע "סטאפ ליניעס" וואו עס האט זיך אויסגעפעלט.**

**• די גאסן פון קוויקוועי ראוד און צאנז קאורט זענען געווארן גענצליך איבערגעפלאסטערט דורך די טאון הייוועי דעפארטמענט.**



## נייעס און אנטוויקלונגען ארום קרית יואל

ב"ה


# VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220



**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin

**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman


# אכטונג!

## הויכגעשעצטע עלטערע איינוואוינער פון ק"י שיחי' עמו"ש;

# געניסט פון דעם געשמאקן "טעם זקנים" פראגראם!

טעם זקנים טוט צושטעלן געשמאקע ווארימע מיטאג מאלצייטן יעדן טאג
באגלייט מיט שיעורים, איבונגען און באשעפטיגונגען פאר די עלטערע איינוואוינער

## פארברענגט אינאיינעם אין א געשמאקע אטמאספערע!

דער פראגראם ווערט טעגליך צוגעשטעלט אין די פראכטפולע זאלן פון
**"אשת חיל דקרית יואל-אהל חנה רחל"**
**7 Chevron Rd.**

-טראנספארטאציע ווערט צוגעשטעלט אהין און צוריק-

**This program is provided by the Village of Kiryas Joel,**
**and has been made possible in part through the generosity of the**
**New York State Office for the Aging & the Orange County Office for the Aging**

**פאר רעגיסטראציע און אינפארמאציע קענט איר זיך פארבינדן מיט מרת שאלאמאן אויף:**
**845-492-3245**

מיט דאנק, **דער ווילידזש**

# אויסגעשפראכענע ליבעראלע "אמעריקאנער סיוויל ליבערטיס יוניאן" קלאגט אן דעם קרית יואל ווילעדזש אין געריכט

(פארזעצונג פון זייט 1)

ריזיגער לופטיגער פארוויילונגס פלאץ, פאר די טויזנטער קרית יואל'ער קינדער דורכאויס די זומער חדשים.

זינט איר עפענונג, האט דער גוטער נאמען פונעם "רוח החיים" אפגעקלינגען איבעראל, אלס א פלאץ וואס סערווירט די געברויכן פון תושבי קרית יואל בגשמיות וברוחניות, הויפטזעכליך האט דער באגריף פון א פארק וואס איז געבויעט עפ"י גדרי הצניעות, ארויסגערופן א קידוש השם מסוף העולם ועד סופו, פארדינענדיג רעספעקט פון יעדן רעכטדענקענדן מענטש, אידישע און נישט-אידישע צוגלייך, ווען יעדער האט פארשטאנען אז די איינריכטונגען זענען צו די צופרידנהייט און לויטן אייגנארטיגען לעבנס-סטאנדארט פון חסיד'ישע אידן תושבי קרית יואל.

ווי עס שטעלט זיך אבער ארויס, האט דער שטן און סטרא אחרא נישט געקענט פארנעמען אזא קידוש השם, און ווען דער נייעס פונעם נייעם פארק האט געגרייכט צו די אויערן פון די טרויעריג-בארימטע "אמעריקען סיוויל ליבערטיס יוניאן" באקאנט אונטער די בוכשטאבן "עי. סי. על. יו.", האט דאס ערוועקט זייער טיפער שנאה צו יעדע גדר קדושה, און זיי האבן באשלאסן ארויסצוגיין אין א מלחמה אקעגן די אידישע און ערליכע לעבנסשטייגער וועלכע ווערט באשיצט אונטער די אמעריקאנער קאנסטיטוציע.

*

צו פארשטיין אביסל די מאטיוועען פון די דערמאנטע "עי. סי. על. יו.", ברויך מען צוריקגיין צו די צייטן פונעם ערשטן וועלט-קריג, ווען די "עי. סי. על. יו." איז געשאפן געווארן, מיטן אריגינעלן ציל פון באשיצן די ציווילע רעכטן פון יעדן אמעריקאנער בירגער, און צו דינען אלס א "וואטש-דאג ארגענעזאציע" אקעגן די רעגירונג פון צו באקריוודען אדער בא'עוולה'ן סיי וועלכע מיניאריטעט גרופע אדער סעקטע.

דורכאויס די יארן האבן די "עי. סי. על. יו." זיך בארימט געמאכט צו קעמפן אקעגן פארשידענע רעגירונגס ביוראען, אנגעהויבן פון די פעדעראלע רעגירונג אין וואשינגטאן ביז צו סטעיט רעגירונגס אפיסעס און אראפ ביז לאקאלע מוניציפאליטעטן, ווען עס האט זיי געדאכט אדער זיי האבן באקומען באריכטען פון יחידים אדער גרופעס וועמענס רעכטן זענען געווארן פארלעצט.

אלס א שטארקע ציל האבן די "עי. סי. על. יו." געשטעלט פאר זיך, צו פארטיידיגען דעם באקאנטן קאנסטיטוציאנאלער פונדאמענט, וועלכע טיילט אפ "שטאט און רעליגיע", וואס באדייט אז די רעגירונג טאר אויף קיין פאל נישט דינען אלס א מיטל ארויסצוהעלפן סיי וועלכע רעליגיעזע אקטיוויטעטן, און אונטער דעם ציל האבן זיי אפגעהאלטן א רייע מיט קאמפן מיט פארשידענע רעגירונגס אפטיילונגען, ווען זיי האבן געהאלטן אז דער געזעץ ווערט פארנאכלעסיגט.

אזוי ארום האט די "עי. סי. על. יו." דורכאויס די יארן באוויזן אדורכצוברעכן א רייע לאנגיעריגע פראקטיצירונגען, וואס אינעם אלטן אמעריקאנער היסטאריע איז דאס באטראכט געווארן אלס ריין לעגאל, און אויסגעהאלטן אונטער די קאנסטיטוציע, האבן אבער די חברה דאס כסדר געטאדלט און באקעמפט אין די געריכטן, אודכברעכנדיג פארשידענע מויערן, וואס דערמיט האבן זיי שטארק פאראויסגעברענגט אומווירדיגקייטן אויף די אמעריקאנער גאס..

פאר פרומע אידן אין אמעריקא, וועלכע ווילן אנהאלטן דעם אריגינעלן באשיידענעם לעבנסשטייגער, און זוכן צו געניסן פון די דעמאקראטישע מדינה דורכן קענען אנגיין אויף דער פריי מיט אן ערליכען הילוך החיים, איז דוקא די "עי. סי. על. יו." באקאנט אלס א דארן אין אויג, פארשטייענדיג אז זייערע ליבעראלע מיינונגען איז דער היפוך פון וואס א איד טוט גלייבן, און די אלע באגרעניצונגען און באשיידנקייטן וואס ווערן דורך זיי אדורכגעבראכן, ווערן דורך פרומע און ערליכע אידן דוקא באטראכט אלס א לכתחלה און דער אויסדערוועלטער וועג אין לעבן.

עס איז נישט דאס פלאץ אויסצושמועסן באריכות, עס איז נאר ווערט צו דערמאנען אז די ערליכע אידן אחב"י תושבי וויליאמסבורג, שטייען יעצט אויס פון אזעלכע חברה אינעם ניו יארק סיטי ווירטשאפט, וועלכע האבן אריינגעטראגן א קלאגע אין די סיטי געריכטען, קעגן עטליכע געשעפטן אויף די וויליאמסבורגער גאסן, וועלכע האבן ארויסגעשטעלט א בקשה צו די קונדען, אריינצוקומען אין די געשעפטן מיט מלבושי צניעות, אן אקט וואס איז גענוג געווען אויפצוברויזן די ליבעראלע אקטיוויסטען, אז כלומר'שט ווערן די רעכטן פון מענטשן אוועקגענומען, טראץ דעם וואס די וויליאמסבורגער אידן זעלבסט זענען געווען העכסט צופרידן פון די מודעות.

*

נאך די קורצע הקדמה איז גרינג צו פארשטיין, פארוואס אזא געלונגענע אונטערנעמונג ווי דער הערליכער "רוח החיים – קינדער פארק" איז געשטאנען אין וועג פארן שטן, און איז געווען דער נייער ציל פונעם "עי. סי. על. יו.", נישט קענענדיג פארנעמען דעם כח הקדושה והצניעות, וואס ערליכע אידן ווילן ווייטער אנהאלטן לכה"פ במחנינו, האלטנדיג טייער וואס די תוה"ק לערנט מיט אונז "והי' מחניך קדוש".

ווען די באריכטען איבער דעם נייעם פארק איז ארויסגעגאנגען אין די גאס, און די דערמאנטע "עי. סי. על. יו." האט זיך דערוואוסט איבער דעם עקזיסטענץ פון די "רוח החיים פארק", האבן זיי צום אלעם ערשט געשיקט א בריוו צו די ווילעדזש און צו די טאון אוו מאנראו, פארלאנגענדיג אז די מוניציפאליטעטן זאלן זיי צושטעלן אלע דאקומענטן איבער און ארום דעם פארק, וואס מיט די דאקומענטן האבן זיי געהאפט צו טרעפן באוויז, צו קענען נעמען דעם ווילעדזש אין געריכט אז דער נייער פארק טוט פארלעצן די קאנסטיטוציע.

די פארלאנג צוצושטעלן די דאקומענטן איז געקומען אונטערגעשטיצט דורך די באקאנטע געזעץ וואס ווערט גערופען "פרידאם אוו אינפארמעישאן", די פראבלעם זייערע איז אבער געווען אז אין זייער פארלאנג האט דער "עי. סי. על. יו." געוויזן אז זיי פארמאגן נישט די מינימום אינפארמאציע איבער דעם פראיעקט, וואס פארלאנגט זיך געזעצליך אז דער ווילעדזש זאל זיין פארפליכטעט ארויסצוגעבן סיי וועלכע אינפארמאציע פאר זיי, און דערפאר האבן די ווילעדזש אדוואקאטן אין א שיינעם בריוו צו די "עי. סי. על. יו." זיך אנטזאגט פון ארויסגעבן די פארלאנגטע דאקומענטן.

והרשעים כים נגרש, זעענדיג אז מען קומט נישט נאך זייערע באגערן, האט די "עי. סי. על. יו." אינעם פארגאנגענעם דינסטאג פר' ויחי ולמס' דעצעמבער 10, אריינגעגעבן א געריכטליכע קלאגע צום סופרים קארט פון ניו יארק סטעיט, פארלאנגנדיג אז די געריכט זאל אונטערוועגירן און צווינגען די ווילעדזש ארויסצוגעבן די געפאדערטע דאקומענטן און געזוכטע אינפארמאציע, אונטער דעם דערמאנטן "פרידאם אוו אינפארמעישאן" געזעץ, אז די "עי. סי. על. יו." זאל דערמיט קענען גיין ווייטער און אנקלאגן דעם ווילעדזש וועגן די פארק.

*

ווען די נייעס איז באקאנט געווארן איבעראל, האט דאס ארויסגערופען א שטארקע שטורעם אין די ברייטע אידישע גאס, און אפי' נישט דוקא אין די גאר פרומע רייען, זעענדיג אין דעם א שטארקע פראוו מצד די "עי. סי. על. יו.", אריינצודרינגען אינערהאלב די אידישע לעבנסשטייגער, און צוברעכן די ערליכע און איידעלע מהלך החיים אונטער א שלייער פון יוסטיץ און געזעץ.

דאס האט געפירט אז א רייע פון גאר פראמינענטע אידישע פערזענליכקייטן זאלן ארויסווייזן סאלדאריטעט מיט קרית יואל, ווען זיי האבן עפנטליך פארטיידיגט די רעכטן פון די חסידישע אידן, אנצוגיין מיט א באשיידענעם טאג טעגליכען ווירטשאפט.

צווישן די וואס האבן זיך געלאזט הערן איבער די קלאגע, האט שטארק אפגעקלינגען די ווערטער פונעם נאציאנאל-בארימטער חרד'ישער אדוואקאט ר'. נתן (נעט) לעווין הי"ו, מר. לעווין וועלכער האט שוין סוקסעספול געקעמפט אינעם העכסטן געריכט פון די פאראייניגטע שטאטן איבער פארשידענע קאנסטיטוציאנאלע טעמעס, האט אין זיין שמועס מיט איינע פון די נייעס אגענטורען גאר שארף אראפגעריסן די "עי. סי. על. יו." פארן זיך אריינמישען אין א נושא וואס באלאנגט נישט פאר זיי, ארויסברענגנדיג אז זיי טוען נישט רעפרעזעטירן די מיינונג פון די פאר וועם דער פארק איז אויפגעשטעלט געווארן, וואס דאס מיינט אינעם געזעצליכען שפראך אז זיי פארמאגן נישט קיין "סטענדינגס" איבער די טעמע, ד.ה. אז אזא קלאגע טראגט נאר געוויכט ווען עס קומט פון אן איינוואוינער אין קרית יואל וואס שפירט זיך באקריוודעט פון די צניעות איינריכטונגען.

"די אויפגאבע פון די "עי. סי. על. יו.", זאגט לעווין "איז צו פארטיידיגען און באקעמפן ווען עמיצערס רעכטן ווערן פארלעצט און זיי זוכן הילף, דא אבער איז דאס אינגאנצן נישט דער פאל, די איינוואוינער פון קרית יואל האבן אויפגשטעלט דעם פארק, צו דינען זייערע אינטערעסן און זיי זענען צופרידן פון די איינריכטונגען, טא וועם זענען זיי דא צו באשיצן?" האט לעווין געפרעגט מיט וואונדער.

אזוי אויך איז דער חרדישער סיטי קאונסילמאן ר' דוד גרינפעלד הי"ו פון ברוקלין, ארויסגעקומען שטארק לטובת תושבי קרית יואל, ווען ער האט אין א עפנטליכע מעסעזש געטאדלט די "עי. סי. על. יו." אויף זייער אקט זאגנדיג "מענטשן זענען בארעכטיגט אנצוגיין מיט זייער לענבסשטייגער לויט ווי זיי טוען באגערן, דאס איז אונזער רעכט אלס אמעריקאנער בירגער, און דאס איז וואס די "עי. סי. על. יו." ברויך צו באשיצן" צולייגנדיג "זיי ברויכן צו העלפן מענטשן, נישט ווייטאן פאר מענטשן".

*

דער ווילעדזש טוט אין די טעג צוגרייטן א שטאב מיט געניטע אדוואקאטן, צו באקעמפן די קלאגע און פארלאנג פון די "עי. סי. על. יו.", און פארטיידיגן די רעכטן פון תושבי קרית יואל צו קענען ווייטער הנאה האבן פון א רואיגע און באשיידענע ווינקל.

צו דער זעלבער צייט טוען קרית יואל'ער איינוואונער מרבה זיין בתפלה, אז די אזוי גערופענע "מענטשן-רעכט גרופעס", זאלן אוודאי נישט האבן קיין שליטה אריינצודרינגען און איינצוטיילן איבער אזעלכע ענינים, חסידישע אידן זענען צופרידן פון אן אפגעזונדערטן לעבנסשטייגער, הן עם לבדד ישכון, און ווילן אויפציען די קינדער אין דעם גייסט און אויף דעם וועג וואס עס האבן געלערנט מיט אונז רבותינו הקדושים זי"ע, און וואס ווערט ווייטער געפירט דורך כ"ק רבינו הגה"ק שליט"א עד ביאת הגואל.

ולא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי




**דער טאוול וואס מעלדט קלאר אז דער פארק איז פינאנצירט געווארן אויסשליסליך דורך תושבי קרית יואל, און איז געמאכט בלויז פארן באנוץ פון תושבי קרית יואל**



# וויכטיגע אינפארמאציע פאר ביז יעצטיגע געניסער פונעם 'סטאר פראגראם'

די ניו יארק סטעיט שטייער אפטיילונג האט אנגענומען א נייעם געזעץ וואס פארלאנגט אז אלע געניסער פונעם "בעיסיק סטאר פראגראם" מוזן זיך נאכאמאל רעגיסטרירן פאר די ענדע פון דעם יאר למס' 2013 אויף צו קענען ווייטער געניסן פון די שטייער הנחות. אן די נייע רעגיסטראציע וועט מען ארויספאלן פונעם פראגראם.

## ווער ברויך זיך רעגיסטרירן?

- אלע היים-אייגנטימער וועלכע וואוינען אין זייער אייגענעם הויז, זענען בארעכטיגט צו געניסן פונעם 'בעיסיק סטאר פראגראם', דאס איז א שטאטישע פראגראם וואס אפפערט אן הנחה אויף די יערליכע סקול דיסטריקט שטייערן, פאר יעדן היים-אייגנטומער.

ביז יעצט איז געווען געווען געוונג לויט'ן געזעץ זיך צו רעגיסטרירן בלויז איינמאל אינעם פראגראם, אן קיין נאכפאלגנדע יערליכע רעגיסטראציעס. היי יאר פארלאנגט די רעגירונג אז אלע ביז יעצטיגע געניסער פונעם פראגראם זאלן זיך נאכמאל רעגיסטרירן אויף צו קענען ווייטער געניסען פון די הנחות פארן קומענדיגע יאר 2014 און די ווייטערדיגע יארן.

- היים-אייגנטימער וועלן נישט מוזן נאכמאל רעגיסטרירן יעדעס יאר. לויט די אינפארמאציע וואס ווערט אנגעגעבן אינעם היי-יעריגען רעגיסטראציע פראצעדור, וועט די ניו יארק סטעיט טעקס דעפארטמענט באשטעטיגען דעם היים-אייגנטומער'ס בארעכטיגונג צו געניסן פונעם פראגראם פאר די קומענדיגע יארן.

סיניאר-סיטיזענס וועלכע געניסען פונעם "אינהענסד סטאר עקזעמפשאן" פראגראם, פאלן נישט אונטער דעם נייעם רעגיסטראציע פארלאנג.

- היים-אייגנטימער וועלכע רעגיסטרירן זיך היי יאר צום ערשטן מאל, ווערן נישט אפעקטירט פון דעם ספעציעלן רעגיסטראציע פארלאנג. אויף זיך אנצושליסן אינעם "בעיסיק סטאר פראגראם" צום ערשטן מאל, ברויך מען אויספילן דעם ספעציעלן אפליקאציע בויגן וואס איז דא צו באקומען אינעם ווילזש אפיס, וואס ווערט נאכדעם געפיילט ביים "ווילדזש טעקס אסעסאר" אזוי ווי ביז היינט.

## ווען קומט פאר די ספעציעלע רעגיסטראציע?

- די רעגיסטראציע האט זיך אנגעהויבן פארגאנגענעם מאנטאג פר' כי תבא, ולמס' אויגוסט 19, און וועט אנהאלטן ביז צום סוף פונעם קאלענדאר יאר, דעצעמבער 31, 2013.
- אלע ביז היינטיגע געניסער פונעם סטאר פראגראם וועלן באקומען ספעציעלע אנווייזונגען אין די פאסט, דער בריוו וואס ווערט ארומגעשיקט פונעם ניו יארק סטעיט שטייער אפטיילונג וועט אנטהאלטן א "סטאר קאוד" וואס דער אייגנטומער וועט מוזן האבן ביים רעגיסטרירן.

## וויאזוי ארבעט די רעגיסטראציע?

די סטעיט שטעלט פאר צווי אפציעס פאר רעגיסטראציע: אדער אויפ'ן טעלעפאן אדער אנליין. דאס גרינגסטע וועג איז די "אנליין רעגיסטראציע" אפציע דורך דעם אפיציעלן ניו יארק סטעיט שטייער אפטיילונג וועבסייט www.tax.ny.gov

**געדענקט:** איר מוזט האבן דעם דערמאנטן 'סטאר קאוד' ביים רעגיסטרירן אנליין, אויב האט איר פארלוירן דעם בריוו קענט איר אריינרופן דעם שטייער אפטיילונג אויף 518-457-2036 און אנפרעגן אייער 'סטאר קאוד'.

**אנליין רעגיסטראציע:** זיך צו רעגיסטרירן אנליין איז זייער גרינג, עס פארלאנגט די בעיסיק אינפארמאציע אויף צו באשטעטיגן דעם אייגנטומערס רעכט צו געניסען פונעם סטאר פראגראם, דער אייגנטומער וועט ווערן פארלאנגט צו:

- אריינלייגן דעם "סטאר קאוד" און באשטעטיגן דעם אדרעס פונעם הויז
- צושטעלן די נעמען און סאושעל סעקיוריטי נאמבערס פון אלע אייגנטימער פונעם פראפערטי, און זייערע מענער/ווייבער
- באשטעטיגן אז דאס הויז איז די הויפט וואוינונג פאר כאטש איינעם פון די אייגנטימער (פארהייראטע אייגנטימער זענען נאר בארעכטיגט צו איין סטאר הנחה, אפילו אויב ביידע פיגורירן אלס אייגנטימער פונעם הויז)
- באשטעטיגן אז דער גאנצער איינקונפט פון די היים-אייגנטימער מיט זייערע בני בית וועלכע וואוינען אין דעם הויז, באטרעפט נישט מער ווי $500,000 א יאר
- באשטעטיגן אז קיין איינער פון די אייגנטימער ערהאלטן נישט קיין אנדערע וואוינונג-באזירטע שטייער הנחות פון אנדערע סטעיטס

**טעלעפאן רעגיסטראציע:** די וועלכע האבן נישט קיין צוטריט אנליין, וועלן קענען אריינרופן צו די טעקס דעפארטמענט אויפן נאמבער 518-457-2036, און דורכגיין דעם רעגיסטראציע פראצעדור אויפ'ן טעלעפאן.

דער ניו יארק סטעיט שטייער אפטיילונג וועט אויך זיין בייהילפיג צו ענטפערן אויף פראגעס בנוגע דעם אנליין רעגיסטראציע פראצעדור אויף די דערמאנטע נאמבער.

## וואס געשעט אויב א היים-אייגנטומער טוט זיך נישט רעגיסטרירן?

די ניו יארק סטעיט טעקס דעפארטמענט וועט ארויסשיקען דערמאנונגס בריוו צו אלע אייגנטימער וועלכע האבן זיך נישט רעגיסטרירט. די בריוו וועלן נאכאמאל געשיקט ווערן אין דעצעמבער פון 13' און יאנואר פון 14'.

אין פעברואר פון 14' וועט דער טעקס דעפארטמענט איבערגעבן פאר אלע לאקאלע טעקס אסעסארס די נעמען פון אלע היים-אייגנטימער וועלכע האבן זיך נישט רעגיסטרירט, אדער פון די וועלכע זענען נישט בארעכטיגט צו געניסן פונעם סטאר פראגראם. די אלע נעמען וועלן דאן ארויספאלן פונעם סטאר הנחה.

- היים-אייגנטומער וועלכע וועלן געפינען ווערן דורך דעם ניו יארק סטעיט טעקס דעפארטמענט אלס אומבארעכטיגט צו די סטאר שטייער הנחות, וועלן פארמאגן די רעכט צו אן איבערזיכט פונעם באשלוס, סיי אינערליך אינעם טעקס דעפארטמענט און אויך פאר די "סטעיט באורד" פון "פראפערטי' טעקס סערוויסעס".

KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT
48 Bakertown Road Suite 401• Monroe, NY 10950 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176

התורה חסה על ממונם של ישראל!

# וויכטיגע מעלדונג וועגן סטאר פראגראם
# STAR Program

- וואס שטעלט צו א היפשע שטייער-הנחה פון טייל פון די סקול טעקס פאר היים
אייגנטימער וועלכע פארדינען אונטער $500,000 יערליך, אויף די הויז וואו זיי אליין וואוינען -

## צוויי דעדליינס אין די נאנטע טעג!

## דעדליין דעם דינסטאג בא!

אויב איר האט ביז היינט געהאט דעם "סטאר" פראגראם
אין אייער טעקס ביל, דארפט איר זיך יעצט רעגיסטרירן
צום פראגראם צו קענען ווייטער געניסן פונעם דיסקאונט

**די רע-רעגיסטראציע ענדיגט זיך דעם דינסטאג בא**

**December 31, 2013**

זעט בייגעלייגט באזונדערע מעלדונג
מיט אלע נויטיגע אינפארמאציע
וועגן די רע-רעגיסטראציע

**אויב איר זענט נאכנישט געווען איינגעשריבן אינעם "סטאר" פראגראם, קענט איר יעצט אפלייען**

## ביז מאנטאג בשלח

**January 6, 2014**

צו קענען געניסן דערפון
פאר'ן קומענדיגן טעקס ביל

**באזונדער איז דא צו באקומען די Enhanced STAR, און אנדערע טעקס הנחות פאר "סיניער סיטיזענס", געוואנדן לויט די איינקונפט**

**איר ווערט פארערעכנט אלס סיניער סיטיזען אויב איר ווערט 65 יאר אלט בעפאר דעם קומענדיגן December 31, 2014.**

**איר דארפט ארייננשיקן די אפליקאציעס פערזענליך, אדער קענט איר דאס ארויפטראגן צום ווילעדזש אפיס ביז די אויבנדערמאנטע דאטומען**

פאר סיי וועלכע פראגע אדער הילף מיט'ן אויסשטעלן די אפליקאציע, פארבינדט אייך מיט'ן ווילעדזש אפיס אויף

## 783-8300 Ext. 4-4

מיט דאנק
**קרית יואל סקול דיסטריקט**

VILLAGE OF KIRYAS JOEL
Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

Mayor
Abraham Wieder
Administrator-Clerk
Gedalye Szegedin

Trustees
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

• קאמיוניטי סערוויס דעפארטמענט •

בס"ד

# וויכטיגע אינפארמאציע איבער די נייע "עפארדעבל העלט קעיר אקט" (ACA), מעדיקעיד, אד"ג

אין די לעצטע מאנאטן איז אריין אין קראפט דער פעדעראלער "עפארדעבל העלט קעיר אקט" (ACA), ווי אויך דער נייער סיסטעם פון "העלטקעיר עקסטשעינזשעס" וואס וועט ערמעגליכן יעדן איינעם צו קויפן העלט אינשורענס אויף אן "עקסטשעינזש" וואו מ'קען טרעפן פארשידענע אינשורענס פלענער צוגעפאסט פאר יעדן לויט זיינע געברויכן, א מארקעט-פלאץ פאר אינשורענס.

**אויב איר האט יעצט העלט אינשורענס, און איר וועט אנהאלטן אייער אינשורענס אויך נאך יאנואר 1, 2014, סיי אויב איר האט פריוואטע אינשורענס באצאלט דורך אייך אדער אייער ארבעט'ס געבער, סיי אויב איר האט רעגירונג'ס באצאלטע אינשורענס ווי מעדיקעיד, מעדיקעיר, טשיילד העלט פלאס, אד"ג, וועט דער נייער געזעץ אייך דערווייל נישט אפעקטירן.**

**אויב איר פארמאגט נישט יעצט קיין העלט אינשורענס, אדער איר וועט פאר סיי וועלכע סיבה פארלירן אייער אינשורענס בעפאר קומענדיגן יאנואר 1, 2014, דארפט איר וויסן די וויטערדיגע וויכטיגע אינפארמאציע.**

פאלגנד זענען א רייע דעטאלן פון די נייע "עפארדעבל העלט קעיר אקט":

## ווען די נייע רעפארמען גייען אריין אין קראפט

- **אקטאבער 1, 2013**: דער מארקעט פלאץ האט זיך געעפנט און מ'האט זיך געקענט אנהייבן איינצושרייבן, צו קענען אויסקלויבן א פאסיגע אינשורענס פלאן לויט'ן פרייז און געברויך, ווי אויך צו קענען קויפן אינשורענס דורך דעם מארקעט פלאץ.
- **יאנואר 1, 2014**: דער טאג וואס די נייע העלט אינשורענס וואס איר האט געקויפט גייט אריין אין קראפט, מ'קען זיך דערווייל נאך אלץ איינשרייבן צו באקומען אינשורענס דורך די מארקעט-פלאץ.
- **מארטש 31, 2014**: פון דעם טאג וועט מען זיך מער נישט קענען איינשרייבן פאר'ן קאלענדאר יאר פון 2014, און מ'וועט דארפןווארטן ביז דעם קומענדיגן אקטאבער 2014 זיך צו קענען איינשרייבן פאר'ן קאלענדאר יאר 2015. אויב האט איר נאכנישט געקויפט קיין אינשורענס ביז דעם טאג וועט איר דארפן צאלן א געלט-שטראף.

## וויאזוי צו קויפן אינשורענס אינעם מארקעט פלאץ

- איר קענט זיך איינשרייבן דורך אריינרופן 1-855-355-5777, אדער דורך גיין צו: https://nystateofhealth.ny.gov/, און אויספאלגן די אנווייזונגען.
- איר קענט אויך ארויפקומען צום ווילעדזש אפיס אין די "קאמיוניטי סאשעל סערוויסעס" דעפארטמענט וואו מ'וועט אייך ארויסהעלפן זיך איינצושרייבן אינעם "עקסטשעינזש".

## מעדיקעיד און טשיילד העלט פלאס (CHIP)

- ביים זיך איינשרייבן אויף דעם מארקעט-פלאץ, וועט איר אויטאמאטיש באקומען אנווייזונגען אויב איר זענט בארעכטיגט צו געניסן פון די "מעדיקעיד" אדער "טשיילד העלט פלאס" פראגראמען, געוואנדן לויט אייער יערליכער פארדינסט און דעם גרויס פון אייער פאמיליע.
- אויב איר זענט בארעכטיגט צו געניסן פון איינע פון די פראגראמען, קענט איר דארט אויפ'ן מארקעט-פלאץ זיך איינשרייבן צו יענעם פראגראם. מאכט זיכער צו האבן ביי זיך גרייט אלע אינפארמאציע, ווי די נעמען, סאשעל-סעקיוריטי ציפערן, און געבורט-דאטומען פון אייער גאנצע פאמיליע; וויפיל איר פארדינט; אא"וו.
- **איר קענט אויך אפלייען פאר מעדיקעיד אדער CHIP אינעם ווילעדזש אפיס, ביי די "קאמיוניטי סאשעל סערוויסעס" דעפארטמענט.**
- צו אפלייען דורכ'ן ווילעדזש אפיס, ביטע רופט אריין צו "קאמיוניטי סאשעל סערוויסעס" צו מאכן אן אפוינטמענט פערזענליך אראפצוקומען אין אפיס. נעמט אין אכט אז דאס איינשרייבן זיך דארף דויערן בערך א שעה אדער לענגער, ביי יעדן אנדערש.

- מאכט זיכער צו האבן גרייט אלע נויטיגע דאקומענטן און אינפארמאציע. איר דארפט האבן:

1) די סאשעל סעקיוריטי קארטלעך פון אייער גאנצע פאמיליע;
2) די געבורט-שיינען (בוירט סערטיפיקעטס) פון אייער גאנצע פאמיליע;
3) אייער לעצטע טעקס ריטוירן;
4) אינפארמאציע איבער אייער איצטיגער איינקונפט;
5) א טעקס-איי.די. נאמבער (אויב איינער פון די פאמיליע פיילט באזונדער דעם טעקס-ריטוירן);
6) א גאווערמענט ID – ווי צב"ש א לייסענס (דרייווער אדער נאן-דרייווער), פאספארט, גרין-קארד;
7) אויב איינער פון אייער פאמיליע פארמאגט אינשורענס בשעת איר שרייבט זיך איין, מאכט זיכער מיטצוברענגען דעם אינשורענס קארטל;
8) אזוי אויך אלע ענליכע אינפארמאציע וואס איר קלערט אז ס'קען זיך אויספעלן צו באשטימען אייער יערליכער פארדינסט און די גרויס פון אייער פאמיליע.

## וועלכע אינשורענס פלענער לוינט זיך צו נעמען?

- אויב איר ווילט קויפן אינשורענס אויפ'ן מארקעט-פלאץ, די ערשטע זאך פאר'ן באשליסן וועלכע פלאן אויסצוקלויבן, גייט אדורך די ליסטע פון אייערע געווענליכע און/אדער לאקאלע דאקטוירים צו מאכן זיכער וועלכע אינשורענס פירמע זיי אקצעפטירן, ווי אויך אין וועלכע קאטעגאריע זיי געהערן (זעט באלד).
- דאס זעלבע מאכט זיכער מיט אייער פארמאסי וועלכע מעדיצינען וועלן ווערן געדעקט דורך וועלכע פירמע, און אונטער וועלכע קאטעגאריע.
- אינעם מארקעטפלאץ קען מען אויסוועלן אינשורענס פלענער פון 5 קאטעגאריעס, 1) פלאטינום; 2) גאלד; 3) זילבער; 4) בראנז; 5) קאטאסטראפיש. דער אונטערשיד צווישן די קאטעגאריעס איז סיי אין די פרייזן (חודש'ליכע אינשורענס פרימיום'ס, ווי אויך קא-פעיס, דידאקטיבלס, אא"וו), און סיי אין די דאקטוירים/פארמאסיס אד"ג וועלכע זענען אנגעשלאסן אין די פארשידענע קאטעגאריעס.
- אויסער די קאטעגאריעס קען מען אויך אויסוועלן צווישן פארשידענע אינשורענס פירמעס [למשל, פירמע א' קען אנטיילנעמען אין אלע 5 קאטעגאריעס, אבער פירמע ב' וועט נאר זיין אנגעשלאסן אין די פלאטינום און גאלד קאטעגאריעס, אנדערע פירמעס וועלן נאר זיין אנגעשלאסן אין די שוואכערע זילבער און בראנז קאטעגאריעס, אא"וו. יעדע פירמע איז אנדערש].
- נאך וואס איר האט שוין דאס מברר געווען קלויבט אייך אויס דעם פלאן וואס איז דאס בעסטע צוגעפאסט פאר אייער געזונט, און לויט אייערע פינאנציעלע אומשטענדן.

## פאקטן און אינפארמאציע וואס איר דארפט וויסן:

- טייל אדער דאס גאנצע פונעם געלט וואס איר נוצט צו באצאלן פאר העלט אינשורענס קען ווערן פארערכנט אלס "שטייער קרעדיט" אויף אייער טעקס ריטוירן.
    - ביים זיך איינשרייבן אינעם "עקסטשעינזש" וועט דער פראגראם אייך ווייזן אויב איר קענט געניסן פון דעם קרעדיט, און אויב יא וועט איר באקומען עטליכע אפציעס צו באשליסן וויאזוי דאס זאל ווערן אראפגערעכנט: 1) ווערן פארערכנט אלס קרעדיט סוף יאר ווען איר פיילט דעם טעקס ריטוירן; 2) ווערן אראפגערעכנט יעדן מאנאט פון אייער שטייער-צאלונג; אדער 3) א געמיש פון די פריערדיגע 2 אפציעס. ד.ה. א חלק זאל ווערן אראפגערעכנט יעדן חודש און די איבריגע זאל ווערן אראפגערעכנט פון אייער פיינעל טעקס ריטוירן.
- איינמאל מען שרייבט זיך אויף פאר אן אינשורענס פלאן, וועט מען מער נישט קענען טוישן דעם פלאן פאר א גאנץ יאר, ביז צום קומענדיגן אקטאבער 1 ווען דער מארקעט-פלאץ עפנט זיך ווידער [און דאן וועט דער טויש אינעם אינשורענס פלאן אויך נישט אריינגיין אין קראפט, ביז דעם פאלגנדן יאנואר 1, 2015]. עס זענען פאראן געוויסע אויסנאמען ווען מ'קען יא טוישן אינשורענס אינמיטן יאר.
- אויב איר נוצט דעם "עקסטשעינזש" צו אפלייען פאר מעדיקעיד, סיי אויב איר טוט עס אליין און סיי דורכ'ן ווילעדזש, דארפט איר זיין אויפמערקזאם, אז יעדע מינדעסטדע אינפארמאציע וואס איר גיבט אריין ווערט זאפארט נאכגעקוקט דורכ'ן פראגראם ביז געציילטע מינוטן, בשעת איר זיצט נאך דארט.
- ווען איר האט אנגעהויבן זיך איינשרייבן מיט אייער אקאונט אויפ'ן "עקסטשעינזש", קענט איר זיך אפשטעלן אינמיטן אויב איר דארפט פארשאפן נאך אינפארמאציע, און סיי ווען איר וועט צוריקקומען וועט איר קענען ווייטער ענדיגן אויספילן די אפליקאציע וואו איר האט געהאלטן, און נישט דארפן אנהייבן נאכאמאל פון אנהייב.
- קומענדיגן מארטש 31, 2014, אויב איר וועט נישט האבן קיין שום אינשורענס דעקונג, וועט די פעדעראלע רעגירונג ארויפלייגן אויף אייך א געלט שטראף, געוואנדן לויט די גרויס פון אייער פאמיליע און אין פארשידענע אומשטענדן. דער שטראף וועט ווערן ארויפגעלייגט דורך די IRS און וועט אויטאמאטיש ווערן גערעכנט אין אייער טעקס ריטוירן.

**ביטע נעמט אין אכט אז דער פרואוו גענצליך איבערצומאכן דעם העלט אינשורענס סיסטעם איז גאר א פארצווייגטער און קאמפליצירטער, מיט אסאך דעטאלן וועלכע טוישן זיך זייער שנעל. מאכט זיכער צו שטיין אויף דער וואך אז איר זענט אלעמאל געדעקט מיט העלט אינשורענס על כל צרה שלא תבא ח"ו.**

# וויכטיגע אינפארמאציע איבער טוישונגען אין מעדיקעיד און העלט אינשורענס ארויסגעשיקט דורכ'ן ווילעדזש קאמיוניטי סאשעל סערוויסעס דעפארטמענט

(פארזעצונג פון זייט 2)

זייטן אינערהאלב אמעריקאנער פאליטיק. די ליבעראלן האבן אלעמאל געטענה'ט אז די פעדעראלע רעגירונג האט א הומאניטארישע פליכט צו פארזיכערן אז יעדער איינציגער בירגער האט גרינגע צוטריט צו גוטע געזונטהייט קעיר, דאגעגן די קאנסערוואטיוון האבן אלעמאל גטזען דערין א 'טריק' פון די פעדעראלע רעגירונג זיך 'ארויפצוצווינגען' אויף די באפעלקערונג, און זייער גאנג איז געווען אז די טעמע געהער פאר יעדע סטעיט באזונדער און די פעדעראלע רעגירונג טאר זיך נישט ארײנמישן דערין.

[פרעזידענט פיערס, וועלכער איז ערוועלט געווארן אלס דעמאקראט אבער איז געווען גענייגט צו די קאנסערוואטיוון, און האט געשפילט א וויכטיגע ראלע אין פירן דאס לאנד צו ווערן צעשפליטערט אין די ציווילע קריג, האט טאקע וועטאאירט דעם 1854 געזעץ מיט די טענה אז געזונטהייט איז א טעמע וואס געהער פאר די שטאטן און נישט פאר די פעדעראלע רעגירונג].

די טעמע איז ווידער אויפגעשווימען אין די 930'ער יארן, דורכאויס די "גרויסע דעפרעסיע" ווען דער ליבעראלער פרעזידענט פרענקלין רוזוועלט איז ערוועלט געווארן צוליב זיין פארשפרעכונג פאר א "ניו דיעל" וואס האט ערפינדן א רייע גרויסע סאציאלע פראגראמען, אבער דער ערשטער פרעזידענט וואס האט פאקטיש ארייגעשטעקט די רעגירונג'ס האנט אין העלט קעיר איז געווען פרעזידענט לינדאן זשאנסאן וועלכער האט אין 965' דורכגעפירט דעם היסטארישן "מעדיקעיר און מעדיקעיד אקט". די ערשטע פראגראמען וועלכע האבן געגעבן א האנט פאר די פעדעראלע רעגירונג צו מישן דעם טאפ אינעם פארצווייגטן העלט קעיר סיסטעם.

אבער פאר די ליבעראלן איז דאס ווייט נישט געווען גענוג. זייער חלום איז צו זען דערצו אז די פעדעראלע רעגירונג מאכט זיכער אז יעדער מענטש אין אמעריקע פארמאגט ביליגע צוטריט צו העלט קעיר דעקונג. במשך די פארלאפענע 50 יאר זינט זשאנסאן'ס איינשטעלן מעדיקעיר און מעדיקעיד האבן זיי געארבעט אומאויפהערליך צו פירן אמעריקע אין דעם ריכטונג.

ווען ביל קלינטאן איז געווארן פרעזידענט אין 993', איז איינע פון זיינע ערשטע אקציעס געווען א פרואוו דורכצופירן זיין קאמפיין פארשפרעכונג פון העלט קעיר רעפארם. פרוי קלינטאן איז געשטאנען אין שפיץ פון די באמיאונגען פאר א נייעם געזעץ, וואס איז אבער אין די ענדע שטארק דורכגעפאלן אדאנק א העפטיגן ווידערשטאנד פון די העלט אינשורענס אינדוסטריע און די רעפובליקאנער.

ענדליך אין 2010 איז געקומען די צייט פאר דורכדרינגליכער העלט קעיר רעפארם, ווען פרעזידענט אבאמא איז ערוועלט געווארן אין 08' אינאיינעם מיט א דעמאקראטישע מאיאריטעט אין קאנגרעס, און א -60סענאטארן "סופער מאיאריטעט" אינעם סענאט, וואס האט צוגעשטעלט א זעלטענע געלעגנהייט פאר אבאמא דורכצופירן עפעס אויף וואס די ליבעראלן קוקן ארויס שוין יארן לאנג אן זיך דארפן רעכענען מיט די רעפובליקאנער קעגנערשאפט.

נאך שווערע פאליטישע צאנקערייען און פארשידענע טוישונגען האט פרעזידענט אבאמא אין מארטש 23, 2010, אונטערגעשריבן דעם "פעישאנט פראטעקשאן און עפארדיבל קעיר אקט", בעסער באקאנט אלס ACA, און ס'ווערט אויך גערופן "אבאמאקעיר".

## העלט אינשורענס אין אמעריקע ווערט דראמאטיש געטוישט

דער נייער העלט קעיר געזעץ האט גאר דראמאטיש געטוישט דעם צוקונפט פון העלט אינשורענס אין מערערע אספעקטן. ס'וועט זיין אוממעגליך אין די קורצע ראמען פון אן ארטיקל ארויסצוברענגען אלע דעטאלן פון א געזעץ וואס איז נאנט צו 11,000 זייטן דיק, און פארמאגט א געשאצטע 11,588,000 ווערטער... מיר וועלן דעריבער בלויז באריירן די הויפט פונקטן פונעם געזעץ, וואס ס'איז נוגע פאר'ן גרעסטן טייל פון די ליינער.

די וויכטיגסטע אספעקטן פונעם געזעץ באציען זיך צו די רעכטן פון אינשורענס פירמעס און אינשורענס געדעקטע. עס פארבאט אינשורענס פירמעס פון אפזאגן קראנקע פאציענטן פון קריגן אינשורענס; עס פארבאט זיי אפצוזאגן קינדער וועלכע געפינען זיך אויף זייער עלטערן'ס אינשורענס פאליסי ביז ווען זיי ווערן 26 יאר אלט; עס נעמט אראפ פארשידענע באגרעניצונגען וואס אינשורענס פירמעס פלעגן ארויפלייגן אויף פאציענטן; אינשורענס מוז באצאלן אלע "פריווענטיוו" העלט קעיר קאסטן; און נאך א רייע רעגולאציעס וואס ווערן ארויפגעלייגט אויף אינשורענס פירמעס.

פון די אנדערע זייט, כדי צו פארגיטיגן פאר אינשורענס פירמעס, האט דער געזעץ ארויפגעלייגט א מאנדאט וועלכער צווינגט יעדן איינציגן אמעריקאנער בירגער צו קויפן העלט אינשורענס דעקונג, און אנגעהויבן פון 2014 און ווייטער וועט עמיצער וואס פארמאגט נישט קיין העלט אינשורענס דארפן צאלן א געוויסן סכום געלט פאר די רעגירונג. דער חשבון איז אז דורכדעם וואס יעדער וועט מוזן קויפן העלט אינשורענס, וועט דאס צוברענגען פרישע 40 ביז 50 מיליאן נייע אינשורענס קויפער, און פרישע מיליאנען פאר די אינשורענס פירמעס.

נאך א בענעפיט פארדינט מען פון דעם מאנדאט, היות ווי מערסטנס מענטשן וועלכע האבן נישט געקויפט קיין אינשורענס זענען געווען געזונטע יונגע מענטשן, וועלכע נוצן בדרך כלל ווייניג העלט קעיר און קאסטן דעריבער גאר ווייניג פאר די אינשורענס פירמעס, קומט אויס אז די פרישע מיליאנען אינשורענס קויפער וועלן זיין די בעסטע 'קונדן' פאר די אינשורענס פירמעס, וויבאלד זיי גייען בעיקר צאלן און ווייניג קאסטן.

אבער דער קייט איז נאך דא נישט פארטיג. וויבאלד די רעגירונג האט יעצט פלוצלונג ארויפגעלייגט אויף יעדן בירגער א פליכט צו קויפן העלט אינשורענס, און אמעריקע איז דאך 'אויסגעצייכנט' מיט אירע גאר הויכע אינשורענס פרימיומס, וועט אויטאמאטיש אויסקומען אז מיליאנען מענטשן וועלן זיך יעצט טרעפן מיט א פרישע הוצאה וואס זיי קענען נישט באצאלן?!

כדי צו לעזן דעם פראבלעם האט דער געזעץ אויך באשלאסן אז די פעדעראלע רעגירונג וועט צושטעלן פינאנציעלע סובסידיעס אז די נידריגערע פארדינער וועלכע האבן נישט גענוג געלט צו קויפן אליין קיין העלט אינשורענס זאלן יעצט באקומען רעגירונג'ס הילף צו קענען באצאלן די טייערע אינשורענס וואס זיי זענען יעצט "געצווינגען" צו קויפן.



VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949

Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

Mayor
Abraham Wieder

Administrator-Clerk
Gedalye Szegedin

Trustees
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

• קאמיוניטי סערוויס דעפארטמענט •

בס"ד

**וויכטיגע אינפארמאציע איבער די נייע "עפארדעבל העלט קעיר אקט" (ACA), מעדיקעיד, אד"ג**

אין די לעצטע מאנאטן איז אריין אין קראפט דער פעדעראלער "עפארדעבל העלט קעיר אקט" (ACA), ווי אויך דער נייער סיסטעם פון "העלטקעיר עקסטשעינזשעס" וואס וועט ערמעגליכן יעדן איינעם צו קויפן העלט אינשורענס אויף אן "עקסטשעינזש" וואו מ'קען טרעפן פארשידענע אינשורענס פלענער צוגעפאסט פאר יעדן לויט זיינע געברויכן, א מארקעט-פלאץ פאר אינשורענס.

**אויב איר האט יעצט העלט אינשורענס, און איר וועט אנהאלטן אייער אינשורענס אויך נאך יאנואר 1, 2014, סיי אויב איר האט פריוואטע אינשורענס באצאלט דורך אייך אדער אייער ארבעט'ס געבער, סיי אויב איר האט רעגירונג'ס באצאלטע אינשורענס ווי מעדיקעיד, מעדיקעיר, טשיילד העלט פלאס, אד"ג, וועט דער נייער געזעץ אייך דערווייל נישט אפעקטירן.**

**אויב איר פארמאגט נישט יעצט קיין העלט אינשורענס, אדער איר וועט פאר סיי וועלכע סיבה פארלירן אייער אינשורענס בעפאר קומענדיגן יאנואר 1, 2014, דארפט איר וויסן די ווייטערדיגע וויכטיגע אינפארמאציע.**

פאלגנד זענען א רייע דעטאלן פון די נייע "עפארדעבל העלט קעיר אקט":

nystateofhealth

גלייכצייטיג, אין נאך א גאר וויכטיגן שריט געצילט צו האלטן אינשורענס פרייזן נידריג און צוגענגליך, האט דער געזעץ אויך אויפגעשטעלט א נייעם רעגירונג-געפירטן "העלט עקסטשעינזש". דאס איז אזא סארט מארקעט פלאץ וואו יעדער וואס וויל קויפן אינשורענס וועט זיך קענען אויסקלויבן פארשידענע סארט אינשורענס פלענער, איינגעטיילט לויט קאטעגאריעס און פירמעס, צו קענען מאכן אן אינפארמירטן אויסוואל לויט וואס איז דאס בעסטע פאר זיין טאש און זיינע מעדיצינישע געברויכן.

ארגינעל איז דער פלאן געווען אז יעדע סטעיט זאל זיך אליין אהערשטעלן דעם עקסטשעינזש, און יעדער זאל קענען קויפן אינשורענס ביי זיין סטעיט'ס עקסטשעינזש. אבער וויבאלד ביי אסאך סטעיטס האבן די רעפובליקאנער גאווערנארס זיך קאטעגאריש אפגעזאגט פון עפענען אזא עקסטשעינזש ביי זייער סטעיט, צוליב פאליטישע און אידעאלאגישע סיבות, האט די אבאמא אדמיניסטראציע געעפנט א פעדעראלער עקסטשעינזש, וואו אלע איינוואוינער פון די העכער 30 שטאטן וועמענ'ס גאווערנארס האבן נישט געעפנט א לאקאלע עקסטשעינזש וועלן קענען דארט קויפן אינשורענס.

דא אין ניו יארק האט גאווערנאר קאומא יא אויפגעשטעלט אן אייגענע העלט עקסטשעינזש בלויז פאר ניו יארק, אזוי אז ניו יארקער איינוואוינער דארפן נישט, און קענען נישט, דורכגיין דעם פעדעראלן העלט קעיר עקסטשעינזש.

נאטורליך, וואס מער געזעצן און רעגולאציעס דער געזעץ פארמאגט, אלס קאמפליצירטער און מער פארצווייגט זענען די קליינע דעטאלן פון יעדע רעגולאציע, און אזוי האט מען זיך געטראפן מיט א געזעץ פון מיליאנען ווערטער וואס האט אויפגעטרייסלט דעם גאנצן פונדאמענט פון העלט קעיר און העלט אינשורענס איבער'ן לאנד, און טוט אפעקטירן יעדן איינציגן פון אמעריקע'ס 311 מיליאן בירגער.

צי וועט די אויפטרייסלונג ברענגען א שינוי לטובה אינעם סיסטעם? ווענד זיך וועמען מ'פרעגט... און בלויז צייט וועט עס קענען באמת ענטפערן.

## קריטיש וויכטיגע אינפארמאציע ארויסגעשיקט דורך ווילעדזש'ס קאמיוניטי סאשעל סערוויסעס דעפארטמענט

אין ליכט פון די פרישע אנטוויקלונגען האט די ווילעדזש קאמיוניטי סאשעל סערוויסעס דעפארטמענט אויסגעארבעט א ספעציעלן פאמפלעט, אויף גאר א לייכטן און געשמאקן פארמאט, מיט די וויכטיגסטע אינפארמאציע פונעם נייעם "עפארדעיבל קעיר אקט" וואס איז נוגע פאר תושבי קרית יואל.

די הויפט פונקטן פונעם בראשור זענען ווי פאלגנד (זעט אויף אן אנדער ארט אין די היינטיגע "הקריה" די גאנצע אינפארמאציע פונעם בראשור):

- אויב איר האט יעצט אינשורענס, און איר וועט האבן אינשורענס דעקונג קומענדיגן יאנואר 1 2014, ווערט איר דערווייל נישט אפעקטירט פונעם געזעץ — סיי אויב די אינשורענס ווערט באצאלט דורך אייך אדער אייער ארבעט'ס געבער, סיי אויב עס ווערט באצאלט דורך מעדיקעיד, מעדיקעיר, אדער אנדערע רעגירונג'ס פראגראמען;
- אויב איר האט נישט יעצט קיין אינשורענס, אדער אפילו אויב איר האט יעצט יא אינשורענס אבער איר וועט עס פארלירן בעפאר קומענדיגן יאנואר 1 2014, דארפט איר וואס שנעלער קויפן אינשורענס;
- אויב איר האט נישט געקויפט קיין אינשורענס ביז קומענדיגן מארטש 31 2014, וועט איר דארפן צאלן א געלט שטראף (געוואנדן לויט וויפיל פאמיליע מיטגלידער האבן נישט קיין אינשורענס דעקונג);
- איר קענט קויפן אינשורענס דורך אייער ארבעטס-געבער אדער פריוואט, אדער דורך ארויפגיין אויף די "עקסטשעינזש" און דארט אויסוועלן א פלאן — אין ניו יארק איז פאראן א באזונדערע "סטעיטעקסטשעינזש" וואס איז נישט פארבינדן מיט די פעדעראלע העלט אינשורענס עקסטשעינזש;
- איר קענט קויפן אינשורענס סיי אליין דורך ארויפגיין אויפ'ן עקסטשעינזש, אדער מאכן אן אפוינטמענט ארויפצוקומען אין ווילעדזש אפיס וואו דער קאמיוניטי סאשעל סערוויסעס דעפארטמענט וועט אייך העלפן זיך איינשרייבן;
- צו אפלייען פאר מעדיקעיד, טשיילד העלט פלאס, אדער אנדערע רעגירונג'ס פראגראמען דארפט איר אויך גיין דורכ'ן עקסטשעינזש;
- סיי ווען איר שרייבט זיך איין פאר העלט קעיר אינשורענס דורכ'ן עקסטשעינדזש וועט איר דארפן פעסטשטעלן אייער יערליכער פארדינסט און דעם גרויס פון אייער פאמיליע. איר קענט אליין ארויפגיין אויפ'ן עקסטשעינזש, אדער מאכן אן אפוינטמענט ארויפצוקומען אין ווילעדזש אפיס וואו מ'וועט אייך העלפן אפלייען דערפאר (זעט אינעם בראשור די פונקטליכע אינפארמאציע וואס איר דארפט וויסן, און די דאקומענטן וואס איר דארפט מיטברענגען, ביים קומען אין ווילעדזש אפיס צו אפלייען);
- אינפארמאציע וואס מ'דארף וויסן בעפאר מען באשליסט צו וועלכע אינשורענס קאטעגאריע/פלאן מ'וויל זיך אנשליסן;
- און נאך א רייע וויכטיגע אינפארמאציע.

דער בראשור וואס איז ארויסגעשיקט געווארן צו אלע תושבי קרית יואל האט געהאט א געוואלדיגן אפקלאנג, און אומצאליגע גריסן זענען צוריקגעקומען צום ווילעדזש אפיס פון דאנקבארע איינוואוינער, פאר וועמען די קריטישע אינפארמאציע האט שטארק ארויסגעהאלפן צו קענען וויסן קלאר וויאזוי מ'דארף אויפנעמען די פרישע אנטוויקלונגען אינעם העלט קעיר סיסטעם און די אינשורענס מארקעט, און וואס יעדער דארף טון פערזענליך צו פארזיכערן אז מ'בלייבט מיט געהעריגע אינשורענס דעקונג על על צרה שלא תבא ח"ו, וואס קען זיך צומאל גרעניצן מיט סכנת נפשות, ה"י.

גלייכצייטיג ווארנט אויך דער קאמיוניטי סאשעל סערוויסעס דעפארטמענט אז צוליב וואס דאס איבערמאכן דעם ריזיגן העלט קעיר סיסטעם אין אמעריקע איז א גאר פארצווייגטע און קאמפליצירטע אונטערנעמונג, דעריבער וועלן זאכן זיך האלטן אין איין טוישן וויניגסטנס אין דער נאנטער צוקונפט, און ס'איז גאר וויכטיג אז יעדער איינוואוינער זאל שטיין אויף דער וואך צו פארזיכערן סיי אז מ'בלייבט מיט געהעריגע העלט אינשורענס, און פונקט אזוי וויכטיג, זיין כסדר אויפמערקזאם אז די דאקטוירים וואס מ'נוצט געווענליך נעמען טאקע אן די סארט אינשורענס פלענער אויף וואס מען איז איינגעשריבן, און אויב עפעס טוישט זיך זאל מען זיין פארזיכטיג צו רעאגירן וואס שנעלער כדי נישט צו בלייבן אן די נויטיגע אינשורענס דעקונג.

אבינו מלכינו שלח רפואה שלימה לחולי עמך.

# בוי־ארבעט פון גיגאנטישן 50,000 פיסיגן אוידיטאריום גאלאפירט פאראויס

(פארזעצונג פון זייט 3)

פארלאנגט זיך קריטיש וויכטיג אז די שולע זאל קענען צושטעלן א פאסיגן ארט פאר די פילצאליגע צוועקן.

היינט צו טאג איז דער איינציגער פלאץ וואס ווערט גענוצט פאר די סארט פארזאמלונגען — ווי צב"ש חנוכה מסיבות, פורים פלעיס, כ"א כסליו, סיום פון א"ב פאר ערשטע קלאס, סיום פון עברי פאר צווייטע קלאס, סיום פון תהלים פאר דריטע קלאס, און אזוי ווייטער כסדר יעדן צווייטן טאג פארשידענע זאכן, וואס פעלט זיך אויס לטובת די תלמידות — בלויז דער זאל פון "בית רחל פאראדייס".

אבער דער פאראדייס זאל איז געבויט געווארן נאנט צו 20 יאר צוריק, און דער 9,000 פיסיגער זאל דינט טעגליך אלס לאנטש-רום, און אויך אלס חתונה-זאל, און אויך פאר די פארשידענע מסיבות, און אויב דאס איז נישט גענוג דאווענען דארט די היי-סקול מיידלעך יעדן אינדערפרי, און בדרך כלל דארף מען אנהייבן אנצוגרייטן דעם פרישטאג נאך ווען די חשוב'ע תלמידות האלטן אינמיטן דאווענען, וואס נאטורליך שטערט דאס גאר שטארק די כוונת התפילה.

שוין אפגערעדט דערפון אז היום יום, ווען די בית רחל איז אויסגעשטיגן צו אן אומגלויבליכע פארנעם פון 160 קלאסן בלעה"ר, איז פשוט אוממעגליך צו מאכן א גרעסערע מסיבה אדער פלעי אד"ג פאר די גאנצע שולע אינעם זאל פון בית רחל פאראדייס, דערצו אויב מ'וויל אויך לאדענען די עלטערן, און ווען עס פעלט זיך אויס איז מען געצווינגען צו גיין אפדינגען דעם "מאנרא-וואודבארי היי סקול אודיטאריום", וואס ציט אריין אין ריזיגע פינאנציעלע קאסטן מיט א שווערן טלטול הנפש פאר די אנפירער און אלע פארזאמלטע.

פאר דעם צוועק האט די אומערמידליכע "לעידיס אקזילערי" פונעם בית רחל ד'קרית יואל, אין שפיץ פון די איבערגעגעבענע הרבנית הצדיקת תליט"א, זיך אריינגעלייגט שוין עטליכע יאר אויפצוקומען מיט די פאסיגע לעזונג אין פארם פון אויפבויען א גיגאנטישן אודיטאריום, וועלכע וועט זיין די זיבעטע "בית רחל" געביידע הארט נעבן די עקזיסטירנדע נעץ פון בית רחל געביידעס, וואס זאל קענען זיין גענוג פאסיג קעגנצוקומען די געברויכן פון אזא ריזיגע מיידל שולע, כראוי וכיאות.

## בוי-ארבעט געלאזט אין שוואונג

פארגאנגענעם חודש סיון תשע"ב העעל"ט האט דער "הקריה" געמאלדן די פרייליכע נייעס אז דער לאנגיאריגער בונה ומקים בנינה של תורה, דער מנצח על מלאכת הקודש פון אלע בוי-ארבעט אין מוסדותינו הק' דא אין קרית יואל, הרה"ח ר' אביגדור הכהן ראזענבערג הי"ו, האט זיך פלייסיג אריינגעווארפן אין די ריזן ארבעט פון אהערשטעלן א גיגאנטישע געביידע וועלכעס זאל קענען דינען אלע געברויכן פונעם בית רחל.

עס זאגט זיך גרינגער ווי געטאן. אנדערש ווי א געווענליכע געביידע וואס ווערט געבויט פון עטליכע שטאק מיט צימערן און זיילן אין די ווענט, דארף אן אודיטאריום זיין געבויט מיט א הויכן דאך אן קיין שום זיילן אינמיטן דעם זאל, וואס פארלאנגט ספעציעלע אינזשענירונג דאס צו קענען אהערשטעלן. עקסטער האט מען געהאט א פראבלעם מיט דעם פלאץ וואס איז אויסגעקליבן געווארן פאר'ן אודיטאריום, וויבאלד עס זענען אונטער דעם דורכגעלאפן גרויסע צענטראלע אפפאלן רערן פונעם קרית יואל'ער סוער סיסטעם, וואס האט געפאדערט א באזונדערע אונטערנעמונג צו פארזיכערן אז די סוער פייפס ווערן נישט געשטערט פון דורכפירן זייער וויכטיגע ארבעט.

אזוי אויך איז געווארן א פראבלעם אז צו בויען די געביידע האט מען געדארפט אריינגראבן אינעם בארג נעבן די מירון גאס, וואו עס זענען געבויט עטליכע גרויסע הייזער פראיעקטן, און דאס האט געצווינגען צו בויען א שטארקן "ריטעינער וואנט", גענוי אויסגערעכנט, אז דער בארג זאל בלייבן שטיין פעסט מיט די הייזער פון אויבן אן קיין שום חשש חלילה.

אין די איצטיגע טעג, בעת דער "הקריה" גייט צום דרוק, איז געקומען די גוטע נייעס אז די שטארקע ריזיגע "ריטעינער וואנט" פון 20 פיס הויך איז נאך א לאנגע ארבעט קאמפלעט פארטיג געווארן, וואס האט אויך ערמעגליכט צו לאזן גיסן אויף יענעם ארט די "פוטינג" און דעם פונדאמענט, און בע"ה אין די קומענדיגע וואכן רוקט מען זיך ווייטער פאראויס מיט די ארבעט אין פולן גאלאפ.

## גראנדיעזע פלענער פאר 50,000 פיסיגע געביידע - שמחות בבית כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

לויט'ן פלאן וועט די גיגאנטישע געביידע באשטיין פון 50,000 סקוועער פוס. דערפון וועט אזויפיל ווי 35,000 סקוועער פוס ווערן גענוצט פאר איין ריזיגן אודיטאריום, גענוג פאסיג פאר גרויסע פלעיס וואס אלע טויזנטער בית רחל תלמידות זאלן קענען מיטהאלטן, אינאיינעם מיט די חשוב'ע עלטערן שיחיו. אזוי אויך וועלן דארט קענען געפראוועט ווערן די שמחות בבית כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א (די מענער וועלן זיך געפינען אינעם אודיטאריום, און די פרויען וועלן זיין אינעם זאל פון בית רחל פאראדייס) און פארשידענע מאורעות ומסיבות בקרב קהלתינו הק'. ווי אויך וועט דאס באנוצט ווערן אלס חתונה זאל פאר די שמחות בבית אנשי שלומינו.

עס ווערט געפלאנט צו לאזן אויפבויען אינעם גרויסן אודיטאריום פערמאנענטע "פארענטשעס" פון אזויפיל ווי 22 שטאק הויך, אויף דריי זייטן פונעם זאל. אויף די פערטע זייט וועט זיין אריינגעבויט א פערמאנאנטע בינע (סטעידזש) פון 5 פיס הויך, קאמפלעט מיט אריינגעבויטע לייטינג, א גענייטער סאונד סיסטעם, א מעכאניזירטער סיסטעם ארויפצוציען די דעקאָראַציעס (סינעריס) און אלע אנדערע נויטיגע צוגעהערן וואס קענען זיך אויספעלן. די פארענטשעס וועלן האבן פלאץ פאר מער ווי 3,000 מענטשן אדער קינדער צו שטיין/זיצן דערויף, און אויסערדעם וועט נאך זיין גענוג פלאץ אונטן אראפצולייגן בענקלעך פאר עלטערן אין פאל פון א פלעי, אדער סיי וועלכן אנדערן באנוץ עס וועט זיך אויספעלן.

זעלבסטפארשטענדליך אז דער אודיטאריום ווערט אויסגעארבעט מיט עקספערטן צו פארמאגן דעם ריכטיגן אקוסטישן אפקלאנג צו קענען אהערשטעלן א ריכטיגע פראפעסיאנאלע ערפארונג ביי די מסיבות, פלעיס, אד"ג וועלכע וועלן דארט ווערן אפגעראכטן אין די קומענדיגע יארן הבעל"ט.

א שטארקע מעלה האט אויך דער פלאץ פונעם אודיטאריום אז מ'קען צוקומען דערצו פון אלע 4 זייטן, סיי דורך די גאסן פון מירון, קאהאן דרייוו, דראהביטש, פראג, ישראל זופניק, אא"וו, וואס וועט ערלויבן גענוג צוטריט צום בנין אויך ווען עס וועלן קומען שטראמען פון טויזנטער מענטשן אהין.

נאך א שטארקער בענעפיט וואס מ'וועט פארדינען פון דעם אודיטאריום וועט זיין די מעגליכקייט צו קענען אהערשטעלן מיט דער פולער רחבות דעם יערליכן גרויסארטיגן "דינער" פון מוסדותינו הקדושים, וואס ס'איז נישט קיין סוד אז דער איצטיגער פלאץ אין בית רחל פאראדייס איז שוין לאנג אויסגעוואקסן דעם ריזיגן וואוקס פון די שטאט בלעה"ר, און אויב 10 יאר צוריק האט מען שוין גענצליך אנגעפולט דעם זאל בשעת'ן דינער, איז אין די לעצטערע יארן געווארן אן אבנארמאלער ענגשאפט צוליב דעם ריבוי העם בלעה"ר, וואס שטערט פאר די הנהלת המוסדות פון קענען אויפנעמען אלע חשוב'ע הורי התלמידים מיט דעם פאסיגן כבוד הראוי.

דער נייער אודיטאריום וועט צושטעלן בע"ה א פלאץ וואס וועט זיין קנאפע פיר מאל אזוי גרויס ווי דער פאראדייס זאל, מיט שטוינענדע מעגליכקייטן צו אקאמאדירן אלע חשוב'ע עלטערן, והכל על מקומו יבא בשלום, וואס וועט נאטורליך ערלויבן נאכמער אויפצוארבעטן דעם דינער צו די העכסטע מאס, לשמחת לב פון אלע עלטערן פון די מוסדות הקדושים.

## ארבעט גאלאפירט פאראויס אדאנק די "לעידיס אקזילערי", אין שפיץ פון הרבנית הצדיקת תליט"א

אויסער דעם ריזיגן אודיטאריום וועלן אויך אויפגעבויט ווערן 2 קלענערע אודיטאריום'ס, און באזונדער א גרויסער 6,000 פיסיגער לאנטש-רום און א גרויסער קיך. דאס וועט ערמעגליכן אז מ'זאל קענען אויך אפרעכטן קלענערע מסיבות ווען ס'וועט זיך אויספעלן, ווי צב"ש ווען איין קלאס אדער יארגאנג מאכט א פלעי פאר א צאל עלטערן אדער פאר עטליכע אנדערע קלאסן. אזוי אויך וועלן די היי-סקול מיידלעך דארט האבן א געהעריגן פלאץ צו דאווענען בכוונה אן ווערן געשטערט פון זייטיגע זאכן.

באזונדער ווערט ערנסט באטראכט א פלאן אויפצובויען א טונעל צווישן "בית רחל — בנין מארקאוויטש" און דער אודיטאריום, וויבאלד דארט איז נישטא קיין געהעריגער גרויסער לאנטש-רום, זאלן די מיידלעך פון יענעם בנין קענען אריבערקומען צום לאנטש-רום אינעם אודיטאריום פאר א רחבות'דיגע לופטיגע עס-זאל.

אינצווישן ווערט די ארבעט פארגעזעצט אין די גרעסטע שנעלקייט וואס מעגליך, און אויך אין די איצטיגע ווינטער טעג ווען ס'איז שווערער צו ארבעטן זעצט מען פאר אן אויפהער, מיט'ן פולן באוואוסטזיין איבער די קריטישע וויכטיגקייט וואס פעלט זיך אויס אזא אודיטאריום.

די ארבעט ווערט באגלייט דורך די געטרייע עסקניות פון די "לעידיס אקזילערי" אין שפיץ פון די רעבעצין תליט"א, וועלכע זענען אריינגעלייגט ראשם ורובם אין פארזיכערן אז די ארבעט גאלאפירט פאראויס, און מ'זאל קענען בקרוב זוכה זיין צו מאכן דעם שהחיינו אויף דעם גיגאנטישן בנין, צו די אויסטערלישע פרייד פון אלע חשוב'ע תלמידות און די עלטערן שיחיו.



1הויכע 20 פיסיגע ריטעינער וואנט שוין פארטיג. מערקט ווי מ'האט שוין אנגעהויבן לייגן די "פוטינג"

# ארום קרית יואל

די העפטיגע רענאוואציעס איבערצומאכן די ראודס, טיילווייז אדער גענצליך, אויף א רייע צענטראלע גאסן אין קרית יואל









די ווילדזש ארבעטער ביים ווינקל פון פארעסט און מאונטן ראוד, פארבן איבער די "קראסוואלקס", וואס ערמעגליכט פיסגייער דורכצוגיין אינמיטן דעם טראפיק



ערבך ערבא צריך... ווען ס'שנייט איז גליטשיג, און אפילו דער שניי-שארער טרעקל וואס האלט אינמיטן פוצן די אייז איז אויך נישט פארזיכערט זיך נישט איבערצודרייען

# EZRAS CHOILIM HEALTH CENTER

49 Forest Road • Monroe, NY 10950 • ***Tel.*** 845.782.3242 • ***Fax:*** 845.783.7133

***Chairman***
Abraham Wieder

***Board of Directors***
Moses Goldstein
Martin Schlesinger
Israel Sofer
Chaim N. Werczberger
Chaim N. Weinstock
Pinchas Kish
Ronald J. Cohen
N. R. Weiss
E. Srugo
E. Rubinstein

***Executive Director***
Joel Mittelman

בס"ד

# המקום ינחם אתכם

מיר טוען אויסדריקן אונזערע טיפע טרייסט ווינטשן צו אונזער אויסגערופענער לאנגיאריגער דאקטאר, וועלכער באדינט אונזערע טויזנטער פאציענטן אזוי געטריי און איבערגעגעבן מיט די בעסטע סערוויס במשך די פארלאפענע 19 יאר אינעם עזרת חולים, כולם שוין לטובה, שטייענדיג אין שפיץ פון אונזער פארצווייגטע "דענטאל" אפטיילונג, ה"ה

## דר. ר' צבי [הירש] זיגלער הי"ו

## Hirsch Ziegler, DDS

### Director of Dentistry

## המתאבל מרה על פטירת אמו החשובה ע"ה

אין נאמען פון אונזערע טויזנטער פאציענטן וועלכע געניסן כסדר פון זיין לב טוב און מעשי חסד דורך זיין געטרייע און פראפעסיאנאלע באהאנדלונג, ווינטשן מיר פאר'ן דאקטאר ומשפחתו החשובה הי"ו אז זיי זאלן מער קיינמאל נישט וויסן פון קיין צער און עגמת נפש, און בקרוב זאלן מיר שוין זוכה זיין אלע איניינעם ארויפצוציגיין קיין ירושלים מיט משיח צדקינו, ובלע המות לנצח ומחה ה' דמעה מעל כל פנים, ונאמר אמן.

## תהא נשמתה צרורה בצרור החיים

וי"ע ווינטשט

## הנהלת עזרת חולים



DESIGN & PRINT / 845.782.3382

# פלייסיגע ארבעט ביי בנין תלמוד תורה החדש גייט אן אין פולן שוואונג



ביים לייגן די 4 אינטשיגע אינסולאציע אויפ'ן ריזיגן דאך פונעם בנין הת"ת



ביים באשמירן דעם דאך



מ'ארבעט אינעווייניג אינעם בנין הת"ת, וואו מ'וועט אנהייבן ציען פלאמבינג און עלעקטריציטעט אין די קומענדיגע וואכן בע"ה



די ארבעטער הייבן אן לייגן די פראכטפולע ציגל לפאר ולרומם בית ד'





# היסטארישע ״אנעקסעישאן אפליקאציע״ אריינצונעמען פרישע 800 אקער-לאנד אין קרית יואל אריינגעגעבן געווארן

(פארזעצונג פון זייט 1)

ווען דער ווילעדזש האט פילפאכיג פארברייטערט אירע גרעניצען, און אזוי ארום ערמעגליכט אז קרית יואל זאל קענען וואקסן צו די גרויסקייט בליעה״ר אין וועלכע די שטאט געפונט זיך היינט.

די פארגאנגענע פאר יאר האט די געטרייע הנהלת הקריה איינגעזעהן, אז די שטאט טוט זיך שוין אט דערנענטערן צו א מצב ווען די גרעניצן וועלן ווערן אויסגעוואקסן, און אויב וועט נישט אונטערגענומען ווערן קיין שריט צו פארברייטערן די ווילעדזש גרעניצן, קען דאס באדייטן אז דער בליה און וואוקס פון די הייליגע שטאט זאל קומען צו א שטיל-שטאנד חלילה וחס, נאכדעם וואס די שטחים ארום קרית יואל געפונען זיך אין זאונינג גרעניצן וואו די בוי-געזעצן זענען בכלל נישט גונסטיג פאר די געברויכן פון קרית יואל, אזוי אויך זענען נישט פארהאן קיין רעגירונגס געפירטע וואסער סיסטעם, און אנדערע שליסל סערוויסעס צו קענען אנטוויקלען די שטחים פאר נויטיגן געברויך.

בלויז צו אילוסטרירען דעם צוקונפטיגען געברויך אין ציפערן, איז גענוג אנצוצייגן דער מספר פון מיידלעך היינט צוטאגס תשע״ד אין קרית יואל, פון ניי-געבוירענע מיידלעך ביז צו די חתונה, שטייט עס היינט ביי ביילייפיג 8,000 בליעה״ר כ״י, דאס מיינט אז אין בלויז די קומענדיגע אכצן יאר הבעל״ט, וועט אויספעלן אין קרית יואל א סך הכל פון אכט טויזנט דירות, און דאס נעמט נישט אריין די צאל משפחות וועלכע ציען זיך יערליך ארויס קיין קרית יואל פון אויסער די שטאט.

דערויף האט די הנהלת הקריה זיך אריינגעלייגט אינעם פארצווייגטען פראצעדור וואס איז באקאנט מיט איר צויבער-נאמען ״אנעקסעישאן״, וואס אין בוכשטעבליכען זין פון ווארט טוט דאס באדייטן אז דער ווילעדזש וועט אנעקסירן און אריינעמען פרישע שטחים אין אירע גרעניצען, וואס די נייע שטחים וועלן פון נאכן אנעקסעישאן באקומען די זעלבע סטאטוס וואו די ביז יעצטיגע שטחים וואס קרית יואל פארמאגט, און אזוי ארום וועט דאס ערמעגליכען דעם צוקונפטיגען נאטורליכען וואוקס בעזהשי״ת, פון די קומענדיגע יארן.

יעדע אנעקסירונג פראצעדור נעמט שטענדיג אריין דריי הויפט שפילערס; די מוניציפאליטעט פון וואו די שטחים גייען ארויס (אין דעם פאל טאון אוו מאנרא און ווילידזש אוו וואודבארי), דער שטח אייגנטומער (דער ׳אפליקאנט׳), און די מוניציפאליטעט צו וועלכע דאס לאנד ווערט אנעקסירט (און אונזער פאל, דער ׳ווילידזש פון קרית יואל׳), דער אפליקאנט גיט אריין זיין פארלאנג צו די צוויי אנדערע צדדים, וועלכע ברויכן דאס באשטעטיגן.

דער ״וועד הקריה״ האט דאן פארמירט א פארבאנד פון לאנד-אייגנטומער אינדרויסן פון קרית יואל, וועלכע האבן אן אינטערעסע אריינצוקומען אינעם ווילעדזש, צו ארבייטן אונטער א געמיינזאמער אפליקאציע, און אזוי ארום האט מען אנגעהויבן אויסצוארבייטן אן ״אנעקסעישאן מאפע״, ווען מען איז געזעצן מיט יעדן לאנד אייגנטומער באזונדער און אדורכגעגאנגען מיט זיי די פארשידענע דעטאלן און פארפליכטונגען וואס קומט מיט מיט די אנעקסעישאן פראצעדור.

*

און אזוי האט זיך אנגעהויבן צו אנטוויקלען דער היסטארישער שריט, ווען בלויז דאס צווייטע מאל אין די פערציג יעריגע היסטאריע פון קרית יואל, וועלן די גרעניצן פון די שטאט בעז״ה ווערן פארברייטערט. ווי נאר די מאפע איז געווארן גרייט, אריינעמענדיג אין זיך אזויפיל ווי אכט הונדערט אקער-לאנד, זענען אנגאזשירט געווארן געניטע אדוואקאטן און עקספערטן צו באטראכטן דעם אפליקאציע און די פארגעשריבענע מאפע, זיכער צו מאכן אז אלעס איז אויסגעהאלטן לויט די סטעיט פארשריפטן און געזעצן.

אין לויף פון די פארגאנגענע חדשים האבן די מומחים גענויטליך אדורכגעטאן די אפליקאציע, און גרונטליך איבערגעגאנגען די מאפעס, ווען די עקספערטן מאכן פארשידענע רעקאמענדאציעס און צייכענען אן גענויסע קאמענטארן וואס ברויך גענומען ווערן אין באטראכט, איידער דער פראצעדור גייט אריבער צום קומענדיגען שטאפל.

בחסדי השם איז היינטיגן פרייטאג עש״ק פ׳ וארא, דער פראצעדור געגאנגען פאראויס ווען דער ״אנעקסעישאן אפליקאציע״ איז אריינגעגעבן געווארן דורך די לאנד אייגנטומער צום טאון באורד פונעם טאון אוו מאנרא, און דערויף די באזונדערע אפליקאציע צום ווילידזש אוו וואודבארי, און גלייכצייטיג אויך צום קרית יואל ווילעדזש באורד, צו פארלאנגען זייער באשטעטיגונג אז די דערמאנטע אכט הונדערט אקער-לאנד זאל ווערן אנעקסירט פונעם טאון צום ווילעדזש.

לויטן געשאצטן פראצעדור, אויב וועלן נישט אונטערקומען קיין אומפאראויסגעזעענע שטרויכלונגען, קען געדויערן צווישן זעקס ביז ניין חדשים, ביז ווען די טאון און ווילידזש זאלן ענדגילטיג באשטעטיגען דעם אנעקסעישאן, וואס דאן וועלן די אנגעצייכנטע שטחים אפיציעל אריבערגעשריבן ווערן צו די גרעניצן פון קרית יואל בעזהשי״ת.

די פארגעשריבענע מאפע נעמט אריין שטחים פון עטליכע פונקטן ארום די גרעניצן פון קרית יואל, אנגעהויבן ביים קאונטי ראוד 105 און ביים ווינקל פון בעיקערטאון און עיקרס ראוד, וואו די שטחים פונעם גיגאנטישען ״עיס פארם״ באדן וועלכע גרעניצט זיך מיט די יעצטיגע שכונת ברך משה וועלן אי״ה אריינגענומען ווערן אין קרית יואל (טייל שטחים געפונען זיך אויף טאון אוו מאנרא לאנד, און טייל שטחים זענען אין די ווילידזש אוו וואודבורי גרעניצן).

קרית יואל וועט זיך אויך פארברייטערן לענגאויס עיקערס ראוד, ווען די זייטיגע באדנס אנגעהויבן פון בעיקרטאון ראוד, ביז צו לעמבערג און פארעסט ראוד, זענען אנגעצייכנט אויף די ״אנעקסעישאן מאפעס״, און דאס גייט ווייטער אויף מאונטען ראוד פון פארעסט ביז אקעגן איבער טעיטש און ארויף ביז צו די חברון און ראוונע גאסן, ווען די נייע הייזער וועלכע ווערן געבויעט אלס טייל פון די ״ווינטעדזש וויסטע״ פראיעקט, וועלן אריינגענומען ווערן אין קרית יואל.

די צוגעלייגטע שטחים ציען זיך ווייטער אויף די לינקע זייט פון די מאפע אויף קאונטי ראוד 44, וואו פילע אקער-לאנד וועלן ווערן אנעקסירט צו ווערן א טייל פון קרית יואל.

און אזוי אויך אויף ביידע זייטן פון סעווען ספרינגס ראוד אונטער שכונת עצי תמרים און אראפ ביז צום ״ראפשיץ געגנט״, וועלכע נעמט אריין די גאסן; מאונטענוויו, איירין, טאובי פלעיס און רעיוואוד דרייוו, ביז צוריק אין קרית יואל אויף סקאנעמאנק ראוד ביים שטח פונעם בית החיים דקהלתינו, און אויף פארעסט ביים קארנער פון ד. א. ווידער בלווד.

ווי דערמאנט איז די רעדע פון א ריזיגע שריט אין די היסטאריע פון קרית יואל, וועלכע ווערט אונטערגענומען דורך די געטרייע הנהלת הקריה, בהסכמתו ובברכת קדשו פון כ״ק רבינו שליט״א דער מרא דאתרא פון די הייליגע שטאט, אונטער וועמענס רוחניות׳דיגע סמכות וועלן די ביז יעצטיגע ״גלילות קרית יואל״ ווערן אנטייל פון ״קרית יואל המורחבת״ בעזהשי״ת.

לויט פארשידענע שאצונגען קענען די צוגעלייגטע שטחים אריינעמען אין זיך פילע טויזנטער נייע מעגליכקייטן פאר דירות, וואס אין אנדערע ווערטער טוט דאס באדייטן, אז די נייע שטחים וועלן ערמעגליכען צו פארדאפלען די היינטיגע ציפערן פון משפחות וואס וואוינען אין קרית יואל, וועלכע געפונט זיך היינט צוטאגס אויף א שטח פון ביילייפיג זיבן הונדערט אקער-לאנד, זינט די פריערדיגע אנעקסעישאן בשנת תשמ״ג.

*

עס איז געוויס א בשורה טובה פאר אלע תושבי קרית יואל, און תלמידי וחסידי סאטמאר פון איבער די גאנצע וועלט, צו הערן אז דער הייליגער סאטמארער שטעטל וואס מרן רבינו הקוה״ט זי״ע האט מייסד געווען בשארית כוחותיו, און געשטעלט אלס א יסוד מוסד פארן עקזיסטענץ פון דאס פשרה-לאזע אידישקייט על אדמת אמעריקא ביז משיח׳ס טאג, אז ערליכע אידן זאלן האבן אן אייגענעם ווינקל אפגעזונדערט פון די גוי׳אישע גאסן, צו קענען מגדל זיין דורות ישרים, אויפן דרך המסורה לנו מאז ומתמיד.

דער זעלבער הייליגער שטאט פאר וועלכע מרן רביה״ק בעל ברך משה זי״ע האט אוועקגעגעבן מדם לבבו הטהור אז דאס זאל חלילה נישט גיין לטמיון, ווען ער האט שטענדיג געמוטיגט און געמאנט פון די הנהלת הקהלה והקריה צו זעהן און צו טון, אז דער וואוקס און בליה פון די שטאט, זאל אנגיין מיט א שטענדיגער גאלאפ, זאגנדיג אז דאס איז זיכער דער גרעסטער נחת רוח בגנזי מרומים וואס ער קען פארשאפן פאר רביה״ק זי״ע.

אט די זעלבע שטאט וועלכע האט די זכיה אז כ״ק רבינו הגה״ק שליט״א זאל שטיין אין שפיץ אלס דער מרא דאתרא פאר אזויפיל יארן, וועט יעצט שפאנען מיט א ריזיגע טריט פאראויס, ווען פרישע טויזנטער משפחות וועלן טרעפן אן ארט אויפצושטעלן בתים נאמנים לה׳ ולתורתו הקדושה, תחת דגלו והדרכתו.

עס בלייבט איבער מתפלל צו זיין און וואונטשען א ברכה, יה״ר שתשרה שכינה במעשי ידיהם, דער אייבירשטער זאל העלפן אז עס זאל נישט אונטערקומען קיין שום מכשול ותקלה, און בקרוב זאל מיר טאקע קענען מעלדן די נייעס אז ״כי עתה הרחיב ה׳ לנו ופרינו בארץ״, בהרחבת גבולי הקדושה.



# EZRAS CHOILIM HEALTH CENTER

49 Forest Road • Monroe, NY 10950 • **Tel.** 845.782.3242 • **Fax:** 845.783.7133

***Chairman***
Abraham Wieder

***Board of Directors***
Moses Goldstein
Martin Schlesinger
Israel Sofer
Chaim N. Werczberger
Chaim N. Weinstock
Pinchas Kish
Ronald J. Cohen
N. R. Weiss
E. Srugo
E. Rubinstein

***Executive Director***
Joel Mittelman

DESIGN & PRINT / 845.782.3382



# היסטארישער פארשריט פון "פידיעטריקס מעדיצין" אין קרית יואל גאלאפירט פאראויס יעדן איינציגן טאג

(פארזעצונג פון זייט 3)

בארימטן דאקטאר ר' אליעזר פראומער הי"ו, פון "וויליאמסבורג פידיעטריקס" אונטער דר. זעגלבוים הי"ו, וועלכער איז אריין אין אמט אלס פול-טיים דאקטאר אין די פידיעטריקס אפטיילונג פון עזרת חולים.

דער נייער דר. פראומער הי"ו האטווירקליך אנגעהויבן אויפצונעמען פאציענטן אנהייב דעם פארגאנגענעם חודש חשון העעל"ט, און אין די קורצע צייט זינט דאן האט זיך שוין ארויסגעשטעלט אז בסיעתא דשמיא איז דאס געווען אן אויסטערליש געלונגענער אויסוואל, ווען די געוואלדיגע גריסן פון די צופרידענע פאציענטן זאגן פאר אז דער דאקטאר וועט בע"ה זיין א קריטישער באשטאנדטייל פון די פארברייטערטע "פידיעטריקס קעיר" אפטיילונג, אונטער די געניטע פירערשאפט פונעם "פידיעטריקס דירעקטאר" דער בארימטער דר. ר' אברהם פאלינזשער הי"ו, וואס וועט הייבן דעם ניווא פון קינדער מעדיצין אין קרית יואל צו א שטאפל וואס די שטאט האט נאכנישט געזען, צו העלפן האלטן אונזערע טייערע קינדערלעך שיחיו געזונט און שטארק לעבודת הבורא לויט די העכסטע מעגליכקייטן פון א בשר ודם אין די היינטיגע פארגעשריטענע מעדיצינישע וועלט.

אין באזונדערע נייעס איז אויפגענומען געווארן מיט פרייד די בשורה טובה, אז צוליב דעם אומגעהויערן פארלאנג האט עזרת חולים באשלאסן איינצושטעלן א נייעם סערוויס צו עפענען די פידיעטריקס אפטיילונג יעדן מאנטאג, מיטוואך, און דאנערשטאג אנגעהויבן פון 8 אזייגער אינדערפרי, וואס וועט ערלויבן אנצונעמען מער פאציענטן, ווי אויך צו אקאמאדירן די געברויכן פון די קינדער וועלכע דארפן גיין אין חדר/שולע, ספעציעל די בחורים וועלכע גייען שוין גאר פרי אין די ישיבות, און דורכ'ן קענען פריער גיין צום דאקטאר וועט מען קענען אנהייבן דעם טאג געהעריג אן צו דארפן פעלן אומזיסט פון די הייליגע לימודים.

עס איז אבער וויכטיג צו זיין אויפמערקזאם אז מ'וועט נישט קענען מאכן קיין אפוינטמענטס פאר די דאזיגע שעה צווישן 8 און 9 צופרי, און די דאזיגע צייט איז באשטימט אויסשליסליך פאר "וואלק-אינס", אויב עמיצער דארף פלוצלונג אנקומען צום דאקטאר, אדער צו מאכן א קאלטשור, אד"ג, וועט ער קענען אריינשפאצירן אינעם צענטער און זיין אינדרויסן ביז א קורצע צייט.

גלייכצייטיג מוז מען אויך האלטן פאר די אויגן אז די דאזיגע צייט איז באשטימט אויסשליסליך נאר פאר לייכטע אפוינטמענטס פון פאציענטן וועלכע ווילן גיין אריין און ארויס פאר קלענערע פראבלעמען, און בלויז פאר עמיצן וואס שפירט זיך נישט גוט. כראנישע פאציענטן מיט ערנסטע פראבלעמען, און/אדער פאציענטן וועלכע דארפן זען דעם דאקטאר אפט, אזוי אויך די וואס דארף קומען פאר א "Well visit", זאלן נישט אויסנוצן די דאזיגע פריע שעה נאר באשטימען אן אפוינטמענט אין די געהעריגע צייטן אזויווי ביז היינט.

מחיל אל חיל.



ערשטער "סעמפל צימער" שוין אנגעהויבן אויסצושטעלן, צו קענען אויסארבעטן די לעצטע דעטאלן צום פארענדיגן דעם שטאק



א בליק אין די כמעט-פארטיגע קארידארן פונעם נייעם שטאק



איינע פון די "נוירס סטאנציעס" אינמיטן פארענדיגט ווערן


געטרייע עלטערן!

האט רחמנות אויף אייערע קליינע קינדערלעך, און מאכט זיכער אז זיי גייען אין די טונקעלע שעה'ן, מיט

רעפלעקטארס!!!

*אויב ח"ו עס פאסירט אן אומגליק, השם ישמרנו, וואס וועט מען ענטפערן אויף די ציפעדיגע פראגע:*

"פארוואס האט איר נישט אנגעהאט ביינאכט קיין רעפלעקטאר"???

# EZRAS CHOILIM HEALTH CENTER

49 Forest Road • Monroe, NY 10950 • *Tel.* 845.782.3242 • *Fax:* 845.783.7133



***Chairman***
Abraham Wieder

***Board of Directors***
Moses Goldstein
Martin Schlesinger
Israel Sofer
Chaim N. Werczberger
Chaim N. Weinstock
Pinchas Kish
Ronald J. Cohen
N. R. Weiss
E. Srugo
E. Rubinstein

***Executive Director***
Joel Mittelman

DESIGN & PRINT / 845.782.3382


בס"ד

# מזלא טבא וגדיא יאה

**מ**זל טוב פון טיפן הארצן ווילן מיר אויסדריקן אין דער זמן פון שמחה
**א**ונזערע הערצליכע ווינטשן ארויסברענגען פאר'ן יחיד מומחה
**י**ארן לאנג וואס ער העלפט ארויס אידישע קינדער אין צייט פון קלעם
**ר**גל ישרה רגליהם, שטעלט זיינע פאציענטן 'אויף די פיס' אויפ'ן בעסטן פארנעם

## ה"ה דער איבערגעגעבענער און געניטער טעראפיסט

# ר' מאיר רייז הי"ו

# Mayer Reiz, OT

Occupational Therapist

## לרגל הולדת בתו שיחי' לסימן ולמזל טוב



פון טיפן הארצן ווינטשן מיר אים א ברכת מזל טוב. השי"ת
זאל אים געבן כח און געזונט אויף לאנגע יארן צו קענען
ווייטער געטריי באדינען אויף דעם זעלבן פארנעם תושבי
קרית יואל, און ווייטער אנהאלטן דעם כתר שם טוב וואס ער
האט זיך ערווארבן. ויהא רעוא אז ער זאל זען רב ברכות ושובע
שמחות - אינאיינעם מיט די ב"ב שתחי' - און זוכה זיין צו דורות
ישרים ומבורכים מיט הרחבת הדעת וכל טוב. עד כי יבא שילה בב"א

המאחלים ברכה מעומק לבינו,
בשם כל תושבי עירינו

# הנהלת עזרת חולים

# שטארקער סוקסעס פון די פארלאפענע ״נאוועמבער וואלן״ אין אראנדזש קאונטי ווערט אפיציעל באשטעטיגט דורך די ״באורד אוו עלעקשאנס״״

(פארזעצונג פון זייט 5)

אויסצוטיילן צרות פאר קרית יואל׳ער איינוואוינער.

אויב אין נאכט פון די וואלן האט אויסגעקוקט אז די קרית יואל׳ער פריינט אין די טאון רעגירונג האבן שטארק געזיגט אין זייערע פארמעסטן, האט מען אבער ביים אפציילן שפעטער אויך די פאפירענע שטימען — סיי פון עבסענטי בעלאטס וואס זענען אריינגעגעבן געווארן בעפאר די וואלן און סיי פון עמערזשענסי בעלאטס וועלכע זענען אפגעגעבן געווארן אין טאג פון די וואלן ביי די שטים-פלעצער וועלכע זענען אויסגעלאפן פון די פון-פאראויס צוגעגרייטע בעלאטס — געזען אז די העצערייען האבן ארויסגעברענגט אן אומגלויבליך-הויכע צאל שטימען פון די אנגערייצטע טאון איינוואוינער, און זיי זענען געקומען היפש נאנט אריינצוברענגען אזעלכע קאנדידאטן וועלכע האבן געהאט דעם בלויזן ציל פון אנטון ציפקע צרות פאר קרית יואל.

די ענדגילטיגע רעזולטאטן, וועלכע זענען שוין געמאלדן געווארן דורך אנ״ש, ווייזן אז די העצערישע פאליטישאנס ביי די יונייטעד מאנרא פארטיי האבן אנגעצויגן אזויפיל ווי 5,996 שטימען, ביים טאון סופערווייזער פארמעסט, קעגן 6,790 שטימען וועלכע זענען געגאנגען פאר די קרית יואל׳ער פריינט, וואס דערפון זענען 372 שטימען געקומען פון אויסער קרית יואל.

אויך ביים אנדערן הויפט פארמעסט פאר׳ן הויכן אמט פון קאונטי עקזעקוטיוו האט זיך געשפירט דער פאראייניגטער כח הרבים פון די אחריות׳דיגע תושבי קרית יואל.

ווי באקאנט איז דער פארמעסט פאר קאונטי עקזעקוטיוו געווען גאר וויכטיג וויבאלד ס׳איז געווען אן אפענער פארמעסט נאך וואס דער אמטירנדער קאונטי עקזעקוטיוו האט באשלאסן נישט צו לויפן נאכאמאל פאר די פאזיציע, און דער זיגער אינעם אפענעם פארמעסט האט געווענליך שטארקע אויסזיכטן צו בלייבן אין דעם אמט פאר לאנגע יארן.

אין דיענדע האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער רעפובליקאנער קאנדידאט סטיווען ניוהאוז האט באקומען 39,484 שטימען, און זיין קעגנער די העצערישע ראקסעין דאנערי האט אנגעצויגן 30,680 שטימען. דערפון האט ניוהאוז באקומען 6,469 שטימען אין קרית יואל!

אין אנדערע ווערטער, בלויז אדאנק וואס קרית יואל האט געשטימט פאר דעם רעפובליקאנער קאנדידאט האט יענער געווינען, און אויב קרית יואל וואלט געגאנגען פאר זיין קעגנער וואלט זי גרינג געווינען די וואלן מיט א שמיץ אריבער.

ביי די פארמעסטן אינערהאלב קרית יואל האט זיך באזונדער ארויסגעשטעלט דער גאר שטארקער כח פונעם ״קרית יואל בלאק וואוט״, ווען די אנ״ש אינדארסירטע קאנדידאטן האבן אנגעצויגן מיט א גאר שטארקע 66% מערהייט אויך ביי די קאנדידאטן וועלכע זענען אינדארסירט געווארן בלויז דורך אנ״ש. ביים סטעיט סופרים קאורט ריכטער פארמעסט האט ריכטער מארק דילאן אנגעצויגן 4,209 שטימען אין קרית יואל זעלבסט, קעגן 2,196 פון קרית יואל׳ער ווילער וועלכע האבן געשטימט פאר ריכטער מעלאון. אזוי אויך ביים פארמעסט פאר קאונטי קלוירק האט די אנ״ש אינדארסירטע ען רעביט אנגעצויגן 4,250 שטימען קעגן 2,201 פאר מאלקווין. וואס קומט אויס גאר א שטארקע איבערהאנט פון אריבער 2,000 שטימען פאר די אנ״ש אינדארסירטע קאנדידאטן. די אנ״ש אינדארסירטע קאנדידאטן האבן געזיגט אין זייערע פארמעסטן.

אויך ביי די 2 קאונטי לעגיסלאטור פארמעסטן האבן די קאנדידאטן וואס זענען אינדארסירט געווארן בלויז דורך אנ״ש ד׳קרית יואל געווינען די וואלן. מייקל עימאו ביי דיסטריקט #1 מיט 3,272 שטימען, וואס 3,220 דערפון זענען געקומען פון קרית יואל [די חלק פון מייקעל עמאו׳ס דיסטריקט, דיסטריקט #1, איז כמעט אויסשליסליך פאר תושבי קרית יואל. ער איז דאס מאל געלאפן אן קיין קעגנער].

ביי דיסטריקט #5, דאס איז דער ניי-פארמירטער דיסטריקט וואס נעמט אריין א היפשע צאל קרית יואל׳ער איינוואוינער פון די עצי תמרים געגענט וועלכע האבן געשטימט אינעם נייעם באזונדערן לאקאל אין ״אשת חיל״, האט די אנ״ש אינדארסירטע באנעלי געווינען מיט 2,273 שטימען [926 דערפון פון קרית יואל], אנטקעגן 1,555 פארן דעמאקראטישן קאנדידאט מורפי.

דער הילכיגער מעסעדזש פונעם ״קרית יואל בלאק וואוט״ האט ווידער שטארק אפגעהילכט אין פאליטישע קארידארן לענגאויס ניו יארק, פון טאון אוו מאנרא ביז גאושען און אלבאני, און האט געצייגט פאר פאליטישאנס אז פון העלפן קרית יואל דערלייגט מען נישט, און אז כוחו וזכותו פון מרן רבינו הקוה״ט זי״ע דער מייסד הקרי׳ באגלייט ווייטער די עושי רצון קדשו, די געטרייע און איבערגעגעבענע הנהלת הקרי׳, צו פארזיכערן אז כל כלי יוצר עליך לא יוצלח, אז קיינער זאל נישט קענען אויפהייבן קיין האק אונטערצוהאקן ח״ו דעם פרעכטיגן בוים וואס דער רביה״ק זי״ע האט איינגעפלאנצט אין זיין הייליגע שטאט קרית יואל, עד ביאת הגואל.

***

אין באזונדערע נייעס בנוגע די עלעקשאנס.

בעת די שורות פון ״הקריה״ גייען צום דרוק, קומט פאר א וויכטיגער קאנפערענץ אינעם ווילעדזש אפיס, וואו באאמטע פון די ניו יארק סטעיט באורד אוו עלעקשאנס און אראנדזש קאונטי באורד אוו עלעקשאנס זיצן אינאיינעם מיט א רייע וואל-אינספעקטארן וועלכע האבן פלייסיג געארבעט אין טאג פון די וואלן אהערצושטעלן אלעס על צד היותר טוב.

אזיווי ביי די פארלאפענע וואלן האבן זיך ארויסגעשטעלט פארשידענע פראבלעמען פון עטליכע אספעקטן בנוגע דעם הלוך ילך פון די וואלן, האט די באורד אוו עלעקשאנס באשלאסן אראפצוקומען הערן גראד פון די אנוועזנדע אינספעקטארן אלעס וואס זיי האבן ארויסצולייגן בנוגע דאס צושטעלן די וואלן, און איבערגעבן קאמענטארן און קאמפלעינס פאר די עלעקשאנס באאמטע אז מ׳זאל קענען פארבעסערן און פארלייכטערן דעם שטים-פראצעדור עס זאל נעמען דאס קורצסטע צייט וואס מעגליך און נאך אלץ זיין אהערגעשטעלט אויף א העכסט פראפעסיאנאלן אופן.



# זעקס טויזנט טאון ווילער פארשלאפן די וואלן!..

## די פארלאפענע וואלן - מיט א ניכטערן בליק

(פארזעצונג פון זייט 5)

טוט דאס נאך אלס מחייב זיין אז דער מענטש זאל טאן דאס זייניגע און פרובירען בדרך הטבע, כידוע מפי ספרים וסופרים, אזוי ווי דער כלי יקר זאגט אין פר׳ וישלח וזל״ק ״כי האדם צריך לעשות בדרך הטבע כל אשר ימצא בכחו לעשות, והקב״ה יגמור על ידו ויוסיף לו שפע ברכה״ (א מענטש ברויך צו טאן בדרך הטבע, אלעס וואס איז מעגליך מיט זיינע כוחות, און דער אייבירשטער וועט די איבריגע צוענדיגען, און מוסיף זיין פון הימל שפע און ברכה).

דאס זעלבע איז לגבי די טובות און חסדים וואס מען ברויך צוקומען צו די רעגירונגס ביוראען און הויכגעשעצטע באאמטע, ווען מיר בעטן די תפלה פון ״ותטה לב המלכות עלינו לטובה״, פארלאנגט זיך פון אונז צו טאן אונזער חובת ההשתדלות, און ביי דעם פאל מיינט דאס זיך צו נעמען די מיה פון די עטליכע מינוטן, און ארויסקומען שטימען פאר די קאנדידאטן, וואס ווען דאס געדענקען און האלטן פאר די אויגן, ווען עס וועט קומען צו פאסן באשלוסן אין די אינטערעסן פון קרית יואל און אירע איינוואונער.

און דאס האט זיך טאקע גאר שטארק ארויסגעשטעלט ביי די פארגאנגענע וואלן, ווען תושבי קרית יואל האבן צוגעהערט צו די עסקנים און ראשי העיר והקהלה, און יעדער האט זיך אנגעשטרעגט און גענומען די וואלן ערנסט, סיי די וואס האבן אריינגעשיקט די עבסענטי בעלאטס איידער די וואלן, וואוסענדיג אז זיי וועלן נישט קענען זיך באטייליגען אין די וואלן אינעם באשטימטען טאג, און אוודאי די וואס האבן זיך פערזענליך באטייליגט דעם פארגאנגענעם דינסטאג ויצא העעל״ט, וואס נאר א דאנק די ערנסטקייט און געטריישאפט פונעם גאנצן ציבור, איז ב״ה געלונגען אז די פריינטליכע און געשטיצטע קאנדידאטן, אינעם טאון אין אין די קאונטי פארמעסטן זאלן בעזהשי״ת ערווילט ווערן.

ספעציעל ווען מ׳האט זיך איבערגעצייגט נאך די אלע האנט-ציילונגען, פון די פארשידענע עמערזשענסי און עפידעיוויט בעלאטס, אז דער אויסגאנג איז געווען אסאך שמאלער ווי דאס וואס האט אויסגעזען אין די נאכט נאך די וואלן, וואס דאס האט נאך מער ארויסגעברענגט די וויכטיגקייט פון יעדע איינצעלנע שטימע, וואס ווען נישט דאס וואס יעדער איינער טוט זייער פליכט ביי די וואלן, האט נישט קיין סאך געפעלט אז חלילה וחס עס זאלן ערווילט ווערן אזעלכע קאנדידאטן, וועלכע האבן עפנטליך גענוצט די מצרי׳שע סלאגאנען פון ״הבה נתחכמה לו – פן ירבה״, אקעגן דעם הערליכען וואוקס פון אונזער הייליגע שטאט.

די פארגאנגענע וואלן האט שטארק אפגעשפיגלט די הייליגע ווערטער פונעם הייליגן רבי ר׳ אלימלך זי״ע פון ליזענסק, וועלכער שרייבט בספרו הקדוש נועם אלימלך (פר׳ תולדות) אויף די ווערטער פון ״וידו אוחזת בעקב עשו״, טייטשט דער נוע״א אז ווען עס קומט שוין צו א מצב פון ״עקב עשו״ אז עס זעהט חיליה אויס אז דער כח הסט״א זאל האבן דעם לעצטן ווארט, דעמאלס ווערט נתעורר רחמים וחסדים און עס ווערט ״וידו אוחזת״ דער כח הקדושה פון יעקב אבינו איז זיך ענדגילטיג מתגבר.

*

אולי איז אפשר דא דאס פלאץ אויסצושמועסן נאך א וויכטיגע נקודה איבער די פארלאפענע וואלן, יעצט ווען מ׳קוקט צוריק מיט א ניכטערן בליק, נאכן מיטהאלטן דעם גאנצן טומעלט און גערודער פון די העצערישע ״יונייטעד מאנרא״ פארבאנד, ווען עס האבן זיך צוזאמענגענומען פארשידענע אגענדע-געטריבענע פארשוינען, און אנגעדרייט א זינלאזן קאמפיין ביי די דרויסנדיגע שכינים, אקעגן די עקזיסטירנדע באאמטע אינעם שכינות׳דיגען ״טאון אוו מאנרא״, וואס א גרויס חלק פונעם קאמפיין אקעגן זיי איז געלאפן אויפן פאקט אז זיי האבן דורכאויס זייער קאדענץ ״אויך״ געהאלפן פאר קרית יואל, און דערמיט האבן די פראפאגאנדיסטן געוואלט אויפברויזן די דרויסנדיגע ווילער אז זיי זאלן ארויסקומען מאסנווייז און שטימען פאר זייערע אינטערעסן.

דאס גאנצע קאמפיין האט זייער ווי געטאן פאר תושבי קרית יואל, ובפרט ווען יעדער וואס האט געוואלט וויסן דעם אמת האט באלד אינאכט גענומען אז די רעדע איז פון לופטיגע בלבולים, ווען דער אמעריקאנער געזעץ שענקט גלייכבארעכטיגונג פאר יעדן בירגער, פארוואס זאלן מיר תושבי קרית יואל נישט זיין בארעכטיגט צו די זעלבע בענעפיטן וואס די איינוואונער פונעם טאון באקומען, דער פאקט אז די שטייערן צום טאון קומען אריין פון ״אלע״ בירגער צוגלייך, צו איז דאס פון איינוואונער פונעם טאון גופא, אדער פון די ווילעדזשעס אינערהאלב די טאון גרעניצען וואס דאס נעמט אריין ״ווילעדזש אוו מאנרא״, ווילעדזש אוו הערימען״ און ווילידזש אוו קרית יואל.

ווען מ׳האט געזען מיט וואספארא אייפער דער קאמפיין ווערט געטריבען, און די וויסטע העצערייען וואס ווערט פארשפרייט אין פארמען פון, שילדען און טעוועלעך אויף אלע גאסן; הויכהילכערס און פארזאמלונגען; פאמפלעטן, גאזעטן און צייטונגען; אינטערנעט און טעקסט מעסעזשעס, האט דאס ארויסגעברענגט א שטארקער געפיל פון מורא, ווער ווייסט צו דאס זאל זיך נישט אנקלעבן ביי די שכינים, וועלכע זאלן א דאנק דעם ארויסקומען שטימען אין גרעסערע ציפערן, אזוי ווי די וועלט זאגט ״חזקה על פראפאגאנדע שאינה חוזרת ריקם״.

היינט ווען מ׳האלט שוין עטליכע וואכן נאך די וואלן, און ווען די ענדגילטיגע שטימען זענען געווארן אפגעציילט און באשטעטיגט, זעהט מען אבער בחוש וואס דאס מיינט ״כחו וזכותו של אותו זקן״, אוודאי האבן מיר א חובת ההשתדלות פון טאן וואס מיר קענען עפ״י חוקי ודרכי הטבע, אבער דער צוקונפט אין עקזיסטענץ פון דעם הייליגען שטאט, ליגט אין א העכערן האנט, אין די האנט פונעם הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל, און דא גילט נישט די אלע כללים פון פראפאגאנדע, דער זכות פון רבותינו הקדושים זי״ע וועלכע האבן זיך מוסר נפש געווען פאר די הייליגע שטאט קרית יואל, און דער כח התורה והקדושה פון די הייליגע שטאט וועלכע שטייט תחת נשיאותו פונעם מרא דאתרא כ״ק רבינו שליט״א, שטייט אסאך העכער פון די אלע נער׳ישע סלאגאנען און לאזונגען.

און דאס האט מען געזעהן באשיינפערליך ווען אריבער פופציג פראצענט פון די (אריבער 12,000 רעגיסטרירטע) גוי׳ישע שכנים אינערהאלב די טאון גרעניצען, האבן זיך נישט געלאזט פארפירן פון די אלע פאשקעווילן למיניהם, צו איז דאס געווען ווען זיי האבן געשטיצט די ערנסטע און פריינטליכע קאנדידאטן, אדער דורך דעם וואס די וואלן איז נישט געווען גענוג וויכטיג פאר זיי ארויסצוקומען שטימען, טראץ די אלע דראאונגען און אפשרעקונגס מיטלען פון די ״יונייטעד מאנרא״ הויכהילכערס.. וואס אין אנדערע ווערטער איז דאס אן אפענער נס ״בנפול תרדימה על האנשים״, ווען אזויפיל ווי זעקס טויזנט גוי׳אישע ווילער פונעם טאון זענען פשוט פארשלאפן דעם טאג פון די וואלן!

עס איז ווייטער אונזער פליכט נישט צו פארגעסן אז דער קיום און עתיד פון די הייליגע שטאט, איז נישט דורך כחי ועוצם ידי, נאר טאקע בזכות זה וואס מיר פירן אויס די שליחותייהו דקדמאי, און מיר גייען אין זייערע וועגן, דער זכות וועט בעזהשי״ת ווייטער באגלייטן די עוסקים במלאכת הקודש, די געטרייע הנהלת הקריה ובראשם ועל צבאם דער מרא דאתרא קדישא הדין כ״ק מרן רבינו שליט״א, אז די הייליגע שטאט זאל ווייטער וואקסן און בליען, ולא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי, עד ביאת גואל צדק בב״א.

# אויסטערלישער סוקסעס ביי רייכע "עלטערן אוונט" צוגעשטעלט דורכ'ן מוסד "שערי חמלה"

**- וועלט בארימטער עקספערט דר. ברוקס פון באסטאן איבערראשט די פארזאמלטע עלטערן מיט מייסטערהאפטע רעדע -**

## באזונדערע גאר געלונגענע סעסיע מיט סקול איינגעשטעלטע אין שעראטאן האטעל

(פארזעצונג פון זייט 7)

עקספערטן וויאזוי זיך אומצוגיין מיט די קינדערלעך אין אלע אומשטענדן.

דער "עלטערן אוונט" איז ווי געזאגט פארגעקומען דעם פארגאנגענעם מאנטאג פר' ויצא, צו וועלכן די חשוב'ע הנהלה האט איינגעלאדנט דעם אויסגערופענעם מומחה דר. ברוקס אויפצוטרעטן פאר די עלטערן שיחיו. דר. ברוקס איז א וועלט בארימטער פראפעסאר און פון די פירנדע עקספערטן אויפ'ן געביט פון "ספעשל עדיוקעישאן", וועלכער דינט שוין 40 יאר אין דעם פעלד. ער איז יארן לאנג געווען דער אנפירער פון די "סייקאלאדזשי" אפטיילונג אין איינע פון די גרעסטע שפיטעלער אין באסטאן, מאסאטשוסעטס, און האט שוין געשריבן 15 פאפולערע ביכער אויף די טעמעס פון "ספעשיל עד".

געעפנט דעם אוונט האט דער סקול סופעראינטענדענט מו"ה יצחק מאיר פעטלין הי"ו, וועלכער האט ארויסגעברענגט דעם ציל און די שטארקע אויפטו פון די פארזאמלונגען, וואס וועט בע"ה זיין שטארק בייהילפיג אהערצושטעלן דעם בעסטן חינוך פאר די טייערע קינדער יעדער לויט זיינע כשרונות און מעגליכקייטן, דערנאך האט ער פארגעשטעלט דעם בארימטן דר. ברוקס פאר די פארזאמלטע עלטערן און אים איבערגעגעבן דאס ווארט.

דר. ברוקס האט אנגעהויבן מיט א קורצן אריינפיר איבער זיין אייגענעם לאנגיאריגן בעקגראונד אין דעם פעלד, וויאזוי ער איז אנגעקומען צו ווערן א מומחה אין די ענינים. דערנאך איז ער אריבער צום אייגנטליכן טייל פונעם אוונט, ווען ער האט מער ווי א שעה געהאלטן געשפאנט די אנוועזנדע עלטערן מיט א בליציגע און אינהאלטסרייכע רעדע וואס האט אנגערירט מערערע טעמעס וואס זענען נוגע טאג טעגליך פאר עלטערן וועלכע זענען באשאנקען געווארן פון הימל מיט די ספעציעלע קינדערלעך.

ער האט אנגעוויזן אויף פארשידענע ביישפילן פון סיטואציעס וועלכע קענען זיך מאכן מיט די קינדערלעך, און מער ווי איינער פון די אנוועזנדע עלטערן האבן אפט צוגעשאקלט מיט'ן קאפ אז זיי האבן זיך שוין באגעגנט מיט אזוינע עפיזאדן, און מיט א קלארע שפראך האט דער געערטער דאקטאר ארויסגעברענגט דעם ריכטיגן צוגאנג וויאזוי עלטערן דארפן האנדלען אין אזא מצב.

דאס זעלבע האט דער דאקטאר אנגעוויזן אויף פארשידענע 'מינדערוויכטיגע' סיטואציעס וועלכע קענען זיך מאכן, און טיילמאל טוען די עלטערן נישט באגרייפן ווי שטארק מען דארף לייגן געוויכט אויף יעדן קליינקייט, און ווי וויכטיג דאס קען אויסווירקן אויפ'ן ערציאונג פון די ריינע טייערע נשמה'לעך.

ספעציעל האט דר. ברוקס ארויסגעברענגט און איבערגע'חזר'ט פאר די טייערע עלטערן און מחנכים, אלעמאל צו האלטן פאר די אויגן אז די קינדער באהאלטן אין זיך אן אומגלויבליכן פאטענציאל וואס מ'קען זיך גארנישט פארשטעלן, און ווי ווייט די עלטערן און די וואס ארבעטן מיט די קינדער, דארפן אלעמאל אנהאלטן א פאזיטיווע עקשנות און געדענקען אז מ'קען ארויפברענגען די קינדער גאר הויך מיט דעם פאסיגן צוגאנג.

נאך די מייסטערהאפטע רעדע איז דער דאקטאר אריבער צו א "פראגן און ענטפערס" סעסיע, וואס האט געגעבן די גאר זעלטענע געלעגנהייט פאר עלטערן פארצולייגן פערזענליך אלע זייערע פראגעס אין די האקעלע ענינים פאר דעם וועלט בארימטן עקספערט. בלויז צו הערן די פראגעס איז געווען גאר רירנד, און האט געצייגט די שטארקע איבערגעגעבנהייט פון אידישע עלטערן צוצושטעלן דאס בעסטע און שענסטע פאר די ספעציעלע קינדער וואס דער רבוש"ע האט זיי געשאנקען. דער דאקטאר האט מיט א שטארקע איבערגעגעבנקייט זיך אראפגעלאזט צו די עלטערן און זייער גרונטליך אדורכגענומען יעדע סיטואציע, ארויסקומענדיג מיט א קלארקייט וואס האט ערשטוינט די עלטערן.

*****

דעם אנדערן צופרי, דינסטאג ויצא, נאוועמבער 5 למספרם, ווען עס זענען פארגעקומען וואלן איבער גאנץ ניו יארק און אלע סקולס זענען געווען פארמאכט, האט די סקול אדמיניסטראציע אויסגענוצט די געלעגנהייט צוצושטעלן א ספעציעלע טרענירונג סעסיע פון העכסטן קוואליטעט פאר אלע איינגעשטעלטע פונעם הייליגן מוסד שערי חמלה.

פאר דעם צוועק איז ארויסגעדינגען געווארן דער פראכטפולער קאנפערענץ-זאל אין שערעטאָן האטעל אין מאַהוואַ, ניו זשוירזי, וואו עס זענען זיך צוזאמגעקומען די פילע סקול איינגעשטעלטע פון אלע אפטיילונגען אינעם סקול, צו א ספעציעלע סעסיע אינאיינעם מיט דעם בארימטן פראפעסאר דר. ברוקס.

און כמעשהו בראשונה, פונקט ווי ביים "עלטערן אוונט", האט דר. ברוקס ארויסגערופן עקסטאז ביי די באטייליגטע מיט א העכסט עלאקווענטע און אינהאלטסרייכע רעדע.

נאך א קורצע ביאגראפיע האט דער דאקטאר זיך ארייגעלאזט אין ערקלערן פארשידענע פונדאמענטאלע פונקטן וועלכע זענען קריטיש וויכטיג פאר די אנטוויקלונג פון די קינדער צום העכסטן פארנעם. ספעציעל האט ער זיך געשטעלט אויף די וויכטיגקייט פון אנהאלטן א פאזיטיווע מהלך המחשבה ווען מ'איז ארום די קינדער, וויבאלד זיי כאפן אויסטערליש שטארק אויף די געפילן פון זייערע ארומיגע.

מיט א רעטארישע קראפט האט דער דאקטאר געפרעגט די פארזאמלטע: "איר גלייבט מסתמא נישט אז די קינדער כאפן אויף אלעם וואס טוט זיך ארום זיי. אדרבא, דערמאנט אייך צוריק פון אייערע קינדער יארן און זאגט איר אליין, האט איר נישט געוואוסט פונקטליך וואס אייער מלמד אדער טיטשער האלט איבער אייך?!". די דונערדיגע שטילקייט אינעם זאל האט געדינט אלס שטימע הסכמה... ווען דער דאקטאר פארענדיגט, "אויך 'די' קינדערלעך ווייסן און שפירן פונקט אזוי וואס איר טראכט פון זיי! און אויב ווילט איר זיי זאלן מצליח זיין מוזט איר האבן א שטארק פאזיטיוון בליק אויף יעדן קינד".

דערנאך האט דער דאקטאר ארויסגעברענגט אז דאס איז באמת ריכטיג ביי יעדן קינד. קינדער קוקן שטארק ארויף אויף די ערוואקסענע אין זייער לעבן, און זיי זענען גרויסע מומחים אויפצוכאפן ווען די ערוואקסענע האבן א פאזיטיוון בליק איבער זיי, וואס קען זיי מורא'דיג ארויסהעלפן צו שטייגן, און דאס זעלבע ח"ו פארקערט.

ער האט אויך אראפגעלייגט פארשידענע ביישפילן וואס ער האט אליין בייגעוואוינט דורכאויס זיינע יארן אין "ספעשל עד" וויאזוי איין גוט ווארט האט גענצליך געטוישט א קינד פון איין עק צום אנדערן.

די אנוועזנדע סקול איינגעשטעלטע זענען אוועק מיט א שטארקן התפעלות פון דעם רייכן אוונט, און מיט דער האפענונג אז די קריטיש וויכטיגע לעקציעס וועלן באגלייטן די אומערמידליכע ארבעט צו העלפן די קינדער שטייגן צום העכסטן שטאפל וואס מעגליך.



**וועלט בארימטער "ספעשיל עד" עקספערט דר. ראבערט ברוקס ביים אויפטרעטן פאר די חשוב'ע עלטערן**



**דר. ברוקס מיט די געטרייע "שערי חמלה" סטעף בעפאר דעם "עלטערן אוונט**

# שערי חמלה אפטיילונג

## זעלטענער קידוש השם ביי הערליכן באזוך פון מיליטערישע אפיצירן אין הייליגן מוסד "שערי חמלה" פונעם קרית יואל סקול דיסטריקט

(פארזעצונג פון זייט 7)

ווילן דוקא קומען אין א היימישע געגנט צו זען וויאזוי דער טאג טעגליכער הלוך ילך גייט צו ביי ערליכע אידן ווייט אוועק פונעם לעבנסשטייגער פון די אלגעמיינע גוי'אישע גאס. מ'האט אפגעשמועסט מיט זיי א צייט ווען זיי וועלן קענען קומען באזוכן דעם סקול, וואס איז באשטימט געווארן אויף פארגאנגענעם דינסטאג פר' וישב.

אין באשטימטן טאג זענען אנגעקומען 20 קאפיטאנען, באגלייט דורך זייער פירער און טרענירער וועלכער שטייט אין שפיץ פון די ארבעט צו באקענען די קאפיטאנען מיט אנדערע קולטורן. זיי זענען געווען אנגעטון אין זייערע אפיציעלע מונדירן מיט זייערע ראנגען און אנדערע סימבאלן וועלכע האבן געצייגט צו וועלכע אפטיילונג פון די ארמיי יעדער פון זיי געהערט, און אין וועלכע מיליטערישע באזע זיי האבן געדינט. אלע פון זיי האבן שוין אקטיוו אנטיילגענומען אין לעבעדיגע שלאכטן ארום די וועלט וואו די אמעריקאנער ארמיי איז פארמישט, און זיי ענדיגן יעצט זייערע טרענירונגען צו קענען שטייגן אין ראנג — אין זייער נייעם ראנג וועט יעדער פון זיי פארפיגן אויף א "קאמפאני" (מיליטערישער איינהייט) פון מינימום 100 סאלדאטן.

ווי אפגעשמועסט זענען זיי געגאנגען באזוכן אינעם הייליגן מוסד "שערי חמלה" פונעם "קרית יואל סקול דיסטריקט", וואו זיי זענען אנטפאנגען געווארן מיט א גרויסן הערליכן שילד וואס איז אויפגעהאנגען געווארן אין די גאנצע לענג העכער'ן טויער, "די תלמידים פון שערי חמלה טוען באגריסן און סאלוטירן די מיליטערישע כוחות פון די פאראייניגטע שטאטן".

ביים אריינקומען אינעווייניג זענען זיי אפגעווארט געווארן דורך די איבערגעגעבענע הנהלה פונעם סקול דיסטריקט, אין שפיץ פון הר"ר יצחק מאיר פעטלין הי"ו סופעראינטענדענט, הר"ר ישעי' ווערצבערגער הי"ו, הרה"ח ר' ידידי' פישער שליט"א מנהל, הר"ר לייביש האלפערין הי"ו פרינציפעל, הר"ר אהרן וואלף פאלאטשעק הי"ו, און אויך פון די איבערגעגעבענע סטעף הר"ר יצחק גרינפעלד הי"ו, הר"ר יוסף גאנץ הי"ו, און הר"ר יושע קארנבלי הי"ו, וועלכע האבן זיי אויפגענומען מיט די גרעסטע העפליכקייט ווי ס'פאסט זיך פאר די צוקונפטיגע פירער פונעם אמעריקאנער מיליטער.

צוערשט האט מען צוגעשטעלט א הערליכע אריינפיר סעסיע צו באקענען די קאפיטאנען מיט די היסטאריע פון קרית יואל בפרט און די סאטמארע קהלה בכלל. מו"ה ר' יצחק מאיר פעטלין, דער בארימטער סקול סופעראינטענדענט, האט אין א קורצע אבער אינהאלטסרייכע רעדע געשילדערט דעם גלארייכן עבר פון חסיד'ישע אידן אין דער אלטערהיים; וויאזוי נאך די ביטערע וועלט מלחמה האט אויסגעקוקט אז אלעס איז חרוב; דאן איז מרן רבינו הקוה"ט בעל דברי יואל זי"ע אנגעקומען קיין אמעריקע וואו ער האט מיט די אייגענע הענט פריש איבערגעפלאנצט די הייליגע סאטמארע קהלה; און וויאזוי דער רבי זי"ע האט בערוב ימיו מיט די לעצטע כוחות געגרינדעט דעם הייליגן שטעטל קרית יואל וואס איז זיך צעוואקסן אין די ריזיגע עיר הגדולה לאלקים מיט אירע קרוב צו 24,000 נפשות וואס מיר זעען היינט פאר די אויגן.

דערנאך האט ער אביסל אראפגעלייגט — אויף וויפיל ס'איז מעגליך געווען צו שילדערן אין קורצע ווערטער אז זיי זאלן עס ארויסהאבן — דעם באדייט פון לעבן ווי א ערליכער איד. וויאזוי אין גאנץ קרית יואל געפינט זיך נישט קיין איין טעלעוויזיע, און ווי ווייט מען איז אפגעשיידט פון אלע אנדערע איבלען פון די גוי'אישע גאס. וויאזוי שבת און יו"ט ווערט די גאנצע וועלט ווי אפגעשטארבן און דער גאנצער טאג איז באשטימט פאר עבודת ה' און צו פארברענגען אנגענעם די גאנצע פאמיליע אינאיינעם, און אזוי ווייטער. מ'האט געזען וויאזוי זיי זענען אלע געזעצן פארגאפט.

נאך דעם אריינפיר האט מען צוטיילט די קאפיטאנען אין 5 גרופעס. יעדער פון די פריער דערמאנטע איינגעשטעלטע האט גענומען א גרופע פון 4 קאפיטאנען און זיי ארומגעפירט אין די קלאסן פונעם הייליגן מוסד שערי חמלה. די זיסע קינדערלעך שיחיו האבן זייער פרייליך אנטפאנגען די סאלדאטן, און זיי געצייגט פארשידענע ארטס-ענד-קרעפטס וואס זיי האבן ערצייגט ספעציעל פאר'ן באזוך פון די הויכגעשעצטע קאפיטאנען, ווי צב"ש מאלערייען פון די אמעריקאנער פאן, שיין-באפוצטע טאוולען וועלכע סאלוטירן די אמעריקאנער ארמיי, שיין-ערצייגטע סחורות מיט'ן עמבלעם פון די ארמיי און דער אמעריקאנער אדלער, אא"וו. די סאלדאטן זענען געווען אויסטערליש איבערגענומען פון דעם הארציגן קבלת פנים וואס זיי האבן באקומען פון די חשוב'ע קינדערלעך.

במשך דאס ארומגיין אין די קלאסן האבן זיי אויסגענוצט די געלעגנהייט און געפרעגט פארשידענע פראגעס און קאמענטארן בנוגע דעם ערליכן אידישן לעבנסשטייגער. מ'האט געזען קלאר אז זיי זענען נישט געקומען סתם פאר אן אויבערפלעכליכן באזוך צו הערן ניגונים און עסן קוכן... זיי האבן זיך גוט פארגעברייט, און זייערע פראגן זענען טיף אריינגעקראכן אין מערערע אספעקטן פונעם אידישן לעבן.

זיי האבן צב"ש גרונטליך געוואלט פארשטיין וואס מיינט ביי אונז א רבי, א רב, א מלמד, א טיטשער, אד"ג. זיי זענען געווען ערשטוינט צו הערן אז שבת קודש האקט מען זיך אפ פאר גאנצע 24 שעה (מיט נאך עטליכע שעה) פון אלע וואכעדיגע באקוועמליכקייטן ווי קארס, מאשינען, טעלעפאנס, אא"וו. זיי האבן געוואלט פארשטיין וויאזוי עס גייט צו דער גאנצער ענין פון דיני תורה, וויאזוי אידן האנדלען ווען מ'האט א סכסוך איינער מיט'ן אנדערן. זיי האבן אויך געזוכט צו פארשטיין דעם חילוק צווישן א מאדערנעם איד און א חסיד'ישן איד, וואס האט שוין געצויגן א שמועס צו די אידישע מסורה בכלל און די אונטערשידן צווישן פארשידענע קרייזן, און אזוי ווייטער אן א שיעור פונקטליכע דעטאלן פונעם אידישן לעבנסשטייגער.

עס איז זיי געווען אינטערעסאנט צו הערן אז אנדערש פון די גוי'אישע וועלט, וואו דער איינציגער ציל פון שטודירן איז בלויז זיך צו לערנען א קאריערע און פארדינען געלט דערפון, לערנען אידישע קינדער די הייליגע תורה פאר'ן בלויז'ן ציל פון מצות לימוד התורה, ווייל דער אויבערשטער האט אזוי געהייסן, אפילו אויב מ'גייט נישט פארדינען קיין געלט אדער מאכן א קאריערע דערפון. זיי האבן זיך נישט געקענט איבערקומען צו זען אז מענטשן וועלכע האבן די ערשטע 20 יאר פון זייער לעבן נישט געלערנט גארנישט עפעס אנדערש ווי די תורה הק', האבן אין געציילטע יארן געקענט זיך אויסלערנען די פאכן וואס האט זיך אויסגעפעלט לצורך פרנסה, אדער שטודירן אלע נויטיגע איינצעלהייטן וואס האט זיך אויסגעפעלט צו קענען ארויסהעלפן די טייערע קינדערלעך שיחיו, אד"ג.

באזונדער האט מען זיי אנגעוויזן ווי טיף איינגעווארצלט די מדת החסד איז ביי אידישע קינדער. מ'האט זיי געוויזן וויאזוי יעדער איינציגער פון די באגלייטער איז א וואלונטיר אין זיין פרייע צייט ביי פארשידענע חסד ארגאניזאציעס ווי הצלה, חברים, לינת הצדק, באזוכן אידן אין תפיסות, אא"וו, און פאר א נויט כאפט מען סתם אזוי אריין א חסד'ל דא און דארט, ווען עס קומט אונטער.

ווען מ'האט געענדיגט באזוכן די קלאסן איז מען אראפ אין פראכטפולן עס-זאל, וואס איז געווען ספעציעל מייסטערהאפטיג דעקארירט אין ערווארטונג פון די געסט, און עס איז סערווירט געווארן א רייכע סעודה מיט א רייע זאפטיגע דעליקאטעסן און לייכטער איבערבייס, אלעס אהערגעשטעלט אליין אינעם קיך פונעם סקול ספעציעל לכבוד די געסט. אויך זענען געווען דארט פארשידענע באצירונגען לכבוד המלכות, וואס איז אהערגעשטעלט געווארן דורך די טייערע קינדערלעך פונעם מוסד צו באגריסן און באערן די אמעריקאנער מיליטער און אירע פאָרשטייער.

דארט האבן זיך ווייטער געצויגן די אנגענעמע שמועסן צווישן די קאפיטאנען און זייערע באגלייטער. עס איז געווען אנגעגרייט אייגן-געבאקענע דאָנאַטס לכבוד חנוכה, (וואס האט זיך אנגעהויבן א טאג דערויף), און דאס האט פריש אנטוויקלט א שמועס פון חנוכה, אירע מצוות און מנהגים, און איר באדייט פאר ערליכע אידן ביז'ן היינטיגן טאג.

זיצנדיג דארט זענען די סאלדאטן באזונדער איבערראשט געווארן ווען א 'דעלעגאציע' פון די ספעציעלע קינדערלעך האבן פלוצלונג אריינשפאצירט אין זאל און געברענגט א הערליכע ארטיסטישע דעקאָראַציע פונעם אמעריקאנער פאן וואס זיי האבן פרעזענטירט פאר די סאלדאטן אין נאמען פון אלע תלמידים אינעם הייליגן מוסד.

עס האט זיך שטארק אנגעזען אז די קאפיטאנען זענען מורא'דיג איבערגענומען און ערשטוינט פון אלעס וואס זיי האבן געזען און געהערט. מער ווי איינער פון זיי האט קלאר מודה געווען פאר די באגלייטער אז זיי האבן זיך גערישט צו טרעפן עפעס א צוריקגעשטאנענע פאנאטישע גרופע, און זענען געווען איבערראשט צו טרעפן אזא פארגעשריטענע ווירטשאפט און פארשטענדליכע באגלייטער.

איינער פון די קאפיטאנען האט געפרעגט זיין באגלייטער וויאזוי מ'נעמט אויף אין קרית יואל איינעם פון די דרויסנדיגע וועלט וואס וואלט געוואלט זיך באזעצן דא אין שטאט. ווען יענער האט זיך געוואונדערט "ווער פון די דרויסנדיגע וועלט איז אפילו אינטערעסירט זיך צו באזעצן דא אין אזא פאר-אים פרעמדן לעבנסשטייגער?!", האט דער קאפיטאן זיך אנגערופן, האלב ערנסט האלב וויצלדיג, "איך וואלט געקומען זיך דא באזעצן, נאכ'ן זען וויאזוי זאכן קוקן אויס דא!"...

דער באזוך האט זיך געענדיגט 3:00 פונקטליך, וויבאלד טייל פון די אנוועזנדע האבן געמוזט אוועקגיין פון דארט. די קאפיטאנען האבן זיך אויסגעדרוקט מיט א געוואלדיגע התפעלות און קלארגעשטעלט אז דער באזוך האט געלאזט אויף זיי א מורא'דיגן רושם, און האט שטארק פאזיטיוו געענדערט זייער בליק אויף די גאנצע חסיד'ישע געמיינדע. זייער פירער האט זיך גאר הארציג באדאנקט פאר די ווארימע אויפנאמע, זאגנדיג אז ער וואלט געבליבן זיצן דא פאר נאך עטליכע שעה. ער האט זאגאר געלאזט פאלן אז ער קלערט ערנסט צו מאכן דערפון א יערליכן וויזיט, צו ברענגען איינמאל א יאר די וועסט פוינט קאדעטן זיך צו באקענען פונדערנאנט מיט דעם מערקווירדיגן לעבנסשטייגער פון ערליכע אידן, עפעס פון וואס זיי קענען שטארק געניסן.

דער פירער, טאם וואודראף, וועלכער איז אין ראנג פון לויטענאנט קוירנעל און שטייט אין שפיץ פון די דערמאנטע "לידערשיפ טרעינינג", האט שפעטער געשיקט אן אימעיל צום סקול סופעראינטענדענט מר. פעטלין וואו ער האט אים געשריבן אז די אפיצירן האבן באזוכט און שטודירט אזויפיל ווי 62 פארשידענע קולטורן, אבער דער באזוך אינעם קרית יואל סקול דיסטריקט איז געווען דער שפיץ (Highlight) פון זייער טרענירונג! אויך פון אנדערע קאנטאקטן האט מען צוריקגעהערט אז די אפיצירן האבן זיך ממש נישט געקענט איבערקומען פון די ווארימע און הארציגע אויפנאמע וואס זיי האבן באקומען אינעם סקול.

אויך די סקול איינגעשטעלטע זענען אוועק שטארק צופרידן אז מ'האט באוויזן ב"ה צו מאכן אזא געוואלדיגן קידוש השם און איבערלאזן א פאזיטיוון רושם אויף אזעלכע הויכע באאמטע אין די אמעריקאנער רעגירונג, וואס ס'איז אנגעוויזן געווארן אז עס איז פאראן א היפשע מעגליכקייט אז איינער אדער עטליכע פון די קאפיטאנען זאלן עווענטועל שטייגן אזוי הויך ביז'ן גרייכן צו די העכסטע ראנגען אין מיליטער, און אפשר אנקומען פון דארט אויך צו די פאליטישע רייען פון די רעגירונג, און מ'קען זיך גארנישט פארשטעלן וואספארא נוצן עס קען נאך ארויסקומען פאר אידן פון איבער ווייטע פלעצער איבער די גאנצע וועלט, פון דעם פאזיטיוון איינדרוק וואס דער באזוך האט איבערגעלאזט.

לקדש שם שמים.






# גייסטרייכער ״פרישטאג״ אינערהאלב הנהלת מוסד הק׳ ״שערי חמלה״ ברענגט רירנדע געפילן ביי אלע אנוועזנדע

**״טרערן אין די אויגן, פרייד אין הארץ״ - אויסטערליש עמאציאנעלע פרעזענטאציע צייגט די אומבאשרייבליכע אויפטוען פונעם הייליגן מוסד שערי חמלה - אינהאלטסרייכע דרשה פון באגאבטן פרינציפל הר״ר לייבוש האלפערין הי״ו שילדערט געוואלדיגע אויפטוען אינערהאלב דעם מוסד, ברוחניות ובגשמיות**

(פארזעצונג פון זייט 7)

ר׳ ידידי׳ האט איבערגעגעבן א קורצן רעפעראט איבער דעם הייליגן מוסד. ער האט דערמאנט וויאזוי רביה״ק בעל ברך משה זי״ע האט זיך מוסר נפש געווען אויפצושטעלן דעם לעבנסוויכטיגן מוסד פאר די ריינע נשמות, וואס האט אויפגעראכטן אומצאליגע אידישע הייזער און מ׳קען זיך היינט נישט פארשטעלן וויאזוי מ׳האט אמאל געקענט עקזיסטירן אן דעם. אבער דאס אלעס ווערט בלויז ערמעגליכט אדאנק וואס די איבערגעגעבענע חברי הנהלה געבן זיך אוועק טאג און נאכט צו שמירן די רעדער און פארזיכערן אז אלעס פארט ווי געהעריג.

ער האט אנגעוויזן אז דער מוסד איז זיך ליידער אזוי אויסטערליש צעוואקסן, אז מ׳האט היי יאר אליין געדארפט אויפנעמען אזויפיל ווי 20 פרישע ווייבלעך און מיידלעך אינעם מוסד צו קענען נאכקומען דעם געברויך, אינדערצייט וואס א געווענליכע יאר נעמט מען אויף בלויז 5-6 פרישע ארבעטער, טראץ די שווערע לאסט וואס דאס לייגט ארויף אויפ׳ן בודזשעט פונעם סקול און אויף די שטייערצאלער פון קרית יואל, האט זיך עס אבער אויסטערליש שטארק אויסגעפעלט פאר די הצלחה פונעם מוסד און די דעוועלאפמענט פון די טייערע קינדערלעך שיחיו.

באזונדער האט ער ארויסגעברענגט אז ס׳זענען דא 2 סיבות פארוואס דער מוסד שערי חמלה האט אזוי שטארק מצליח געווען. ראשית כל איז דער געוואלדיגער סיעתא דשמיא, דער כח המשלח פון רביה״ק בעל דברי יואל זי״ע דער מייסד הקרי׳, און רביה״ק בעל ברך משה זי״ע וועלכער האט מייסד געווען דעם הייליגן מוסד בדם לבבו, וואס דאס באגלייט די חברי הנהלה אויף יעדן טריט און שריט, און צווייטנס איז עס צום פארדאנקען די אויסטערלישע הארץ וואס ווערט אריינגעלייגט דורך יעדן איינציגן איינגעשטעלטן אינעם מוסד, וואס בלויז אידישע קינדער קענען אריינלייגן אזויפיל געפיל און מח צו יעדע זאך, וואס ברענגט בע״ה די געווינטשענע רעזולטאטן.

אלסביישפיל וויאזוי דער מוסד האט די ריכטיגע סיעתא דשמיא האט ער אנגעוויזן דערויף וואס מ׳האט באוויזן בע״ה צו טרעפן אזא געלונגענעם פרינציפל ווי הר״ר לייבוש האלפערין הי״ו, וועלכער האט מיט זיין רייכן עקספערטיז אין דעם פעלד באוויזן דורכצופירן א רייע שטארקע פארבעסערונגען וועלכע האבן געהאלפן גאר שטארק הייבן דעם ניווא פון די סערוויסעס לטובת די ספעציעלע קינדערלעך שיחיו.

ער האט אגב דערציילט אן אינטערעסאנטן אנעקדאט אז ער האט אמאל געפרעגט דעם רבי׳ן בעל ברך משה זי״ע צי מ׳קען אנרופן א מחנך אין שערי חמלה מיט׳ן טיטל ״מלמד״?, האט אים דער רבי זי״ע געענטפערט, ״נעם א מלמד אדער אפילו א מגיד שיעור פון ערוואקסענע קינדער און בחורים, בדרך כלל וועט דער מלמד ארויסברענגען א קליינעם פראצענט וואס מ׳קען ארויסנעמען פון א אינגל אדער א בחור. דא, ביי די דאזיגע קינדער נעמט דער מחנך ארויס גאנצע הונדערט פראצענט וואס מ׳קען פון זיי ארויסנעמען. איז זאג דו מיר, ווער איז דער ריכטיגער ״מלמד״?!״, עכדה״ק.

דערנאך האט דער מנהל אויפגערופן דעם חשוב׳ן פרינציפל, הר״ר לייבוש האלפערין הי״ו, איבערצוגעבן דעם דבר האסיפה. דער פרינציפל האט אויפגעטרעטן מיט א מייסטערהאפטע דרשה, אראפגעגעבן א קלארן און הערליכן בילד איבער די פארצווייגטע אקטיוויטעטן וואס שפילן זיך אפ צווישן די פיר ווענט פונעם הייליגן מוסד, באגלייט מיט קורצע אנעקדאטן און פאקטן איבער די זעלטענע און איבערגעגעבענע ארבעט וואס ווערט אהערגעשטעלט דורך דעם פראפעסיאנאלן און געטרייען שטאב — וואס ר׳ לייבוש האט באצייכנט אלס ״דריעם טיעם״... — ווי אויך איבער דעם געוואלדיגן דאנק וואס דארף ארויסגעברענגט ווערן פאר די איבערגעגעבענע באורד מעמבערס וועלכע זשאלעווען נישט קיין מיה צו פארזיכערן אז די אלע קריטישע סערוויסעס ווערן צוגעשטעלט פאר די טייערע נשמה׳לעך.

[צוליב דעם אויסטערלישן רייכן אינהאלט פון די דרשה האבן מיר אריינגעלייגט די גאנצע זאך, ככתבו וכלשונו, אויף אן אנדער ארט אין היינטיגן נומער. עס איז כדאי דורכצולייענען פון אנהייב ביז׳ן סוף.]

### רירנדע פרעזענטאציע פון טאג טעגליכן סדר היום אינערהאלב דעם הייליגן מוסד שערי חמלה

נאך די שפאנענדע דרשה פון ר׳ לייבוש האט הרה״ח ר׳ אברהם ווידער שליט״א אויפגעטרעטן מיט אפאר קורצע ווערטער, ער האט קלאר געמאכט אז ער האט זיך נישט פארגעקוקט צו רעדן און ער רעדט ׳פון הארץ ארויס׳, ווייל ער מוז זיך באדאנקען פאר די געטרייע חברי הנהלה, וואס טראץ זיי אלע זענען פארנומענע מענטשן געבן זיי זיך אוועק פאר די האקעלע ענינים בכובד ראש, וואס איז דא נאטורליך אסאך שווערער ווי ביי א געווענליכע תלמוד תורה. יעדער באשלוס איז גאר אחריות׳דיג ווייל ס׳איז פון איין זייט פארבינדן מיט גרויסע הוצאות, וואס פאלט צו לאסט אויפ׳ן גאנצן ציבור וועלכע זענען די ריכטיגע שותפים לדבר מצוה מיט׳ן באצאלן די שטייערן וועלכע ערמעגליכן אהערצושטעלן אזא פענאמענאלן און הייליגן מוסד, אבער פון די אנדערע זייט איז מען דא ממש דן דיני נפשות, ווי דער מציאות צייגט אז די קאסטבארע פראגראמען האבן אויפגעראכטן פילצאליגע אידישע שטיבער.

עקסטער האט דער ראש הקהל וראש העיר זיך באדאנקט פאר דעם חשוב׳ן פרינציפל הר״ר לייבוש הי״ו, וועלכער האט דורכגעפירט א מורא׳דיגע ארבעט אויפצושאקלען דעם סיסטעם אינערהאלב די סקול און עס ארויפברענגען עשר מעלות צו א גאר הויכן שטאפל, וואס שפיגלט זיך אפ אין די שמייכלדיגע פנימ׳ער פון די ליכטיגע קינדערלעך שיחיו.

ר׳ אברהם האט אנגעוויזן אז מ׳הערט כסדר פון פארשידענע ריכטונגען איבער די אויסטערלישע ארבעט וואס ווערט אריינגעלייגט און דעם שטארקן סוקסעס פון די סקול איינגעשטעלטע אין זייער ארבעט, און די סיבה דערפאר איז ווייל ס׳זענען טאקע דא 70 שפראכן אויף דער וועלט, אבער איין שפראך פארשטייט יעדער איינציגער מענטש, די ״הארץ שפראך״. און ״כמים הפנים לפנים כן לב האדם לאדם״, וויבאלד די געטרייע ארבעטער פון שערי חמלה ארבעטן מיט אזויפיל אידיש הארץ און ווארימער געפיל, שפיגלט זיך דאס אפ אין די קינדערלעך.

דערנאך האט ר׳ אברהם שליט״א פארענדיגט מיט׳ן איבער׳חזר׳ן וואס ר׳ ידידי׳ האט שוין געזאגט בעפאר, אז מ׳דארף כסדר האלטן פאר די אויגן ווי ווייט מיר זענען פארפליכטעט צו מאכן א קידוש השם אויף יעדן טריט און שריט, און געדענקען אלעמאל אז דער מוסד איז מיסודו פונעם כח וזכות של מרן רביה״ק בעל דברי יואל זי״ע, און נמשך דורכ׳ן מייסד המוסד מרן רביה״ק בעל ברך משה זי״ע, און ווערט ווייטער געפירט בגאון ובעוז דורך כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א, עד ביאת הגואל ב״ב.

נאך ר׳ אברהם׳ס הארציגע ווערטער האט מען געוויזן פאר די אנוועזנדע א רירנדע און עמאציאנעלע פרעזענטאציע, מיט קלארע בילדער און דאקומענטן איבער דעם גאנצן הלוך ילך וויאזוי עס גייט צו דער טאג טעגליכער סדר היום אין אלע אפטיילונגען פון שערי חמלה.

דיגעניטשאפט, פראפעסיאנאלקייט, איבערגעגעבנקייט און געטריישאפט פון די אנגעשטעלטע, וואס טראץ די אומבאגרייפליך-שווערע פיזישע און גייסטיגע ארבעט ווערן זיי נישט מיד פון דורכפירן זייער עבודת הקודש בשלימות, טאג נאך טאג, וואך נאך וואך, וואס האט אזוי קלאר ארויסגעשיינט פון די פרייליכע לעכטיגע צורה׳לעך וועלכע האבן צוריק געגלאנצט פון די פארטרערטע אויגן פון די פארזאמלטע אינעם זאל, האט געצייגט קלאר דעם אומשאצבארן ווערד פון יעדע ברעקל פלאג און מיה, צער און עגמת נפש, צייט און געלט, וואס איז אוועקגעגעבן געווארן צו פארזיכערן נישט בלויז אז דער מוסד זאל אנגיין, נאר אז עס זאל טאקע ווערן אהערגעשטעלט אויפ׳ן בעסטן און שענסטן אופן, נישט קוקנדיג אויף קיין פרייז אדער פלאג.

ס׳איז שווער ארויסצומאלן מיט שווארצע אותיות אויף טרוקענעם פאפיר וויאזוי דער זאל האט אויסגעקוקט נאך די פרעזענטאציע. אזויפיל איז גרינג צו זאגן: דער זאל איז נישט געווען אזוי טרוקן ווי דער פאפיר...

נאך די ענדע פון די אסיפה האט מען נאך געקענט מיטהאלטן ווי די באורד מעמבערס דיסקוסירן צווישן זיך די פארשידענע וויכטיגע דעטאלן וועלכע זענען אויסגעשמועסט געווארן, אזוי אויך זענען זיי איבערגעגאנגען מיט די סקול אדמיניסטראציע אסאך אינפארמאציע איבער די מערערע פראגראמען וועלכע זענען איינגעשטעלט געווארן, און די פלענער וועלכע זענען אין שוואונג.

באזונדער האט די סקול אדמיניסטראציע אויסגעדריקט זייער דאנק פאר די סקול דיסטריקט באורד מעמבערס איבער זייער פארשטענדעניש און איינזעעניש ווען ס׳קומט צו די הצלחה און סוקסעס פון די הייליגע ריינע נשמות, טראץ די שווערע קאסטן וואס זיי דארפן באשטעטיגן, און וואס נאטורליך קומט עס נישט אלעמאל אן אזוי גרינג, מיט דעם אלעם פארשטייט א אידיש הארץ אז ווען ס׳קומט צו די קינדערלעך שיחיו טאר מען נישט קוקן אויף גארנישט.



אויסצוגן פון אינהאלטסרייכע דרשה פון באגאבטן פרינציפעל פון הייליגן מוסד "שערי חמלה"

# הרה"ח ר' לייבוש האלפערין הי"ו

## ביי עמאָציאָנעלע "פרישטאג" מיט די באורד מעמבערס און אדמיניסטראציע פונעם קרית יואל סקול דיסטריקט

(ס'איז כדאי אדורכצוליינען ביז'ן סוף...)

יעדע גרויסע קאמפאני וואס האט אסאך סטאקס איז דא איין מאל א יאר וואס מען קומט זיך צוזאם צו געבן א רעפארט וויאזוי די קאמפאני גייט. די מיטינג היינט רוף איך א מיטינג פון סטאק האלדערס, איבער צו געבן א קורצע באריכט פשוט וואס מען האט אויפגעטוען, און די הייליטס אין די לעצטע יארן.

איך ווייס נישט אויב מ'קען דא זאגן דעם אויסדרוק ברוך השם, אבער ב"ה די סקול איז געווארן גרעסער. עס איז דא זייער אסאך קינדער וואס דארפן הילף, מען קוקט היינט אן די נומבערס איז דא איבער 400 קינדער וואס באקומען סערוויסעס דורך דעם סקול דיסטריקט. עס איז דא היינט איבער 250 איינגעשטעלטע וואס ארבעטן מיט קינדער אין שערי חמלה בילדינג אליין.

דער עיקר וואס איך וויל דא זאגן איז א מעסעדזש אין נאמען פון אונזערע קינדער איך וועל עס יעצט זאגן מען וועט עס נאך זאגן אסאך מאל, די מעסעזש איז 2 ווערטער: "טענק יוא"!

די באורד לייגט אריין כוחות, מיטינגס ביינאכט, עגמת נפש, די דאגה מען טראגט דעם עול אז די קינדער זאלן באקומען וואס זיי באקומען. עס זענען דא אסאך קינדער וואס קענען עס נישט זאגן געהעריג, אנדערע קינדער קענען עס בכלל נישט זאגן, איך מיין אז עס איז מיין פאזיציע צו זיין דער וואס רעדט פאר די קינדער. דער מעסעדזש איז "יישר כח".

איך וועל רעדן וועגן 5 זאכן. קודם וואס מיר האבן צוזאמגעשטעלט א "מישען סטעיטמענט". א "עליטע טיעם". "עקסעלענס אוו עדיוקעשאן". און "סערוויסעס אוו קאמיוניטי". דערנאך אפאר ווערטער צו מסיים זיין.

### וואס איז די מיסיע פון "שערי חמלה"?!

בערך 2 יאר צוריק זענען מיר געגאנגען צו סטעף מעמבערס. נאכאמאל, עס זענען דא איבער 250 סטעף מעמבערס אין סקול אליינס, יעדער טוט וואס ער דארף צו טון, אבער אין א סקול דארף צו זיין א "מישען", וואס טוט מען דא און וואס דארף זיין אונזער פאקוס. מען האט ארויס געגעבן א פארמעסט, יעדער האט געדארפט אריינגעבן א קארטל וואס זיי מיינען און וואס איז די עיקר דא.

אבער למעשה צום סוף איז געבליבן דאס איז אונזער לאגא, ס'איז אלעס וועגן אונזערע קינדער. ס'איז זייער שיין ווען מען מאכט א "מישען סטעיטמענט" עס זאל זיין אויף די וואנט. אמאל מאכט מען עס ווייל די סטעיט פארלאנגט עס. אבער ביי אונז איז עס געווארן א סלאגאן וואס אונז נוצן מיר כמעט יעדן טאג.

יעדע החלטה וואס מען מאכט דא אין סקול, יעדע מיטינג וואס מען מאכט דא מיט די סטעף, חזר'ט מען דעס איבער, מיר זענען דא פאר איין סיבה און נאר פאר איין סיבה, אונז זענען מיר דא וועגן אונזערע קינדער.

מיר האבן די אלע זאכן צוזאמגענומען, און [דער סופעראינטענדענט] מר. פעטלין האט געמאכט דערפון א שיינע "מישען סטעיטמענט", "די מישען אוו קרית יואל סקול דיסטריקט".

אבער א "מישען סטעיטמענט" פאר זיך איז א שטיקל פעפער, א מישען פעפער פאר זיך אליין מיינט נאכנישט אסאך, און מען דארף אסאך סיעתא דשמיא, צו נעמען די מישען סטעיטמענט, און זען אז יעדע שורה וואס שטייט דא, יעדע ווארט וואס שטייט דא, זאל מען טאקע טון הלכה למעשה.

לויט וויאזוי אונזער מישען סטעטמענט איז געווארן צוזאמגעשטעלט איז די זאך א "אינטער-רילעטעט סיסטעם".

"אינטער-רילעיטעט סיסטעם" מיינט אז מען פאנגט אן מיט אן עליטע טיעם, מען נעמט די בעסטע סטעף מעמבערס וואס ס'איז דא. ווען מען האט גוטע סטעף מעמבערס מען האט א גוטע טיעם דאס מאכט מען זאל קענען צוקומען צו "עקסעלענס אוו עדיוקעשאן". און ווען מען האט א גיטע טיעם, און מען האט אן אויסגעצייכנטע עדיוקעישאן, איז דאס א סערוויס פאר די קאמיוניטי, ווייל מען הערט כסדר פון טאטעס און מאמעס, זיי ווילן מען זאל אמת'דיג צושטעלן פאר די קינדער.

איינמאל מען האט די 3 זאכן, דאן גייט דאס שוין אזוי אהין און צוריק. ווען מען שטעלט צו שיין פאר די קאמיוניטי ווילן מיר האבן נאך מער "עקסעלענס אוו עדיוקעשאן", און אזוי וועט די קאמיוניטי זיין נאך מער פרייליך. אבער דער עיקר איז די 3 זאכן טאר מען נישט פארגעסן, אלעס איז וועגן אונזערע קינדער. אונז דארף מיר ארבעטן מיט יעדן איינציגן קינד כסדר.

### יעדעס קינד איז א גאנצער מוסד פאר זיך!

אבער נאכדעם זענען מיר געגאנגען ווייטער. אויב זענען מיר טאקע דא פאר אונזערע קינדער, וואס דארף מיר דא טון פאר זיי?! און אונזער סטעף האט אונז געגעבן 2 ענטפערס: 1) אויפשפארן זייער פאטענציעל; און 2) עפענען די טויערן פאר א ליכטיגערן צוקונפט.

"אויפשפארן דעם פאטענציעל", וואס מיינט דאס?

יעדעס קינד איז אייגנארטיג. אין א געווענליכע חדר, מיידל שולע, קען מען צוזאמשטעלן א "קאריקולעם" [סדר הלימוד], דאס לערנט מען אין די ערשטע קלאס און דעס לערנט מען אין די צווייטע קלאס, אא"וו. אבער דא, יעדעס קינד וואס קומט אריין איז 'יוניק', יעדע קינד איז אנדערש, א וועלט פאר זיך. פאר יעדן איינציג קינד מוז מען צוזאמשטעלן א פראגראם וואס איז צוגעפאסט פאר דעם קינד, מיר דארפן טרעפן דעם שליסל. אין א געהעריגע מוסד גייט עס אויך נישט אזוי גרינג, על אחת כמה וכמה דא.

די קינדער קומען נישט אריין מיט קיין 'אינסטראקשעענס'. פאר יעדן קינד דארף מען אריינלייגן א געוואלד פון כח, און מח, צו טרעפן וואס זענען די שליסלעך, טרעפן וויאזוי מען קען אנקומען צו דעם קינד, און אסאך מאל טוישט זיך דער 'שלאס'. סאיז דא קינדער וואס טוישן זיך. אסאך מאל, נאך וואס מ'האט שוין געטראפן די מהלך צו דעם קינד, טוישט זיך אבער דאס קינד און ס'איז צייט פאר די נעקסטע מהלך.

אונז זענען מיר נישט קיין מוסד וואס מען קען זאגן אז אונז האבן מיר דריי-פיר מהלכים וויאזוי מ'גייט און דאס איז עס. מען דארף כסדר מחדש זיין די נייע מהלכים, וויאזוי מען קען עס צופאסן צו יעדן קינד. אפשר איז דא ערגעץ וואו מ'קען טרעפן נאך א נייע מעטעדאלאַזשי, אפשר איז דא א נייע מהלך וויאזוי מען קען העלפן דעם קינד.

### "עפענען טויערן פאר א ליכטיגערן צוקונפט"

ס'איז דא קינדער וואס זענען דא פאר א קורצע צייט, אבער ס'זענען דא קינדער וואס געפינען זיך דא פון די 5 ביז די 21.

אין די ביזנעס וועלט זאגט מען, "אויב דו ווילסט א גוטע ביזנעס, דארפסטו אנהייבן ארבעטן מיט דעם ציל אין קאפ". דא האט מען עס אויך געדארפט טון. מען האט געדארפט פריש אנהייבן פריש מחדש זיין דעם פראגראם און טראכטן: אויף וואס גרייטן מיר אונז אן די קינדער?!

צוזאמען מיט די סטעף זענען מיר אויפגעקומען מיט די זאכן אז דאס דארף זיין אונזער פריאריטעט. וואו עס איז מעגליך דארף מען געבן פאר די קינדער זעלבסטשטענדיגקייט. די מעגליכקייט צו באשטייערן פאר סאסייעטי, ווייל אפילו די קינדערלעך דא האבן זייער זייער ליב צו טון. זיי קומען אהער זיי זענען מקבלים, מען גיבט זיי טאקע אסאך, אבער כדי א מענטש זאל אמת'דיג זיין צופרידן דארף ער קענען צו געבן פאר א צווייטן אויכעט.

דארף מען זוכן צו טרעפן וואס [די קינדער] קענען געבן פאר אנדערע, זיי זאלן האבן באדייטנספולע קאריערעס. נישט סתם טרעפן א זשאב ווייל דאס איז יעצט געווען עוועלעיבל. לאמיר פרובירן כאטש צו טרעפן פאר די קינדער א פלאץ וואו זיי קענען אמת'דיג מצליח זיין.

דאס איז נישט קיין זאך וואס מען קען זיך אויפוועקן ווען א קינד איז 21. כדי די קינדער זאלן מצליח זיין שפעטער אין א געהעריגע פלאץ דארף מען אריינלייגן אסאך הארעוואניע פארדעם. די סטעף זאגט אז מען דארף אנפאנגען טראכטן דערפון ווען א קינד איז 15 אדער 16. אונז האבן מיר ר' יצחק גרינפעלד, וואס ער לייגט אריין כוחות אין דעם אסאך אסאך פריעה, צוזאמצושטעלן א פראגראם פאר יעדן קינד, טרעפן ארבעטס פלעצער פאר די קינדער וואו זיי קענען גיין, וואו זיי קענען האבן זשאבס מצליח צו זיין.

"איך האב שוין געארבעט אין אנדערע סקולס. נישטא נאך אזא פלאץ ווי קרית יואל!"

### "ליב האבן צו פארברענגען מיט געזעלשאפט".

איך וועל צולייגן. איך האב געארבעט אין אנדערע סקול דיסטריקטן, אין אנדערע סקולס, קרית יואל איז איינע פון די פלעצער וואס קען זיין א מוסטער און א ביישפיל פאר אנדערע פלעצער וויאזוי מען קען נעמען קינדער מיט ספעשיל נידס אין זיי אריינלייגן אין די געזעלשאפט, קומען דאווענען מיט אנדערע, זיין א חלק פון די קאמיוניטי.

און אויב מען וויל טאקע דארט אנקומען, האבן מיר געדארפט קוקן וואס קען זיין די כלים אנצוקומען, דאס דארף זיין 3 זאכן וואס מיר מוזן האבן, מען וויל אנקומען הויך דארף מען האבן זייער א שטארקן טיעם דערצו. אויב מען וועט האבן מענטשן וואס זענען אזעלכע בדיעבד'יגע ארבעטארער וועט מען נישט קענען אנקומען.

"עקסעלענס אוו עדיוקעשאן", מיינט אז מען דארף האבן הויכע צילן וואו מען וויל אנקומען, און "קאמיוניטי סערוויסעס" מיינט אז יעדער סטעף מעמבער דא דארף פארשטיין אז מען איז נישט דא צו זיין אליין א פראפעשאנעל, מען איז דא צו סערווירן א קאמיוניטי, און מען דארף פארשטיין וואס די קאמיוניטי דארף אלץ און וואס די עלטערן דארפן.

### מיין "דריעם טיעם" איז אין די דאזיגע סקול!

אויפשפארן דעם פאטענציאל, און עפענען די טויערן צו א ליכטיגערן צוקונפט. ווי אזוי האט מען דאס געטון? עליטע טיעם!

איינער פון די פראפעסארס וועלכער האט מיך אויסגעלערנט צו זיין א אדמיניסטראטאר האט אמאל געזאגט, "אויב דו ווילסט אנהייבן א גוטע סקול, דארפסטו אנהייבן ביים שפיץ". איינע פון די קאנצעפטן פון וואס מען האט דארט אמאל גערעדט איז געווען פון "לעוועל 5 פירערשאפט". איך וועל נישט אריינגיין יעצט אין די גאנצע קאנצעפט אבער לעוועל 5 פירערשאפט מיינט אז מען דארף האבן פירערס וועלכע האבן 2 ערליי מדות וועלכע זענען באמת א גרויסע סתירה. מצד אחד דארף מען האבן מענטשן וואס זענען מורא'דיג 'האמבל', מען דארף זיין א עניו, נישט א מענטש וואס נעמט קרעדיט פאר וואס מען האט געטון, אבער מצד שני מוז דער מענטש זיין מורא'דיג מורא'דיג שטארק און קענען טון וואס מען דארף און קיינמאל נישט ווערן דערשראקן, שטיין פעסט צו קענען ענדיגן דעם זשאב.

דא איז מיין געלעגנהייט צו זאגן פאר'ן באורד, אבער אויך צו זאגן פאר די מענטשן וואס ארבעטן מיט מיר, מיין אדמיניסטראטיווע טיעם דא אין סקול. איך רעד נישט נאר דא, איך רעד ערגעץ אנדערש, מענטשן פרעגן מיך "וויאזוי גייט עס דארט?", דאס ווארט וואס איך נוץ דא צו באצייכענען איז "מיין דריעם טיעם"! ר' ידידי' פישער; ר' אהרן וואלף פאלאטשעק; מרת גאטליעב; מרת שווארץ; און מרת שווארץ.

איך דאנק דעם באשעפער, און איך וויל אויסדרוקן מיין אנערקענונג און דאנק פאר די באורד אז זיי ערמעגליכן מיר צו האבן דעם טיעם, און איך וויל דאנקען מיין אדמיניסטראטיווע טיעם פאר ארבעטן אזוי איבערגעגעבן.

ס'איז נישט נאר די אדמיניסטראטיווע טיעם, אונטער די טיעם זענען דא די סעקרעטעריס, מרת קויפמאן; מרת לאנדא; און זייער טיעם וואס איז אונטער זיי.

איך גלייב נישט אז ס'איז דא אסאך ארגאניזאציעס אדער סקולס וואס האבן די סארט פראבלעמען וואס אונז האבן מיר דא. למשל לעצטע וואך דאנערשטאג האבן מיר געהאט א גרויסע פראבלעם, ר' אהרן וואלף [פאלאטשעק] מיט מיר. ס'איז געווען עפעס א פראיעקט וואס מען האט געדארפט ענדיגן, מיר האבן שוין געהאט געהערט אז מיטוואך נאכט זענען געווען סטעף מעמבערס וואס זענען געווען דא ביז 7 אזייגער, אבער דאנערשטאג זענען געווען דא סטעף מעמבערס וואס זענען געווען דא ביז 11:30! אויב מיר וואלטן זיי נישט געסטראשעט אז מיר וועלן אויספלאגן די קאמפיוטערס און ארויסווארפן מיט די הענט וואלטן זיי דא געבליבן ביז פרייטיג צופרי!

דאס איז א טיעם וואס ווען איך בעט אז איך דארף עפעס טון, וועלן זיי מיר אייביג זאגן, איך וועל דיך צושטעלן נישט נאר א-ב-ג, נאר אויך ד-ה-ו-ז-ח ביז ת, אלעס באקומט מען און נאכדעם גייט מען און מען זאגט, אפשר קען איך צולייגן נאך אביסל מער.

### וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך!

אמאל ס'קומט א גאסט פונדערווייטנס, קען מען אמאל זען וואס מען פארמאגט דא.

צוויי וואכן צוריק האבן מיר דא געהאט א וויזיט פון 20 אפיצירן פון וועסט פוינט (הערת הזעצער: זעט באזונדערע נייעס דערוועגן). מר. פעטלין מיט מיר האבן באקומען א אימעיל פון די וואס פירן אן דעם פראגראם, טאם וואודראף, ער איז א לוטענאנט קוירנעל אין וועסט פוינט, ער איז דער דירעקטאר פון "לידערשיפ טרעינינג", ער האט אויסגעלערנט פאר זיינע אפיצירן, זיי האבן שוין שטודירט 62 פארשידענע קולטורן, ער שרייבט אין זיין אימעיל אז "דאס קומען צו די קאמיוניטי אין קרית יואל, צו די סקול, דאס איז געווען דער 'הייליייט' [שפיץ] פון זייער טרעינירונג"!

דאס זענען סאלדאטן פון אינדרויסן, זיי האבן באקומען א סערוויס אזוי ווי מען שטעלט דא אייביג צו, דורך מרת גרינוואלד, וואס איז די אנפירער פון די

(פארזעצונג אויף זייט 35)

# VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220



**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin

**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman


בס"ד

# וויכטיגע אנווייזונגען פאר תושבי קרית יואל אין פאל פון א שניי

1) מען זאל נישט פארקן די קארס אויף די ראודס אדער אויף די סיידוואקס כדי די שארער טראקס זאלן קענען געהעריג פוצן די שניי.

2) אכטונג געבן ווען מען פוצט אוועק די שניי פון ארום די קאר און פון די דרייוו–וועיס אז מען זאל נישט שליידערן די שניי אויף די ראודס.

3) אכטונג געבן אויף די קינדער נישט צו שטיין נעבן די סיידוואק שארער כדי עס זאל נישט צוקומען ח"ו צו קיין סכנה.

4) אזוי אויך זאל מען נישט לאזן אויף די סיידוואקס קיין גארבידזש קענס, שאוולעך, אדער בייקס וכדומה, ווייל די זאכן ווערן צובראכן פונעם שארער טראק.

5) אין די צייטן ווען די ראודס זענען גליטשיג, זאל מען זיך פארמיידן ווי ווייט מעגליך פון גיין אויף די ראודס, אזוי אויך איז זייער וויכטיג צו גיין מיט "רעפלעקטארס", ווייל עס איז אוממעגליך די קארס זאלן באמערקן די דורכגייער, ספעציעל ביי קארנערס ווען די קארס דרייען זיך און קענען זיך נישט אפשטעלן.

6) יעדער איינוואוינער איז פאראנטווארטליך אויפצושארן די שניי ארום זיין פאסט קעסטל, ביי די ערטער וואו עס איז נישט געפוצט די שניי וועט מען נישט דעליווערן די פאסט.

7) איינוואוינער פון די אויבערשטע שטאקן זאלן אראפהאקן מיט א בעזעם די שטיקער אייז וואס הענגט אראפ פון דאך, ווייל דאס איז אומשטאנד אראפצושלעפן די דרענס פון הויז. (פארשטייט זיך מען זאל אכטונג געבן קיינער זאל זיך נישט געפינען אונטער דעם בשעת מען ברעכט דאס אראפ).

מיט דאנק

**די ווילידזש**

## אויסצוגן פון אינהאלטסרייכע דרשה פון באגאבטן פרינציפעל פון היילינגן מוסד "שערי חמלה"

# הרה"ח ר' לייבוש האלפערין הי"ו

(פארזעצונג פון זייט 33)

וואקעישאנעל קיך (הערת הזעצער: די קיך אינעם סקול וואו מ'ארבעט כסדר מיט די קינדער זיי אויסצולערנען די פאך פון קאכן). יענער האט עס געשריבן מיט דעם וואס פירט אן מיט די סאלדאטן דארט אז זיי האבן נישט געקענט אויפהערן זאגן וואספארא ווארימע אטמאספערע זיי האבן געזען דא אין דעם סקול.

אפאר וואכן צוריק איז דא געווען ביל העכט, דער סופער אינטענדענט פון באוסיס. מר. פעטלין האט אים געפרעגט אויב דאס איז וואס ער האט ערווארטעט צו טרעפן דא, האט ער אים געענטפערט, איך געדענק נישט די פונקטליכע ווערטער זיינע, אבער ער האט געזאגט אז ער האט אלעמאל געוואוסט דאס איז א גוטע סקול, אבער די ווארעמקייט פון די קינדער און וויאזוי מען האט אים אויפגענומען דאס האט ער בכלל נישט ערווארטעט.

## וואס וואלט דער בעל שם טוב הקי' געזאגט?

די וואך פרייטאג. מיר האבן פארשידענע ערליי קלאסן. אונז האבן מיר אויבן א קלאס פון די שוואכסטע פונקציאנירנדע קינדער, די קינדער איז קוים קוים וואס זיי זענען וואַך, אויבן האט מרת פלאהר זיי געמאכט דארט אויבן א בוירטסדעי פארטי פאר איינעם פון די קינדער דארט אויבן. איך בין אריינגעגאנגען אין די קלאס פרייטאג, די קינדער האבן געלאכט, די קינדער האבן געשמייכלט, איך האב זיי נאך קיינמאל נישט געזען אזוי שמייכלען. דארט איז דא א אינגעלע, יוד'עלע, ער האט געשמייכלט און געלאכט.

ס'איז באקאנט די מעשה פון בעל שם טוב, אז ס'געווען אמאל ר"ה א פאסטוך וואס איז אריינגעקומען ער האט נישט געקענט דאווענען צום באשעפער, ער האט ארויסגענומען זיין פייפערל, ער האט געגעבן עפעס א פייף און דאס האט אין הימל געמאכט א מוראדיג'ע רעש.

ביי מיר איז נישט קיין שום ספק אז דאס שמייכל, דאס לאכן פון דעם קינד, מאכט אין הימל א מורא'דיגן מורא'דיגן רעש, און ס'רודערט אויף וועלטן אז ס'איז דא א סקול אין א שטעטעלע קרית יואל, וואס ס'איז דא קינדער וואס אין אנדערע סקולס וואלט מען זיי געלאזט ליגן אויפן בעט דארט, זיי זאלן דארט ליגן און מען זאל טון די מינימום וואס מען קען טון, און דא איז מען געגאנגען מען האט זיי צוגעשטעלט, מען האט געמאכט און געטון, אלע סטעף האבן זיך פארשטעלט, יעדער האט עפעס געמאכט פשוט ארויפצוברענגען עפעס א שמייכל, אביסל ליכטיגקייט פון די קינדערלעך.

## איינגעטיילט די סקול אין 4 אפטיילונגען

עליטע טיעם מיינט נישט נאר אין די אדמיניסטראציע, נאר אונז האבן מיר עס געוואלט אראפברענגען עס זאל אמת'דיג ארבעטן אין די קלאסן אויכעט, ווען מען קומט אריין אין די בילדינג שטייט "טיעם – ט'אגעדער ע'וועריוואן ע'טשיווס מאור". (Together Everyone Achieves More)

טיעם האט אבער געמיינט 2 זאכן: 1) מען דארף ארבעטן מורא'דיג מורא'דיג נאנט צוזאמען; 2) די אנדערע חלק האט מען געמיינט וויאזוי מען גייט איינטיילן די סקול.

אונז האבן מיר צוזאמגעשטעלט אזוי ווי אין אנדערע סקולס. אונז האבן מיר געזען אין א אנדערע סקול וויאזוי זיי האבן צוזאמגעשטעלט די קאנצעפט. מיר האבן עס געגרופן די 4 "מיני סקולס", 4 קליינע סקולעלעך. אונז האבן מיר איינגעטיילט די סקול אין 4 חלקים: 1) טאדלערס; 2) עלעמענטערי; 3) עדאלעסענט מיידלעך; 4) און עדאלעסענט אינגלעך. יעדע אפטיילונג האט באקומען אן אנדערע קאליר.

## געטרייע און געלונגענע קאארדינאטארס, שליסל פון סקול'ס הצלחה

אין יעדע פון די דיוויזיעס האט מען אריינגעלייגט די קאארדינעטארס. די קאארדינעטארס האט מען אריינגעלייגט שוין 2 און א האלב יאר צוריק. אין די פרי סקול ביי טאדלערס איז עס מרת ראטענבערג. מרת. ראטענבערג האט 5 פרי סקול קלאסן וואס זי סופערווייזט אויך אלע טעראפיס, פון די קינדער וואס קומען דא אריין, די טאדלערס וואס קומען דא אריין אין בילדינג צו באקומען טעראפי.

דארט אין פרי סקול איז דא מרת פרנס, וואס זי פלעגט אמאל זיין א טיטשער און זי איז סערטיפייד אין BCBA וואס מיינט זי איז א מבין אויף אויטיסטישע פראגראמען, און מרת הירש וואס זי פירט אן דעם עברי פראגראם, צווישן די 3 פירן זיי אן די גאנצע סטעף אין די פרי סקול און זיי סופערווייזן אלע סטעף וועלכע סערוויסען די קינדער וואס קומען אריין דא.

אין עלעמענטערי איז מרת ראטה. אין עלמענטערי איז דא 8 קלאסן צווישן די קלאסן זענען 5 דערפון ABA קלאסן. (הערת הזעצער: ABA איז די ספעציעלע באהאנדלונג פאר אויטיזם).

דאס ווייסט מען אין אנדערע סקולס אויכעט, פאר סיבות וואס אונז פארשטיי מיר נישט איז די ספעשל עד פאפולעישאן פאר קינדער וואס זענען אויטיסטיש, געווארן היינט צו טאגס אסאך אסאך מער, און צו סערוויסען די קינדער איז מורא'דיג מורא'דיג שווער. אין עלעמענטערי האבן מיר ליידער פאר אומבאקאנטע סיבות אסאך אזעלכע קינדער. דאס מיינט אז מען דארף א געוואלד פון סטעף דארט. מרת ראטה האט מיט זיך מרת מעלבער וואס זי איז א גרויסע מבין אויף ABA און מרת ניימאן וואס האט אהערגעשטעלט א הערליכע פראגראם פאר עברי, אין די קלאסן דארטן

היי סקול מיידלעך איז איינגעטיילט אין 2 חלקים, דא אין בילדינג איז מרת אייגנער די קאארדינאטאר. ס'איז דא 4 היי סקול קלאסן. פאר די ערשטע מאל האבן מיר געטוישט. ביז יעצט זענען געווען אין די קלאסן נאר 8 קינדער, אין די היי סקול האבן מיר אנגעפאנגען מיט נאך קינדער, שוין דא היינט א קלאס מיט 10 מיידלעך אינעווייניג.

אין בית רחל איז דא מרת צוויבל וואס זי איז שוין דא א פאר יאר אינעם דיסטריקט אבער דאס יאר האט זי אנגענומען די אפיציעלע טיטל פון קאארדינאטאר. דארט איז דא 3 "סעלף קאנטעינד" קלאסן, און זי סופערווייזט אלע טעראפי וואס מען שטעלט צו פאר די מיידלעך אין די מארקאוויטש בילדינג. מיט זיי איז דא מרת ראזענגארטן וואס שטעלט צוזאם די קאריקעלום און מרת סופר וואס שטעלט צוזאמען די עברי פראגראם פאר די אלע מיידלעך.

ביי די מענער איז דא ר' יוסף גאנץ, ס'איז דא 7 היי סקול קלאסן פון יונגלעך, און עס איז איינגעטיילט. א חלק דערפון איז ABA קלאסן; א חלק דערפון איז קינדער וואס קענען לערנען מער; און א חלק דערפון איז זייער שוואך-פונקציאנירנדע קינדער.

ביי די מענער דיוויזיע איז דא ר' פנחס ווארך, ער האט שוין לעצטע יאר סופערווייזט די "סעלף קאנטעינד" קלאסן אין די עצי חיים בילדינג, אבער דאס יאר האט ער אנגעפאנגען סופערווייזן אלע סעסיעס וועלכע זענען נישט דא אין אונזער בנין. דאס איז געווען א זאך וואס איז אמאל געפאלן צווישן די קרעקס. ס'איז דא אסאך טעראפיסטס וואס גייען אריין אין די חדרים און קלאסן סיי דא אין קרית יואל און סיי אין אלע בנינים וואו קינדער פון קרית יואלע שטייער צאלער זענען, אבער פונקטליך וואס גייט פאר דארט, נאכגיין יעדע טעראפי מאכן זיכער אז אלעס זאל זיין ווי עס דארף צו זיין האבן מיר ביז יעצט נישט געהאט איינער וואס זאל עס טון, דאס יאר האמיר די זשאב געגעבן פאר ר' פנחס. אין צוגאב צו די בנין עצי חיים, סופערווייזט ר' פנחס אלע טעראפיסטס וואס זענען אין "אפ-סייט" פראגראמען.

מיט זיי איז דא ר' יצחק גרינפעלד וואס ער שטעלט צוזאם די וואקעשאנעלס פראגראם; ר' יואל צבי טריגער וואס ער מאכט די עקעדעמיקס; און ר' ארי' הערשקאוויטש וואס האט אנגעפאנגען צו טון א עברי פראגראם פאר די אינגלעך.

די מעלות וואס אונז זע מיר און די פירות וואס אונז זע מיר מער און מער פון איינטיילן די סקול אזוי, איז דא צו סאך. איך קען רעדן דערפון נאך 12 שעה.

אנפאנג ווען מען האט אנגעפאנגען מען האט געזאגט מען וועט נעמען קאארדינאטארס, און מען האט צוגעלייגט אז די קאארדינאטארס וועלן זיין היימישע וואס זיי האבן נישט דעם לייסענס הענגען אויף די וואנט, זענען געווען אזעלכע וואס זענען געווארן מורא'דיג אנגעצויגן און נערוועז וויאזוי דאס גייט גיין, זיך געוואונדערט וויאזוי איך קען דאס טון?

## נאך געוואלדיגע אויפטועןן פון איינטיילן די סקול אין פיר אפטיילונגען

כ'וועל רעדן נאך פון אפאר זאכן וואס נאר אדאנק פון די קאארדינאטארס און זייער טיעם קען מען אנקומען.

**פולע קאמפלייענס מיט די IEP** – דאס איז א זאך וואס מען האט די יאר זיך אריינגעלייגט אין דעם.

יעדעס קינד האט א IEP, דארט שטייט אויסגערעכנט פונקטליך וואספארא סערוויסעס די קינדער דארפן באקומען. לעצטן זומער זענען אלע קאארדינאטארס אדורכגעגאנגען יעדע איינציגע IEP צו מאכן זיכער אז וואס עס איז אויף די סקעזשועל איז טאקע אויפ'ן IEP. וויבאלד זיי זענען די וואס סופערווייזן פאקטיש די טעראפיסטס, זענען זיי געווען די וואס האבן געמאכט זיכער אז וואס עס שטייט דארט איז וואס דאס קינד באקומט באמת.

**אפעקטיווע סופערוויזשאן** – מ'האט 250 סטעף מעמבערס. איך קען נישט נאכלויפן אלע 250 כסדר – טייל פון זיי זענען אסאך קלוגער פון מיר... – פאר איינעם נאכצולויפן יעדן מאכן זיכער אז יעדער זאל טון וואס מען דארף צו טון איז כמעט נישט מעגליך, איינמאל מען האט עס איינגעטיילט אין 4 אדער 6 טיעמס, און אויף יעדע פלאר איז דא די אפיס פון די קאארדינאטאר מיט זייער טיעם, און זיי זענען די וואס האבן פונקטליך געוואוסט וואס ס'שטייט אויפן IEP איז מער נישט געווען קיין חכמות.

היינט צו טאגס איז דא אין קלאס א סקעזשועל פון יעדע קינד יעדע וואך. יעדע טעראפיסט וואס קומט אריין דארף אריינשרייבן זיין/איר נאמען אז ער/זי האט טאקע גענומען דעם קינד. די סקעזשועל איז געמאכט געווארן פון די קאארדינאטאר, און די קאארדינאטאר זיצט דארט. ס'ארבעט ממש אזוי ווי א זייגער.

**קאמיוניקאציע** - היינט האט מען געמאכט איין נומבער. עלטערן ווייסן ווער עס איז די קאארדינאטאר פון יענע שטאק. די קאאארדינאטער איז די זעלבע וואס קען ענטפערן פאר טאטעס און מאמעס יעדע שאלה. די קאארדינאטארס האבן דעם גאנצן בילד און די אויטאריטעט צו ערלעדיגן, צו מאכן זיכער אז די עלטערן און בעיקר די קינדער זאלן באקומען דאס וואס זיי דארפן טאקע באקומען.

מען האט אריינגעלייגט א האלב יאר צוריק, אז איבער'ן גאנצן סקול איז היינט דא א פונקטליכע סקעדשועל, ס'איז דא א סקול בעל, און לויט דעם ארבעט די גאנצע סקול צו וויסן ווען מען דארף וואס טון, דאס איז א זאך וואס די קאארדינעטארס מיט זייער טיעם מאכן זיכער, אז יעדע קלאס טוט פונקטליך וואס זיי דארפן צו טון, אין די ריכטיגע צייט.

קאמוניקאציע. יעדן צופרי איז דא ביי מיר אין אפיס א קאמיוניקעשאן מיטינג. אמאל פלעגט זיין איין מאל א וואך א מיטינג מיט די דעפארטמענט הויפטן און זיי האבן עס איבערגעגעבן איין מאל א וואך צו זייערע מענטשן... אזוי איז געווען אסאך מיסקאמיוניקעשאן. היינט איז עס א מיטינג וואס גייט פאר אין אפיס יעדן צופרי. געווענליך נעמט עס נישט מער פון געציילטע מינוטן, אבער די אינפארמאציע גייט ארויס. ס'פליט ארויס די אינפארמאציע.

היינט אין סקול קען געשען 5 צו 6 צו גאר 7 איוועטנס דעם זעלבן טאג. מ'שמועסט עס דורך צופרי, זאכן גייען געשמירט. דאס איז צום פארדאנקען א זייער זייערע געניטע טיעם פון מורא'דיגע געלונגענע מענטשן וואס קומען זיך צוזאמען, דאס האט נישט צו טון מיט מיר. איך האב עס איינגעפעדעמט, אבער היינט געשעט די מיטינג צי איך בין דא צי איך בין נישט דא, מ'נעמט זיך צוזאם 5 מינוט אין די מיטינג און דאס איז גענוג.

## שטארקע כוחות אריינגעלייגט אין "סטעף דעוועלאפמענט און טרעינינג"

איינע פון די זאכן וואס מען דארף אייביג האבן איז די "סטעף דעוואלאפמענט".

סטעף דעוואלאפמענט פאר זיך אליינס הערט זיך ווי זייער א גוטע איידיע, אבער סטעף דעוואלאפמענט העלפט נאר ווען ס'העלפט טאקע פאר די קינדער.

א דאנק די קאארדינאטארס מיט זייערע טיעמס האט מען געקענט די זאך ברענגען צו א גענצליך נייע לעוועל.

לעצטע יאר האט מר. פעטלין אונז געהאלפן צוזאמשטעלן א נייע סטעף דעוועלאפמענט פלאן, און פלוצלונג האט די גאנצע מושג פון סטעף דעוועלאפמענט זיך געטוישט. סטעף דעוואלאפמענט מיינט נישט נאר אז א סטעף מעמבער גייט פאר א טרעינינג, עס מיינט אז די קינדער ווערן בעסער. און די כלי וויאזוי אנצוקומען איז מען מאכט פלענינג, ס'איז דא וועכנטליכע מיטינגס, טעראפי סקעדזשולינג, די טעראפי גרופעס איז פון די זאכן וואס מען האט דארט אויפגעטועןן.

סטעף דעוואלאפמענט איז א זאך וואס גייט אן כסדר פאר טיטשערס, טעראפיסטס, און פארא-פראפעשאנעלס. א חלק דערפון איז אז א פאר מאל א יאר ברענגט מען אראפ א גרויסן רעדנער, און איך וויל טאקע אויסדריקן מיין דאנק פאר די אדמיניסטראציע פונעם סקול דיסטריקט און ר' יצחק מאיר פעטלין, ר' יהושע קאמינעצקי, און ר' ישעי' ווערצבערגער, וואס אדאנק זיי האט מען די לעצטע 3 יאר געקענט האבן הערליכע הערליכע סטעף דעוואלאפמענט מיטינגס.

דאקטאר באב ברוקס איז געקומען דאס יאר. ער איז פון די גרעסטע אין דער וועלט. ער איז א פראפעסאר אין הארווארד יוניווערזיטי, ער האט גערעדט פאר די סטעף. אנפאנג יאר האט מען געקענט אריינברענגען שמעון ווארענקער, שמעון ווארענקער איז איינע פון די טאפ טאפ פרינציפעלס אין ניו יארק סיטי. ער פלעגט אמאל זיין פרינציפל אין יו. טי. עי. אין וויליאמסבורג. ער פירט איינע פון די באקאנטסטע סקולס אין נ"י סיטי. ער איז אהערגעקומען ער האט געמאכט סטעף דעוואלאפמענטס פאר אונזער סטעף דא.

אבער חוץ מזה איז יעדע וואך דא די סטעף מיטינגס פאר די סטעף. ס'איז דא א סקעדזשול וואס די קאארדינאטארס האבן צוזאמגעשטעלט אז יעדן טאג פון וואך איז דא א אנדערע דיוויזיע וואס האט א טרעינינג, און יעדע וואך איז דא א אנדערע סארט טרעינינג.

זיי קומען זיך צוזאמען די סטעף פון א יעדע קלאס און מ'זיצט און זיי גייען אדורך. ס'איז דא 4 ערליי טרעינינגס וואס מ'גייט אדורך יעדן חודש, ס'דא טיעם מיטינגס, מ'גייט אדורך קינדער, מ'גייט אדורך וואס קען מען טוען נאך בעסער צו העלפן א קינד.

די טרעינינג וואס גייט פאר, אין אפאר דיוויזעס מאך איך די טרעינינג, אין אנדערע דיוויזעס זענען זיי געגאנגען און האבן גענומען די אייגענע טעראפיסטס, וואס מרת מעלבער און מרת פרנס האבן צוזאמגעשטעלט א סקעדזשול אז דאס און דאס זענען די זאכן וואס מ'דארף אויסלערנען פאר די סטעף. אונזערע

(פארזעצונג אויף זייט 36)

## אויסצוגן פון אינהאלטסרייכע דרשה פון באגאבטן פרינציפעל פון הייליגן מוסד "שערי חמלה"

# הרה"ח ר' לייבוש האלפערן הי"ו

(פארזעצונג פון זייט 35)

אייגענע טעראפיסטס מאכן די טרעינינג, עס קאסט נישט קיין איין פעני עקסטער פון וואס מען צאלט זיי. די מיטינגס פלעגן זיי האבן בעפאר דעם אויכעט אבער אנשטאט דעם וואס מ'זיצט דארט און מ'וויל נישט קומען צו די מיטינגס, היינט וויל יעדער קומען.

נאך יעדע טרעינינג סעשאן איז דא א געמיינזאמע מיטינג וואס איין וואך רעדט מען וואס מען דארף צו טון און די וואך נאכדעם רעדט מען הלכה למעשה וואס קען מען יעצט העלפן פאר די קינדער, וויאזוי גיי מיר דאס איינשטעלן אין די קלאס. און אזוי ווייטער.

מיטינגס וועגן די קינדער האט מען צוזאמגעשטעלט אזוי, יעדע קינד אין א יעדע דיוויזשאן, איז דא א חשבון ווער איז די טערעפיסט פונעם קינד וועלכע וואך, און מ'גייט אדורך יעדן קינד, אזוי אז במשך א יאר איז מען אדורך געגאנגען אלע קינדער מיט אלע זייערע טעראפיסטס. דאס איז נישט די עמטליכע מיטינג וואס איז דא איינמאל א יאר וועגן יעדן קינד, נאר דאס איז אין צוגאב, פשוט צוזאמען צו זיצן און טראכטן, וויאזוי קען מען נאך העלפן פאר די קינדער.

ס'איז א גרעסערע טרעינינג. ר' יוסף גאנץ מיט ר' יואל צבי טריגער מאכן די טרעינינג פאר אלע מענער דא. פשוט צו זען ווי אזוי מען קען נאך אויפטון וויאזוי קען מען גיין ווייטער. דאס איז די טרעינינג אויף "עקסעלענס אוו עדיוקעשאן".

אבער ס'מיינט די צילן וואס מען וויל אנקומען מיט די קינדער. די ערוווארטונגען זענען אסאך אסאך העכער, און אויף דעם זענען טאקע די מיטינגס און מ'זעצט זיך צוזאם און מ'פארשטייט בעסער.

ואחרון אחרון חביב.

**PBIS** איז א נייע פראגראם וואס מען האט אריינגעברענגט, **PBIS** איז א הערליכע פראגראם. **PBIS** שטייט פאר פ'אזיטיוו ב'יהעוואר א'ינטערווענשאן ס'יסטעם. א טרעינער קומט אראפ. זי

### לאנגיאריגער חלום פון "טעראפי גרופעס" ענדליך איינגעשטעלט

טעראפי גרופעס איז א חלום וואס מיר האבן שוין געהאט א לאנגע צייט.

א קינד דארף אמאל באקומען טעראפי אליין, אבער נאכדעם דארף א קינד זיך אויכעט אויסלערנען וויאזוי טוט מען דאס אין א קלאס מיט אנדערע קינדער צוזאמען. טאקע דא אמאל א קינד וואס דארף האבן אינדיווידועל טעראפי, אבער קינדער וואס דארפן זיך אויסלערנען שפראך למשל איז נישט דא קיין סיבה פאר וואס מ'קען נישט נעמען 3-4 קינדער מיט איין טעראפיסט.

ב"ה דאס איז א זאך וואס געשעט יעצט, יעדע קלאס האט יעדע וואך **ot** [אקיופעישענעל טעראפי] און **pt** [פיזיקעל טעראפי] ספיטש אין א קאנסעלינג גרופע. פאר די קינדערס העלפט עס, און למעשה העלפט עס פאר די טיטשערס אויך.

איך גיי צוריק צו "עקסעלענס אוו עדיוקעשאן". דאס יאר האב מיר אריינגעברענגט 2 נייע קאנצעפטס. איך וועל נישט אריינגיין צו טיף באריכות נאר פשוט שילדערן וואס מען האט געטון. איינס רופט זיך די **yf** עדיוקעישאן, דאס איז א סיסטעם וואו מען האט צוזאמגענומען די 4 דיוויזשאנס: פרי סקול; עלעמענטערי; די היי סקול אינגלעך און די היי סקול מיידלעך צו מאכן זיכער אז וואס מען טוט אין איין קלאס זאל מען נישט איבערטון אין די נעקסטע קלאס.

וואס מיינט הלכה למעשה, איך וועל נישט אריינגיין אין צו סאך דיטעילס, איז געווען דא אין זומער 3 גאנצע טעג צו טרענירן אונזערע טיעמס.

לויט דעם האט מען צוזאמגעשטעלט אן "אויפפירונג פראגראם" פאר די קינדער. זיכערהייט; מעננערס; זעלבסטשטענדיגקייט; עקסעלענס אוו עדיוקעשאן; סמייל. און פאר די קינדער האט מען צוזאמגעשטעלט א הערליכע פראגראם וואס מען האט געמאכט פלעיס פאר זיי. ס'איז דא א געשעפט וואו די קינדער קענען באקומען פרייזעס.

די דאקטאר וואס קומט אהער פאר **PBIS**, זי גייט ארום זי נעמט פיקטשערס יעדע מאל וואס זיא איז דא און זי ווייזט עס פאר די סטעיט, ווייל זי זאגט ס'נישט דא קיין איין אנדערע סקול וואס זי האט אזא מין טיעם וואו זאכן רוקן זיך אזוי שנעל. אבער פאר די קינדער איז דאס א פראגראם וואס מאכט זיי זיך אויפפירן אסאך בעסער. די קינדער זענען עקסיידעט, צוצושטעלן און זיך אויפפירן וויאזוי זיי דארפן זיך אויפפירן.

### פארבעסערט קאמוניקאציע מיט די עלטערן

סערוויס טו די קאמיוניטי. אונז שיקן מיר ארויס פאר עלטערן כסדר אנאנימע "פערענטס סוירוועיס" אז עלטערן זאלן אונז זאגן וואס מ'דארף פארבעסערן

קאמיוניקעשאנס בוקס, מענדעיטעט קאמיוניקעישאן, קאמיוניקעישאן לאגס, פי-בי-איי'ס קאמיוניקעישאן, ניו ניוזלעטערס, מאנטלי אינפארמעישאן סעשאנס.

אונז האבן מיר פאר יעדן קינד א "קאמיוניקעישאנס בוק" וואס אינעווייניג דארף די טיטשער אריינשרייבן כסדר ווי אזוי ס'גייט מיטן קינד. לעצטע יאר האבן מיר עס מציע געווען אז די טיטשערס דארפן שרייבן, און היי יאר איז עס שוין פארלאנגט אז טיטשערס דארפן אריינשרייבן. יעדע טעראפיסט האט א גאנצע שאנק מיט סטיקערס, ווען א קינד גייט צו טעראפי מוז די טערעפיסט אריינלייגן א סטיקער און שרייבן וויאזוי דאס קינד האט זיך אויפגעפירט. יעדע סוף טאג שרייבט די טיטשער אריין ווי אזוי דאס קינד האט זיך אויפגעפירט אין קלאס.

(פארזעצונג אויף זייט 37)


קרית יואל
וואל קאמיטע שע"י

אנ"ש דקרית יואל

ANASH
United Citizens of Kiryas Joel

אנשי שלומינו דקרית יואל
ANASH United Citizens of Kiryas Joel

בס"ד

כסלו תשע"ד

# א הארציגן דאנק!

# פאר די 6,469

# שטים-בארעכטיגטע תושבי קרית יואל

וועלכע האבן פארגאנגענעם דינסטאג פ' ויצא העעל"ט ארויסגעוויזן דעם געוואלדיגן אחריות ביים ארויסקומען שטימען אין די קריטישע "נאוועמבער וואלן" לטובת די קאנדידאטן וועלכע האבן געהאלפן, און וועלן בע"ה העלפן קרית יואל אויף טריט און שריט

דער פרעצעדענטלאזער אפרוף פון קרית יואל'ער ווילער, וועלכע האבן ארויסגעברענגט מער שטימען ווי סיי ווען בעפאר, האט ב"ה געברענגט די געווינטשענע רעזולטאטן אז אלע אנ"ש אינדארסירטע קאנדידאטן, סיי אין די קאונטי רעגירונג און סיי אין די טאון רעגירונג, זענען אריינגעקומען אין אמט בלויז אדאנק די הילף פון קרית יואל

דער שטארקער אחריות פון תושבי קרית יואל ארויסצוקומען שטימען לטובת די אנ"ש אינדארסירטע קאנדידאטן וועט בע"ה העלפן די שטאט קרית יואל צו וואקסן און בליען ביתר שאת, ברוחניות ובגשמיות, צו פארווירקליכן דעם רצון המייסד מרן רבינו הקוה"ט זי"ע עד ביאת הגואל, ומלכינו כ"ק מרן רבינו שליט"א בראשינו, בב"א.

מיט דאנק
אנשי שלומינו דקרית יואל

## אויסצוגן פון אינהאלטסרייכע דרשה פון באגאבטן פרינציפעל פון הייליגן מוסד "שערי חמלה"

# הרה"ח ר' לייבוש האלפערין הי"ו

(פארזעצונג פון זייט 36)

איינע פון די גרויסע זאכן וואס די עלטערן האבן זיך באקלאגט אין די סוירוויעס איז געווען אז זיי הערן נישט גענוג פון די סקול פון די טערעפיסט, א דאנק די בוקס זענען שוין די עלטערן ב"ה מער צופרידן.

"פערענט סעשאנס" דאס איז "בעק טו סקול נייטס". אונז האבן מיר דאס יאר שוין געהאט 3 מאל וואס אונז האבן מיר געמאכט אן 'איוועגט' פאר עלטערן. "בעק טו סקול נייט" האבן מיר דא געהאט איבער 100 עלטערן וואס זענען אריינגעקומען. ווען דר. ברוקס איז אהערגעקומען האבן מיר אים געבעטן ער זאל קומען א נאכט בעפאר רעדן צו עלטערן האבן מיר דאן אויך געהאט בערך 70 עלטערן. חנוכה האט די פרי סקול געמאכט א פארשטעלונג פאר די עלטערן, חוץ פון 3 עלטערן וועלכע האבן געהאט א סיבה וואס זיי קענען נישט אריינקומען זענען אלע עלטערן אריינגעקומען זען וואס מען האט געטון דארט.

האט ער פון עירפארט גענומען א טעקסי צום מוסד וואס ער האט געשטיצט. ער איז אנגעקומען אין ביהמ"ד ער האט געזען א געוואלדיג קול תורה ס'געווען א גרויסע בילדינג ס'געשטאנען מיט גרויסע אותיות אז דאס האט ער מנדב געווען לע"נ ווער ער האט עס געהאט מנדב געוועזן.

ער איז אריינגעגאנגען האט ער ארויסגערופן די וואס האבן געפירט דעם מוסד, און ארויסגענומען די טשעק ביכל. דאס וואס ער האט ביז יעצט געגעבן האט ער צוגעגעבן דאפלט. צוריק אריין אין קאר צוריקגעפארן צום עירפארט צוריק אהיים צו זשענעווע.

דעם נעקסטן צופרי איז דער אנדערער משולח אריינגעקומען האט ער געזאגט, "האסט געזאגט איך זאל היינט צוריק קומען", האט ער געזאגט "יא, איך האב דיר טאקע געזאגט זאלסט צוריקקומען. איך האב דיר נאר געוואלט לאזן וויסן, אז האסט מיר נעכטן געזאגט אז עס איז נישט אמת. איך בין נעכטן געווען אין א"י כ'בין געווען זייער אויפגערעגט פון וואס דו האסט מיר געזאגט, כ'בין אהינגעפארן איך בין געגאנגען אויסטשעקן, זאלסטו וויסן איך האב געהאט בדעה דיר כאטש עפעס צוגעבן אבער זאלסט וויסן פאר יענע מוסד האב איך נישט נאר געגעבן וואס איך האב געגעבן ביז יעצט נאר איך האב זיי צוגעגעבן דאפלט".

כלפי מה דברים אמורים, ס'איז דא א מוסד וואס עס רופט זיך שערי חמלה, דער גרעסטע סטאקהאלדער דא אין דעם מוסד וואס איז געגרינדעט געווארן דורך דער רבי דער ברך משה זי"ע, איז דער באשעפער אליינס.

מען דארף עס נישט קומען פארציילן. ס'געווען מענטשן וואס האבן געזאגט וואס מ'טוט דא איז נישט גוט, ס'איז ביי מיר נישט קיין שום ספק, אלקים נצב בעדת קל, ווען באורד מעמבערס קומען זיך צוזאם, מ'קומט זען וואס גייט פאר אין מוסד, איז זיך דער אייבערשטער מצרף. דער רבוש"ע דארף נישט האבן קיין זשעט אנצוקומען, ס'איז ביי מיר קיין שום ספק אז דער רבוש"ע איז דא און דער רבוש"ע זעט וואס מ'טוט דא מיט דעם מוסד.

מיין ראש ישיבה הרב קאפעלמאן פלעגט זאגן, שטייט ווען לאה האט געגעבן די נעמען פאר די קינדער, האט זי געזאגט ביי יהודה זי האט אים גערופן יהודה, הפעם אודה את ה' אבער שטייט גראד נאכדעם ווייטער ותעמוד מלדת, פארוואס ותעמוד מלדת?

האט ער געזאגט שטייט אין ספרים אז מען דארף כסדר בעטן פאר ווייטער. מען דארף דאנקען פאר וואס ס'געווען ביז יעצט אבער מ'דאף בעטן פאר ווייטער. כ'טו די זעלבע זאך דא פאר די באורד מעמבערס, זיך באדאנקען פארוואס מ'האט געטון.

מ'האט אויפגעשטעלט א מוסד, א פעקטארי פון חסד פאר אידישע קינדערלעך וואס איך ווייס נישט צו ס'איז דא נאך אזא מוסד אין די וועלט, און בעט פאר ווייטער שטיצן די מוסד מ'זאל קענען ווייטער טון די עבודת הקודש וואס מ'טוט דא, אבער א תפלה צום באשעפער אז דער באשעפער האט געהאלפן מ'האט געקענט אויפשטעלן אזא מוסד, איז מיין תפלה צום באשעפער אז דער אויבערשטער זאל העלפן פאר יעדע באורד מעמבער זאל דער באשעפער באצאלן דאפעלט וויפל מ'האט געגעבן ביז יעצט און נאך אסאך מער. דער אויבערשטער איז דער גרויסע בעל יכולת דער אייבערשטער האט אלעס אז יעדער באורד מעמבער זאל זעהן ביי זיך און ביי זיין משפחה די ברכות וואס דער אויבערשטער געט, דער אויבערשטער זאל געבן בני חיי ומזוני אלעס אלעס וואס מען דאף צו האבן אין זכות פון העלפן די אידישע קינדערלעך.

יישר כח

### וואס דער אויבערשטער זאגט היינט!

איך וועל פשוט ענדיגן מיט א מעשה א מעסעדזש פאר באורד, איך מוז ענדיגן מיט א מעשה פון שווייץ.

אין זשענעווע איז געווען אמאל א גאר א גרויסע עושר וועלכע האט געהייסן סאפרא, א ספרדיש'ער איד וואס האט געהאט א אייגענע באנק, די ספרא באנק.

מר. ספרא פלעגט געבן אסאך אסאך געלט פאר א ספרדישע מוסד אין א"י. איינמאל איז אנגעקומען א משולח פאר עפעס א מוסד אין ארץ ישראל קיין זשענעווע, זיי האבן געהאט א אפוינטמענט מיט אים, און ער האט אים מסביר געווען "מר. סאפרא, איך ווייס אז איר גיבט טאקע אסאך געלט פאר יענע און יענע מוסד, אבער איך וויל דיר מודיע זיין אז די מוסד פירט זיך נישט אזוי ווי איר מיינט אז עס פירט זיך. דו האסט זיי געגעבן געלט לע"נ דיינע עלטערן, דו האסט זיי געגעבן א בילדינג, די בילדינג שטייט נישט און וואס מען האט דיר איינגערעדט אז מ'טוט דארט, איז נישט טאקע אזוי ווי ס'איז, קום מיט אונזער מוסד, אונז וועלן מיר דיר טאקע געבן, אונזער מוסד פארט בעסער".

זיי האבן אים געוואלט איבערצייגן אז ער זאל געבן די גרויס געלטער פארן צווייטן מוסד.

מר. ספרא איז געווען א גרויסער ביזנעס מאן האט ער געזאגט איך הער וואס איר זאגט, לאז מיך עס איבערטראכטן, קום צוריק מארגן אין די זעלבע צייט. מר. ספרא האט געהאט א אייגענע זשעט וואס איז געשטאנען אין זשענעווע ביים עירפארט. ווען דער משולח איז ארויסגעקומען האט ער גערופן זיין דרייווער זיי זענען ארויסגעפארן צום עירפארט, דזשענעווע עירפארט איז 15 מינוט אוועק.

זיי האבן זיך אריינגעזעצט אין פליגער און זיי האבן זיך אריבערגעכאפט שוין תיכף קיין אר"י. מען איז אנגעקומען קיין אר"י

# עפנטליכע דאנק צו אלע חשוב'ע איינוואוינער!

יום ה' לס' "ושמרני בדרך הזה" פ' ויצא תשע"ד לפ"ק

**טייערע און חשוב'ע תושבי "קרית יואל" שיחיו**

אין נאמען פון מיינע חשוב'ע שותפים העוסקים בצרכי ציבור באמונה, שפיר איך פאר א פליכט זיך **פערזענליך צו באדאנקן פאר די טויזנטער תושבי עירנו, פאר די פולסטע קאאפעראציע און חיזוק וואס איר האט ארויסגעוויזן דעם פארגאנגענעם דינסטאג,** מיט'ן ארויסקומען מאסנווייז און שטימען פאר די געטרייע פאליטישאנס, וועלכע האבן אונז כסדר געהאלפן און וועלן אי"ה פארטרעטן די אינטערעסן פון גאנץ קרית יואל, פאר די קומענדיגע יארן.

**חסדי ה' כי לא תמנו! די יעצטיגע וואלן האט ווידעראמאל געצייגט, ווי דער גרויסער כח פון אבינו רועינו רבינו הקדוש זי"ע, טוט אונז באגלייטן אויף טריט און שריט, צו פארזיכערן אז זיין הייליג שטאט וואס ער האט אויפגעשטעלט מיט מסירת נפש לשמו ולזכרו, זאל האבן א קיום בס"ד עד ביאת הגואל, ולא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי!**

ווי באקאנט האבן די יעצטיגע וואלן ליידער געטראגן א נייער משמעות, ווען עס האבן זיך צוזאמענגענומען פארשידענע עלעמענטן אין אונזער שכינות, וועלכע קענען נישט טאלארירן דעם הערליכן וואוקס און עתיד פון אונזער שטאט, און האבן פרובירט מיט אלע טאקטיקן, אנצוהעצן די שכנים - באזירט אויף לעכערליכע בלבולים און זינלאזע טעאריעס - אין פארזוך ארויסצוברענגען די מאקסימום שטימען און ערוויילן די קאנדידאטן וואס זענען אנטשלאסן צו קעמפן קעגן קרית יואל און אפשטעלן איר וואוקס היל"ת!

מיר פון אונזער זייט וועלן בעז"ה ווייטער טוען אלעס אין אונזער מעגליכקייט צו לעבן בשלום מיט די שכנים און ברענגען א כבוד שמים, און דאס זעלביגע אנהאלטן מיט אונזער ליניע ארויסצואווייזן אונזער פולסטע הכרת הטוב און שטיצע פאר די געטרייע פאליטישאנס וואס שטרעקן זיך אויס פאר אונז, און זענען דא נאכצוקומען אונזערע געברויכן.

**אשריכם תושבי קרית יואל! בלויז א דאנק דעם וואס איר האט גאר ערנסט גענומען די וואלן, און ארויסגעקומען אין די מאסן אפגעבן אייערע שטימען, זענען ב"ה אונזערע פריינטליכע פאליטישאנס ערוויילט געווארן צו די וויכטיגע פאזיציעס. זכות הרבים תלוי בכם!**

יהי רצון אז דער גרויסער זכות פון ארויסהעלפן דער הייליגער שטאט מיט אירע טויזנטער אידישע קינדער בליעה"ר, זאל אונז אלע ביישטיין געהאלפן צו ווערן מיט אלע השפעות טובות, וזכותם הגדול של רבותינו הק' זאל אונז שטענדיג באגלייטן צו קענען אויספירן זייער שליחות און רצון, ביז מיר וועלן זוכה זיין מקבל צו זיין פני משיח צדקינו ומלכינו בראשינו בב"א.

מיט דאנק און עהרע

**אברהם ווידער**

KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT
48 Bakertown Road, Suite 401 Monroe, NY 10949 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176

- TRANSPORTATION DEPARTMENT -

בס"ד

# באס טראנספארטאציע זיכערהייט אנווייזונגען

## ונשמרתם מאוד לנפשותיכם:
## גיבט אכטונג אויפ'ן זיכערהייט פון אייערע קינדער!

### עלטערן דארפן וויסן אז:

- ווען מען באגעגנט זיך מיט א סקול באס וועמענ'ס רויטע לעמפלעך בלינקען, **מוזן די קארס פון אלע ריכטונגען זיך אפשטעלן אוןווארטן ביז די רויטע לייטס ווערן אויסגעלאשן.** מען דארף זיך אפשטעלן גענוג ווייט אז די קינדער זאלן קענען אדורכגיין זיכערערהייט. דער געזעץ איז נישט קיין קינדער שפיל נאר געצילט צו פארמיידן פון א סכנה! נעמט אין אכט אז מ'קען זיך רח"ל שפילן מיט'ן לעבן פון טייערע אידישע קינדערלעך!
- **אויב דאס קינד קען שוין נישט צייטליך אנקומען צום באס סטאפ, זאל מען בכלל נישט אהינשיקן דאס קינד, ענדערש פארשפעטיגן דעם באס ווי ערגערס ח"ו.**
**די דרייווערס זענען אנגעזאגט געווארן נישט אויפצונעמען א קינד וואס לויפט נאך דעם באס.**
- ביי קלענערע קינדער איז וויכטיג אז די עלטערן זאלן ווארטן מיט די קינדער ביים באס צופרי און אפווארטן ביים אהיימקומען.
- ווען מען רופט אריין מאכן א טויש פאר א קינד'ס סטאפ, מאכט שפעטער זיכער אז דאס קינד איז טאקע אנגעקומען אויפ'ן נייעם פלאץ וואו איר האט געהייסן אים שיקן.

### עלטערן דארפן אנזאגן די קינדער אז:

- ווארטנדיג אויפ'ן באס טאר מען נישט שטיין ביים עק סיידוואלק, און זיכער נישט אויפ'ן ראוד חלילה.
- ווען דער באס קומט אן צום באס סטאפ, טאר מען נישט צוגיין צום באס ווילאנג דער באס קומט נישט צו א גענצליכער אפשטעל און עפנט די טיר.
- ווען מען קראָסט אריבערצוגיין צום באס, מוז מען גוט קוקן פון אלע זייטן צי עס קומען נישט קיין קארס און אזוי אריבערגיין (און נישט זיך פארלאזן אז די קאר וועט זיכער סטאפן).
- אויב עס פאלט עפעס אראפ נעבן באס, טאר מען עס בשום אופן נישט אויפהייבן פאר מען מעלדט נישט פארן דרייווער אז מען וויל עפעס אויפהייבן נעבן דעם באס [און דאס איז פונקט אזוי וויכטיג פאר די עלטערן זעלבסט].
- ביים אריבערגיין דעם באס זאל מען גיין גענוג ווייט פארנט פונעם באס אז מען זאל קענען זען דעם דרייווער'ס אויגן - און אזוי וועט דער דרייווער דיך אויך קענען זען.
- ווען מען קומט אהיים פון חדר/סקול מוז מען קודם אריינקומען אין שטוב זאגן אז מען איז אהיימגעקומען, און דערנאך קען מען צוריק ארויסגיין זיך שפילן.

# חוסו נא על עוללינו וטפינו!

## - טראנספארטאציע נומערן -

| טראנספארטאציע אפיס | סקעדזשול אינפארמאציע | עמוירזשענסי נומער |
|---|---|---|
| (נישט פאר עמוירזשענסי) | ת"ת ובית רחל - (845) 414-0099 | (צב"ש א קינד איז נישט אנגעקומען אהיים) |
| 782-3687 | שערי חמלה - 782-7510 #282 | 782-2300 EXT 123 |

# הילכיגער קידוש השם ביי הערליכן באזוך פון




דער גרויסער שילד וואס האט אנטפאנגען די אפיצירן
"מיר סאלוטירן אונזערע געשעצטע געסט פון די מיליטערישע כוחות"




די אפיצירן ווערן אויפגענומען דורך די סקול אדמיניסטראציע און איינגעשטעלטע,
בשעת זיי באטראכטן דעם שילד וואס סאלוטירט זיי



דער באגאבטער סופעראינטענדנט ר' יצחק מאיר פעטלין נ"י טרעט אויף מיט א קורצע
שילדערונג איבער די היסטאריע פון סאטמאר, די איבערפלאנצונג פון ארגינעלע
אידישקייט על אדמת אמעריקע דורך רביה"ק זי"ע, און די גרינדונג פון קרית יואל




די פארשידענע ראנגען און סימבאלן פון די קאפיטאנען ציינגן
צו וועלכע אפטיילונג זיי געהערן און וואו זיי האבן געדינט







הערליכע דעקארירונגען וואס זענען אהערגעשטעלט
געווארן דורך די טייערע קינדערלעך שיחיו לכבוד די אפיצירן



די אפיצירן באטראכטן מיט פארגעניגן די הערליכע טאוולען און
דעקאראציעס וואס די קינדערלעך האבן אזוי שיין אהערגעשטעלט

# וועסט פוינט אפיצירן אין היילינגן מוסד "שערי חמלה"




"מיר סאלוטירן אונזערע טרופן"



די אפיצירן ווערן איינגעטיילט אין גרופעס און ארומגעפירט אינעם סקול.
איין גרופע איז געפירט געווארן דורכ'ן איבערגעגעבענעם מנהל
הרה"ח ר' ידידי' פישער הי"ו און הר"ר יושע קארנבלי הי"ו




אן אנדערע גרופע ווערט ארומגעפירט דורך דעם חשוב'ן
פרינציפל הר"ר לייבוש האלפערין הי"ו



די אפיצירן אינעם עס-זאל
נעמען אויף מיט פרייליכער
איבערראשונג די ספעציעלע
מתנה וואס די חשוב'ע
קינדערלעך האבן פלוצלונג
אריינגעברענגט אינעם זאל



די גרופעס שמועסן מיט די סקול אדמיניסטראציע און איינגעשטעלטע



די אפיצירן הערן זיך צו מיט אויפמערקזאמקייט און פרעגן דורכדרינגליכע פראגעס,
ווענדיג פארשטיין קלאר דעם הלוך ילך פון ערליכע אידן



הר"ר יצחק גרינפעלד הי"ו סאלוטירט




די אפיצירן פאטאגראפירן זיך ביים בארימטן "ברוכים הבאים צו קרית יואל" טאוול

# פון צווישן די ווענט אין שערי חמלה



בייס גייסטרייכן "פרישטאג" אינערהאלב די סקול דיסטריקט אדמיניסטראציע



הרה"ח ר' בערל פאלאטשעק הי"ו, מחברי הנהלת מוסדות קרית יואל ובאורד מעמבער קרית יואל סקול דיסטריקט, מכובד מיט ברהמ"ז



דר. ברוקס טרעט אויף אין שעראטאן האטעל בייס "סופעראינטענדענט קאנפערענץ" פאר די אדמיניסטראציע און איינגעשטעלטע אין מוסד הק' שערי חמלה



טייל פון די פארזאמלטע מחנכים און עקספערטן פונעם מוסד הק' שערי חמלה ביי די ספעציעלע קאנפערענץ אין שעראטאן האטעל

## אנגעהויבן די ארבעט ביים וויכטיגן "מירון-רימאנוב קאנעקטאר ראוד"









# KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT

48 Bakertown Road Suite 401 • Monroe, NY 10950 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176


# חשוב׳ע איינוואוינער פון קרית יואל!

אזוי ווי מיר האבן לעצטנס אריינבאקומען עטליכע קאמפלעינטס
פון פארשידענע פעלער ווען דרייווערס זענען דורכגעפארן די סקול באסעס
ווען די רויטע לייטס זענען געווען אנגעצינדן.

**ווילן מיר נאכאמאל אויפמעקזאם מאכן דעם חשוב׳ן ציבור**

## אז דאס איז א שרעקליכע סכנה ה״י

אריבערפארן א סקול באס ווען די לייטס בלינקען איז אומלעגאל,
און מען קען פארלירן די לייסענס פארן פארלעצן דעם געזעץ.

**A new school year is beginning!**

**We are still receiving numerous complaints with respect to motorists who pass school buses when the school bus has their lights flashing. Passing school buses when the bus has flashing lights is dangerous and illegal!**

**מיט דאנק פאר אייער קאאפעראציע און פארשטענדעניש**

**די טראנספארטאציע דעפארטמענט**




Introducing
Homestyle Turkey Roll
Our new family-size homestyle turkey roll packs. Available on-the-roll and in sliced 16-oz. varieties, our home-style recipe makes for a mouthwatering addition to your sandwich, salad and cold cut platter.
Get more for less:
Cheaper by the pound than smaller sizes.
FAMILY PACK
FULLY COOKED
HOMESTYLE TURKEY ROLL
Home-style
now comes in
Family Pack
KJ Poultry®
בית השחיטה המהודרת
בהשגחת
הרה"ג ר' געציל
בערקאוויטש שליט"א
דומ"ץ קרית יואל
Available at your local supermarket • For wholesale call: 783-8085 or 845-662-5287
DESIGN & PRINT / 845.782.3382


Mmm...
Crunchy..!
kosherfest
Winner 2013
Kosherfest
New Product Competition
Best New
Deli Meat
DESIGN & PRINT / 845.782.3382
KEEP FROZEN
KJ Poultry
Breaded
Chicken Fries
Shaped Patties
Family Pack
Ready to cook Breaded Chicken Fries for a crunchy delicious meal.
Available at your local supermarket
For wholesale call: 783-8085 or 845-662-5287
KJ Poultry
בית השחיטה המהודרת
בהשגחת
הרה"ג ר' געציל
בערקאוויטש שליט"א
דומ"ץ קרית יואל

# EZRAS CHOILIM HEALTH CENTER

49 Forest Road • Monroe, NY 10950 • ***Tel.*** 845.782.3242 • ***Fax:*** 845.783.7133

***Chairman***
Abraham Wieder

***Board of Directors***
Moses Goldstein
Martin Schlesinger
Israel Sofer
Chaim N. Werczberger
Chaim N. Weinstock
Pinchas Kish
Ronald J. Cohen
N. R. Weiss
E. Srugo
E. Rubinstein

***Executive Director***
Joel Mittelman

בס"ד

# בשורה טובה תדשן עצם

עס איז אונז א גרויס פארגעניגן צו מעלדן
אז מיר טוען צושטעלן פאר אלע אונזערע פאציענטן דעם גאר וויכטיגן

## סליידינג פי
**(Sliding Fee)**
## פראגראם

צוגעשטעלט פאר אומשטענדן און/אדער פאציענטן וועלכע ווערן
נישט געדעקט דורך אינשורענס פאר סיי וועלכע סיבה, ווי למשל:

- **פראצעדורן וועלכע ווערן בכלל נישט באצאלט דורך אייער אינשורענס.**
- **בחורים, זומער איינוואוינער, אדער באזוכער פון אויסער די שטאט, וועלכע האבן נישט קיין היגע אינשורענס.**
- **איר טרעפט זיך פאר סיי וועלכע סיבה אן אינשורענס.**

מען קען אויסארבעטן מיט אונזער בילינג דעפארטמענט צו צאלן
ספעציעל ביליגע פרייזן, נאכ'ן צושטעלן די נויטיגע דאקומענטן,
און געוואנדן לויט די יערליכע פארדינסט אד"ג.

איינמאל מען שרייבט זיך איין אין דעם פראגראם, איז מען בארעכטיגט צו געניסן דערפון במשך דעם גאנצן יאר. מען דארף יעדעס יאר באנייען די אפליקאציע צו קענען געניסן פון אונזער פראגראם.

---

באזונדער איז איינגעשטעלט געווארן דער

## פראמפט פעי דיסקאונט
**(Prompt pay discount)**
## פראגראם

פאר פאציענטן וועלכע זענען נישט בארעכטיגט צו די "סליידינג פי" פראגראם

אויב באצאלט מען די גאנצע קאסטן אויפ'ן פלאץ פאר סיי וועלכן
פראצעדור (מיט געציילטע אויסנאמען), באקומט מען א **30% דיסקאונט!**

פאר מער דעטאלן
איבערביידע פראגראמען
ביטע זיך פארבינדן
מיט אונזער בילינג
דעפארטמענט אויף
**845-782-3242 #8**

מיט דאנק
## הנהלת עזרת חולים

DESIGN & PRINT / 845.782.3382

# SCHEDULE UPDATE

7/28/13

## VILLAGE OF KIRYAS JOEL
### BUS TRANSPORTATION SCHEDULE

(845) 783-8300 x14



## WALMART ROUTE

Riach Hachaim

**The route operates Monday through Thursday:** from 10:00 AM until 7:15 PM
**Friday:** from 10:00 AM until 2:00 PM **Summer:** 5:00✻✻
**Sunday:** from 11:00 Am until 6:00 PM

**Number on side indicates time of bus passing at that location**

**ODD HOURS** — 11:00-1:00-3:00-5:00-7:00

| Stop | Time |
|---|---|
| Shopping Center | :00 |
| Forest by Quickway | |
| Rimenev by Quickway | |
| Van Buren by Garfield | |
| Garfield by Hayes | |
| Taylor by Boy's School (Drop Off - on request) | |
| Hayes by Forest | :05 |
| Forest by Senior Citizens | |
| Forest by Mountain | |
| Forest by Acres | |
| Krolla by Satmar | |
| Satmar by Hayes | |
| Satmar by Acres | :08 |
| Acres by Israel Zupnick | |
| Israel Zupnick by Kahan | |
| Girl's School-Bakertown | |
| Toltchav by Dinev | :13 |
| Park & Ride | :15 |
| ✻ Target | :20 |
| ✻✻ Wal-Mart | :23 |
| *Riach Hachaim (Only when Open)* | :25 |
| Spring St. | |
| Main St. by Franklin Ave. | :30 |
| D.A. Wieder | :33 |
| Schunnemunk | |
| Keren Vayoel Moshe | |
| Shopping Center | :40 |
| Seven Springs | |
| Mountain View | |
| Ruzhin | |
| Krakow | |
| Mezabish | |
| Nickelsburg & Tzfas | :45 |
| Volova & Sasev | |
| Mountain & Karlin | |
| Acres | |
| Acres & Lemberg | :48 |
| Bakertown | |
| Toltchav by Dinev | :00 |

**EVEN HOURS** — 10:00-12:00-2:00-4:00-6:00

| Stop | Time |
|---|---|
| Toltchav by Dinev | :00 |
| Israel Zupnick | |
| I. Zupnick by Kahan | |
| I. Zupnick by Acres | |
| Acres by Satmar | |
| Satmar by Hayes | |
| Satmar by Krolla | |
| Acres by Forest | |
| Forest by Mountain | :05 |
| Mountain & Karlin | |
| Sasev & Volova | |
| Taitch | |
| Chevron (Aishes Chayil) | |
| Nickelsburg & Tzfas | |
| Mezabish | |
| Krakow | :08 |
| Ruzhin | |
| Mountain View | |
| Seven Springs | |
| Schunnemunk | |
| Keren Vayoel Moshe | |
| Shopping Center | :15 |
| Van Buren by Garfield | |
| Rimenev by Quickway | |
| Forest by Quickway | |
| Forest by Preshburg | |
| Forest by D.A. Wieder | :16 |
| Frenklin Ave. (Shortcut to lake St.) | :18 |
| Spring St. | |
| *Riach Hachaim (Only when Open)* | :25 |
| ✻ Target | :27 |
| ✻ Wal-Mart | :30 |
| Toltchav by Dinev (Drop Off - on request) | |
| Meron-leipnik | :40 |
| Kahan by Israel Zupnick | :45 |
| Israel Zupnick by Acres | |
| Acres by Satmar | |
| Satmar by Hayes | |
| Satmar by Krolla | |
| Acres by Forest | :50 |
| Forest by Mountain | |
| Forest by Senior Citizens | |
| Shopping Center | :00 |

✻ (Only when Riach Hachim Is Closed)   ✻✻ (call for verification)

## WOODBURY COMMON

**The route operates Monday through Thursday:**
from 9:15 AM until 6:20 PM

**Number on side indicates time of bus passing at that location**

**ODD HOURS** — 9:30-11:30-1:30-3:30-5:30

| Stop | Time |
|---|---|
| Shopping Center | :30 |
| Forest by Quickway | |
| Rimenev by Quickway | |
| Van Buren by Garfield | |
| Garfield by Hayes | |
| Hayes by Forest | |
| Forest by Senior Citizens | |
| Forest by Mountain | :35 |
| Forest by Acres | |
| Krolla by Satmar | |
| Satmar by Hayes | |
| Satmar by Acres | |
| Acres by Israel Zupnick | |
| Israel Zupnick by Getzel Berger | |
| Getzel Berger | |
| Getzel Berger by Kahan | :40 |
| Girl's School - Israel Zupnick | |
| Toltchav by Dinev | :42 |
| Bakertown | |
| Park & Ride | |
| Dundenberg | |
| Rt. 32 (Drop Off - on request) | |
| **Woodbury Common** (Shortline Bus Stop) on the Even hours | :00 |
| Dundenberg | |
| Spring St. | |
| Main St | |
| Franklin Av. | |
| D.A. Wieder | :11 |
| Toby | |
| Mountain View | |
| Ruzhin | |
| Krakow | |
| Mezabish | |
| Nickelsburg & Tzfas | |
| Chevron (Drop Off - on request) | :15 |
| Taitch | |
| Volova & Sasev | |
| Mountain & Karlin | :18 |
| Forest | |
| Forest by Senior Citizens | |
| Shopping Center | :30 |

**EVEN HOURS** — 10:30-12:30-2:30-4:30

| Stop | Time |
|---|---|
| Shopping Center | :30 |
| Forest by Quickway | |
| Forest by Preshburg | |
| D.A. Wieder | :31 |
| Toby & Mountanview | |
| Ruzhin | |
| Krakow | |
| Mezabish | |
| Nickelsburg & Tzfas | :35 |
| Chevron (Aishes Chayil) | |
| Taitch | |
| Volova & Sasev | |
| Mountain & Karlin | |
| Forest by Acres | :38 |
| Krolla by Satmar | |
| Satmar by Hayes | |
| Satmar by Acres | |
| Acres by Israel Zupnick | :40 |
| Israel Zupnick | |
| Kahan | |
| Meron (Filmore-Kalev Short cut) | |
| Leipnik & Teverya | |
| Park & Ride | :42 |
| **Woodbury Common** (Shortline Bus Stop) on the Odd hours | :00 |
| Dundenberg | |
| Park & Ride | |
| Lipnick & Teverya | :06 |
| Meron (Filmore-Kalev Short cut) | |
| Kahan | |
| Israel Zupnick by Kahan | |
| Toltchav by Dinev | :10 |
| Girl's School, Bakertown | :15 |
| Israel Zupnick by Getzel Berger | |
| Acres by Israel Zupnick | |
| Satmar by Acres | |
| Satmar by Siget | |
| Satmar by Hayes | |
| Krolla by Satmar | |
| Forest by Acres | |
| Forest by Mountain | :18 |
| Forest by Senior Citizens | |
| Shopping Center | :30 |

## LOCAL ROUTE

**The route operates Monday through Thursday:** from 9:00 AM until 6:30 PM
**Friday:** from 9:00 AM until 1:00 PM - **Summer Months:** until 2:00 PM
**Sunday Winter Months:** from 10:00 AM until 6:30 PM
**Sunday Summer Months:** from 11:00 AM until 6:30 PM

**Number on side indicates time of bus passing at that location**

**ODD HOURS** — 9:00-11:00-1:00-3:00-5:00

| Stop | Time |
|---|---|
| Toltchav by Dinev | :00 |
| Kahan by I. Zupnick | |
| I. Zupnick by Acres | |
| Acres by Satmar | |
| Satmar by Hayes | |
| Satmar by Krolla | |
| Forest by Mountain | :05 |
| Forest by Senior Citizens | |
| Keren Vayoel Moshe | |
| Shopping Center | :09 |
| Forest by Quickway | |
| Rimenev by Quickway | :10 |
| Van Buren by Garfield | |
| Garfield by Hayes | |
| Schunnemunk by Forest | |
| Koznits | |
| D.A. Wieder | :15 |
| Seven Springs | |
| Mountain View | |
| Ruzhin | |
| Krakow | :20 |
| Mezabish | |
| Nickelsburg & Tzfas | :23 |
| Chevron (Aishes Chayil) | |
| Taitch | :25 |
| Volova & Sasev | |
| Mountain & Karlin | |
| Shopping Center | :35 |
| Garfield | |
| Forest by Senior Citizens | |
| Forest by Mountain | |
| Acres - Krolla | |
| Acres & Lemberg | :38 |
| Acres - Satmar | |
| Zupnick | |
| Meron by Kahan | :40 |
| Meron (Filmore-Kalev Short cut) | |
| Leipnik & Tevrya | |
| Bussines Center | :42 |
| Girl's School - I. Zupnick | |
| Kahan by I. Zupnick | :45 |
| I. Zupnick by Acres | |
| Acres by Satmar | |
| Satmar by Hayes | |
| Satmar by Krolla | :48 |
| Acres by Forest | |
| Shopping Center | :00 |

**EVEN HOURS** — 10:00-12:00-2:00-4:00-6:00

| Stop | Time |
|---|---|
| Shopping Center | :00 |
| Forest by Quickway | |
| Rimenev by Quickway | |
| Van Buren by Garfield | |
| Garfield by Hayes | |
| Taylor by (Drop Off - on request) | |
| Hayes by Forest | :05 |
| Forest by Senior Citizens | |
| Forest by Mountain | |
| Krolla by Satmar | |
| Satmar by Hayes | |
| Satmar by Acres | :09 |
| Acres by Israel Zupnick | |
| Getzel Berger | |
| Meron (Filmore-Kalev Short cut) | :10 |
| Leipnik & Tevrya | |
| Bussines Center | :13 |
| Israel Zupnick by Kahan | :15 |
| Israel Zupnick by Acres | |
| Acres by Lemberg | |
| Acres by Krolla | |
| Mountain & Karlin | |
| Sasev & Volova | :18 |
| Taitch | |
| Chevron (Aishes Chayil) (Drop Off on request) | :20 |
| Nickelsburg & Tzfas | |
| Mezabish | |
| Krakow | :25 |
| Ruzhin | |
| Mountain View | |
| Seven Springs | |
| D.A. Wieder | :30 |
| Koznits by Schunnemunk | |
| Keren Vayoel Moshe | |
| Shopping Center | :40 |
| Rimenev by Quickway | |
| Van Buren by Garfield | |
| Garfield by Hayes | |
| Forest by Acres | |
| Satmar by Krolla | :45 |
| Satmar by Hayes | |
| I. Zupnick by G. Berger | :48 |
| Getzel Berger | |
| Kahan by I. Zupnick | |
| Toltchav by Dinev | :00 |

ביטע שנייד דאס אויס און לייגט דאס אוועק פאר אייער באקוועמליכקייט

---

לאקעל רוט / טאון רוט:

| | |
|---|---|
| ערוואקסענע: | $1.50 |
| עלטערע/דיסעבעלד/מעדיקער באנוצערס און קינדער (פון 3 ביז 12): | 75 סענט |
| קינדער אונטער 3 יאר | פריי |

וואודבארי-קאמען רוט/וואל-מארט רוט:

| | |
|---|---|
| ערוואקסענע: | $3.00 |
| עלטערע/דיסעבעלד/מעדיקער באנוצערס און קינדער (פון 3 ביז 12): | $1.50 |
| קינדער אונטער 3 יאר | פריי |

# VILLAGE OF KIRYAS JOEL
## TRANSPORTATION DEPARTMENT
# טיקעט אינפארמאציע

מיר ווילן נאכאמאל דערמאנען די חשוב'ע רייזענדע, אז מיר האבן צוגעשטעלט טיקעט ביכלעך
פאר'ן באקוועמליכקייט פון די רייזנדע, וואס וועט ערמעגליכן צו באקומען בעסערע פרייזן,
און נישט קיין חילוק וויפיל געלט איר האט וועט איר שטענדיג קענען באצאלן פאר א ביכל:

**פאר $2** — באקומט איר טשעינדזש 50 צענט טיקעט, וואס איר קענט נוצן קומענדיגע מאל מיט א דאלאר.

**פאר $5** — באקומט איר א ביכל פון 3 טיקעטס און א 50 צענט טיקעט

**פאר $10** — באקומט איר 2 פון די $5 ביכלעך

**פאר $15** — באקומט איר א ביכל פון 11 טיקעט'ס. - ד.ה. אז איר באקומט איין טיקעט אומזינסט

**פאר $20** — באקומט איר א $15 ביכל מיט א $5 ביכל ד.ה. אז איר באקומט איין טיקעט אומזינסט

**פאר $30** — באקומט איר א ביכל פון 23 טיקעטס ד.ה. אז איר באקומט 3 טיקעטס אומזינסט




**קויפט א $30 ביכל**
און צאלט נאר
$1.30 פער טיקעט
אנשטאט $1.50

אויב פארט איר קיין
**וואודבערי קאמען** אדער **וואל מארט**
דאן צאלט נאר
$2.60 (2 טיקעט'ס)
אנשטאט $3

**אכטונג!**
מאכט זיכער אז איר באצאלט אייביג,
און איר בלייבט נישט שולדיג
און נישט מיט קיין קרעדיט

מיט דאנק
ווילדזש טראנספארטאציע דעפארטמענט

**געדענקט:**
אז איר ווילט זיך שפארן $4.50,
קויפט די $30 ביכל,
וואו איר באקומט 3 טיקעטס אומזיסט.

אין הגאות, אדער אין א שלעכטע וועטער
רופט: 783-8300 1-4-2
פאר סקעדזשול טוישונגען

**אכטונג!**
דער דרייווער האט נישט צו געבן קיין טשענדזש פון קיין שום סכום, בלויז טיקעטס.
די ביכלעך קענט איר אליינס נוצן אדער אוועקגעבן פאר א צווייטן, און ס'עקספייערט נישט.

KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT
48 Bakertown Road Suite 401• Monroe, NY 10950 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176

TRANSPORTATION DEPARTMENT

בס"ד

# ונשמרתם מאד לנפשותיכם

שטייענדיג אין די ווינטער חדשים ווען די סקול באסעס
קורסירן אין די גאסן ווען עס איז שוין טונקל

**טוען מיר נאכאמאל דערמאנען און אויפפאדערן
דעם גאנצן ציבור, מענער און פרויען, יונג און אלט**

# צו גיין מיט א רעפלעקטאר!

**ס'איז ממש סכנת נפשות עס צו פארנאכלעסיגן!**



אין די טונקלקייט פון די נאכט איז ממש
אוממעגליך צו באמערקן קינדער און אפילו ערוואקסענע
וואס גייען נישט מיט קיין ריפלעקטאר

**ספעציעלע בקשה צו די עלטערן:**

עס איז אייער פליכט און אחריות צו מאכן זיכער אז די קינדער
גייען אנגעטאן מיט רעפלעקטארס אויף זייערע מאנטלען.



וה' ישמור צאתינו ובואינו לחיים ולשלום

מיט דאנק

**די טראנספארטאציע דעפארטמענט**

# EZRAS CHOILIM HEALTH CENTER

49 Forest Road • Monroe, NY 10950 • *Tel.* 845.782.3242 • *Fax:* 845.783.7133

***Chairman***
Abraham Wieder

***Board of Directors***
Moses Goldstein
Martin Schlesinger
Israel Sofer
Chaim N. Werczberger
Chaim N. Weinstock
Pinchas Kish
Ronald J. Cohen
N. R. Weiss
E. Srugo
E. Rubinstein

***Executive Director***
Joel Mittelman

ב"ה

# בשורה טובה

דערמיט מעלדן מיר מיט גרויס צופרידנהייט אז צוליב דעם גרויסן פארלאנג וועט די "פידיעטריקס" אפטיילונג אינעם העלט צענטער ווערן געעפנט

**אן עקסטערע שעה**
**פון 8:00 ביז 9:00 אינדערפרי**

## בלויז פאר Walk-in פאציענטן,
## מען דארף נישט מאכן קיין אפוינטמענט

**ביטע זייט אויפמערקזאם!**

- די עקסטערע שעה איז דערוויל בלויז אין די **"פידיעטריקס"** אפטיילונג, נישט פאר ערוואקסענע פון 18 יאר און העכער.
- די שעה איז עוועלעיבל יעדן מאנטאג, מיטוואך, און דאנערשטאג. **דערווייל נישט דינסטאג.**
- די עקסטערע שעה איז אויסשליסליך בלויז פאר "לייכטע אפוינטמענטס", און בלויז פאר פאציענטן וועלכע שפירן זיך נישט גוט, אז מ'זאל קענען גיין אריין און ארויס ביז עטליכע מינוט.

פאציענטן מיט כראנישע פראבלעמען אד"ג, וועלכע קומען אפט צום דאקטאר און/אדער דארפן לענגערע אפוינטמענטס, ווי אויך די וואס ווילן קומען פאר א "Well visit", זאלן מאכן אפוינטמענטס און קומען בלויז אין די געהעריגע שעה'ן, פון 9 צופרי ביז 8 ביינאכט.

מיט דאנק
# הנהלת עזרת חולים

DESIGN & PRINT / 845.782.3382